STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06860

www.libtool.com.cn

# BAYM FENTSTER FUN A LEBN

Aliza Greenblatt

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG
www.libtool.com.cn

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

www.libtool.com.cn

מיט ליבשאַפט צו מיינע קינדער:

אַברהם יהושע

דוד משה

בן־אַביב

גיטעלע

און

חנהלע


www.libtool.com.cn

**עליזה גרינבלאַט**

סקולפּטור פון ענריקאָ גליצענשטיין

עליזה גרינבלאַט
www.libtool.com.cn

# ביים פענצטער פון אַ לעבן

פאַרלאַג עליזה
ניו־יאָרק
1966

ALIZA GREENBLATT
www.libtool.com.cn

# Beim Fencter Fun A Lebn

Copyright by

ALIZA GREENBLATT

3915 Neptune Ave.

Brooklyn, N. Y. 11224

1966

Printed by:
KNIGHT PRINTING CORPORATION
382 Lafayette Street, New York, N. Y. 10003
96

www.libtool.com.cn

* * *

...ס׳איז גוט צו זיין
אַ מענטש אַ פּשוטער אַזאַ:
לייענען אַ בוך,
אָנשרייבן אַ פּערז,
אויסהאָדעווען קינדער,
און קאָכן קאַשע מיט יויך...

ס׳איז גוט צו זיין
אַ מענטש אַ פּשוטער אַזאַ,
קוקן מיט ליבשאַפט אויף וועלט,
דאַנקען גאָט פאַר יעדן ביימל,
פאַר יעדן בלימל,
פאַר יעדן גרעזל, אויפן פעלד...

און אַז האַמלעטישער געדאַנק
פּילט אָן דיין האַרץ מיט פּיין?
זאָג צו זיך אַזוי:
נו, אַז איך וועל מער ניט זיין,
וועלט וועט אייביק זיין...

יאָ, ס׳איז גוט צו זיין
אַ מענטש אַ פּשוטער אַזאַ,
אָנשרייבן אַ פּערז,
לייענען אַ בוך,
אויסהאָדעווען קינדער,
און קאָכן קאַשע מיט יויך...

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# ערשטער טייל

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

## קאַפּיטל איינס

איך בין געבוירן געוואָרן אין דעם שטעטל אַזאַרעניץ, לעבן מאָהילעוו, ביים דניעסטער, צום גדליה, אין יאָר 1888. מיינע עלטערן האָבן אין יענער צייט געוואוינט אין מאָהילעוו, וואו זיי זיינען געווען אויף קעסט ביי מיין פאָטערס עלטערן, אָבער אויף קימפעט פלעגט מיין מוטער קומען קיין אַזאַרעניץ, צו איר מאַמען. דער מנהג איז געווען, אַז יונגע פאָרפאָלק זאָלן נאָך דער חתונה גיין אויף קעסט צו די עלטערן פון דער כלה, אָבער אַזוי ווי מיין מוטער איז געווען אַ יתומה, אָן אַ טאַטן, איז דעריבער געוואָרן אָפּגעמאַכט, אַז מיינע עלטערן זאָלן גיין אויף קעסט צו די עלטערן פון מיין פאָטער, וואָס זיינען געווען פאַרמעגלעכע מענטשן. זיי זיינען דאָרט אָפּגעווען גאַנצע ניין יאָר און דורך דער צייט האָט מיין מוטער געבוירן אירע צוויי קינדער, מיין שוועסטער און מיך. ווען די קעסט האָט זיך געענדיקט האָבן מיינע עלטערן זיך אומגעקערט פון מאָהילעוו קיין אַזאַרעניץ. איך בין דעמאָלט אַלט געווען פינף יאָר.

ווען איך טראַכט איצט צוריק און פרוּוו אַרויסשיילן פון מיין געדעכעניש דאָס בילד פון דער שטאָט מאָהילעוו, קומט אַלץ צו מיר קאַפּויער, פאַרנעפּלט און צעשוואומען ווי אין אַ חלום. אין פאַרגלייך מיטן שפּעטערדיקן שטעטל אַזאַרעניץ איז מאָהילעוו געווען אַ כרך, אַ גרויסע שטאָט, מיט גרויסע הייזער און מיט אַ „בולוואַר”. אָבער טראָץ די היפּשע קראָמען מיט דער שטאָטישער „אוטשילישטשע” האָט אויך מאָהילעוו געשמט מיט אירע היפּשע בלאָטעס, וואָס מען האָט גערופן די „סטאַוויסקער בלאָטעס”. מען פלעגט זאָגן, אַז ווען מען שטעלט אַריין אַ פוס אין די מאָהילעווער בלאָטעס, קאָן מען עס מער נישט אַרויסשלעפּן. דאָס איז כמעט אַלץ, וואָס איך געדענק פון דער שטאָט, וואו איך האָב אָפּגעלעבט די ערשטע פינף יאָר פון מיין לעבן. ערשט דאָס שפּעטערדיקע שטעטל אַזאַרעניץ ליגט ביי מיר אין זכרון פריש און בולט, אַזוי ווי איך וואָלט עס פאַרלאָזן ערשט נעכטן.

דאָס שטעטל איז געווען אַרומגערינגלט מיט הויכע בערג און איז געלעגן אין אַ שאָטנדיקן טאָל. די פויערים, וואָס האָבן געלעבט אין די אַרומיקע דערפער, האָבן געהאַט פעלדער מיט ווייץ און מיט קאָרן און

www.libtool.com.cn

סעדער מיט פרוכט־ביימער, און אַחוץ דעם האָבן זיי געהאָדעוועט עופות מיט בהמות. דאָס שטעטל אונדזערס, וואָס איז געלעגן אויפן דעק פון דעם טאָל, איז באַוואוינט געווען בלויז דורך יידן. די איינוואוינער זיינען געווען גרויסע אָרעמעלייט. בלויז איין ייד, אַזוי ווי אויף אַ רפואה, איז געווען אַ נגיד. ער איז געווען דער אייגנטימער פון אַ שניטקראָם און אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע, אָבער בלויז אין פאַרגלייך מיט זיי, איז ער געווען אַן עושר. ווייל אין אַזאַרעניץ האָט מען נישט געדאַרפט פאַר־מאָגן אַ סך, כדי אָנצוגייען פאַר אַ גביר. אַלע איבעריקע יידן זיינען געווען בעלי־מלאכות, שניידערס, אַ פּאָר שוסטערס, אַ פּאָר קרעמערס, עטלעכע הענדלער און צוויי בעלי־עגלות, וועלכע האָבן געלעבט דערפון, וואָס זיי האָבן געפירט פּאַסאַזשירן פון אַזאַרעניץ קיין מאָהילעוו און צוריק. אַ ביסל פּרנסה האָט דאָס שטעטל אויך געצויגן פון די חסידים, וואָס פלעגן אַהער קומען פון די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער צום רבין אויף די יום־טובים.

די איינציקע צוויי טעג אין חודש, ווען דאָס שטעטל האָט אויפגעלעבט, איז געווען יעדער אַנדערער דאָנערשטיק. דאָס זיינען געווען די טעג פון די יאַרידים. דאָס שטעטל האָט אין יענע צוויי טעג אינגאַנצן גע־ענדערט דאָס אויסזען. דער אַלע מאָל פאַרשלאָפענער מאַרק האָט אויפ־געלעבט. דער פּלאַץ איז פול געוואָרן מיט צוזאַמענגעפּאָרענע פּויערים, וואָס האָבן דאָ אַהער געבראַכט זייערע פּראָדוקטן און די יידן זיינען אין די דאָזיקע טעג געוואָרן טיכטיקע סוחרים. צו די יאַרידים פלעגן אויך קומען סוחרים פון אַנדערע שטעט. אַחוץ תבואה, פרוכטן מיט עופות, פלעגן די פּויערים אויך ברענגען טעפּ, טעפּעלעך מיט שיסעלעך, וואָס זיי האָבן אַליין אויסגעאַרבעט. איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן די דאָזיקע וואונדער־שיינע טעפּעלעך, וואָס זיינען געווען איינגעפּאַקט און אַרומגעוויקלט אין שטרוי, כדי זיי זאָלן נישט ווערן צעבראָכן. נאָך דעם ווי די פּויערים האָבן זיי פאָרזיכטיק אויסגעוויקלט פון דעם שטרוי, האָבן זיי ממש פאַרלויכטן דעם מאַרק. מיין באָבע פלעגט יעדעס מאָל איינקויפן עטלעכע פון די דאָזיקע טעפּעלעך און קריגעלעך און האָט זיי געשאָנקען ווי שפּילצייג פאַר די אייניקלעך.

אין די בילדער, וואָס טויכן איצט אויף אין מיין זכרון, איז דאָס שטעטל כמעט שטענדיק געווען איינגעהילט אין אַ גרויער וואָכעדיקייט און אין אָרעמקייט. די יידן זיינען אַרומגעגאַנגען אין אָפּגעטראָגענע מלבושים און די פרויען אין ביליקע ציצענע קליידלעך און מיט ווייסע טיכלעך, קוסינקעס, אויף די קעפּ. אַזוי זיינען זיי אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצע

www.libtool.com.cn

וואָך ביז עס איז געקומען שבת. דעם שבת האָט מען אָנגעהויבן צוגרייטן מיט צוויי טעג פריער. נאָך דאָנערשטיק אין אָוונט. עס האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן אַ געראַמעריי אין די הייזער, אומעטום האָט מען געבאַקן חלות און איבער די געסלעך האָבן זיך געטראָגן ריחות פון געקאָכטע פיש און געקאָכטע עופות. יעדער ייִד האָט געהאַט אַ ביסל ווייַן אויף קידוש, וועלכן ער האָט אַליין געמאַכט פון ראָזשינקעס, און אַחוץ דעם האָט יעדער אויך געהאַט איגן־געמאַכטן כריין. פרייטיק פאַרנאַכט זיינען די יידן געגאַנגען אין מרחץ אַריין און אויף די גאַסן האָבן זיך באַוויזן די קינדער אויסגעצוואָגענע און אויסגעפּוצטע און זיי האָבן פאַרלויכטן די גאַסן מיט זייער ריינקייט און מיט זייערע שבתדיקע מלבושימלעך. פאַר־נאַכט האָבן די פענצטער פון די הייזער געגומען אַרויסשיינען די שבתדיקע ליכט. נישט אַלע האָבן זיך געקאָנט דערלויבן אַריינצושטעלן די ליכט אין זילבערנע לייכטער. אין די אָרעמערע הייזער האָט מען די ליכט אַריינגעשטעלט אין מעשענע לייכטער, אויך לייכטער געמאַכטע פון קאַרטאָפל. און באַלד ווי עס האָט אַראָפּגענידערט די נאַכט האָבן זיך פון אַלע פענצטער דערהערט די געזאַנגען פון די שבתדיקע זמירות.

איך האָב שפּעטער, אין אַמעריקע, אַ סך מאָל מיך אומגעקוקערט צו מיין שטעטל און האָב עס געווידמעט אַ סך לידער. אין די בילדער, וואָס האָבן אויפגעטויכט אין מיין זכרון, איז דאָס שטעטל געווען „אַ שפּאַן נאָר די גרויס״:

מיין שטעטל אינגאַנצן
אַ שפּאַן נאָר די גרויס,
מיט פורפורנע בערגלעך באַזוימטע;
מיט גאָלדענעם קאָרן
מיט זילבערנע גרעטשקע,
מיט הימלען טיף־בלויע, פאַרטרוימטע,
מיט שלעסער פאַנטאַסטישע,
פון גינגאָלד געגאָסן,
מיט אַטלאַס און סאַמעט באַצויגן.
מיט פרינצן און גראַפן, ריטער און רייטער,
מיט בלויע, פאַרחלומטע אויגן;
מיט ביימער און פעלדער, פאַרכישופטע וועלדער,
מיט קאַרשן און ווייַנשל און טרויבן,
מיט טאַטעס און מאַמעס, מיט יום־טוב און שבת,
מיט הייליקן, געטלעכן גלויבן.

www.libtool.com.cn

ווי אַ גענעץ גרויס מיין שטעטל,
הייזלעך שטייען שטום און גרוי,
ווי עס וואָלט אַ האַנט אַ פרעמדע
זיי צעוואָרפן גלאַט אַזוי...
געסלעך קרומע, אויסגעדרייטע
שלענגלען זיך אַוועק צום שליאַך,
און דעם רבינס ציג די רויטע
צופּט דאָס שטרוי פון רבינס דאַך.
טאַטעס אויסגעצערטע, בלאַסע,
זיינען כמורנע און פאַרזאָרגט,
נישטאָ אַ גראָשן צו פאַרדינען,
אויף שבת שטענדיק נאָר מען באָרגט.
און די ליבע, גוטע מאַמעס
פאַר דער צייט זיי ווערן אַלט,
שטענדיק טראָגן, זויגן, זאָרגן,
אונטער שווערן יאָך מען פאַלט.
הייבט אַ יידיש קינד די אויגן
שפּיגלט זיך אין זילבער־טוי.
„גאָט אין הימל — פרעגט דאָס קינד —
פאַרוואָס ליידן מיר אַזוי?".

און די בערג אַרום דעם שטעטל
זען אַלץ און בלייבן שטום.
און די מענטשן הוילע, בלויזע,
וואָגלען ווי די מתים אום.

אין אַ ליד „מיינע קינדערשע חלומות", וואָס כ׳האָב אָנגעשריבן פיל שפּעטער, ווען כ׳בין שוין געווען אין ניו־יאָרקער סי־געיט, זיינען מיר צוריק געקומען אין געדעכעניש אַ סך פּרטים — נישט בלויז פון דער גרויער וואָך, נאָר אויך די טעג פון יום־טוב און פון פרייד, אָבער דער עיקר — דער פריילעכסטער טאָג פון יאָר, דער טאָג פון שמחת־תורה, ווען די יידן האָבן געטאַנצט איבער די גאַסן מיט די ספר־תורהס:

www.libtool.com.cn

# מיינע קינדערישע חלומות

כ'האָב אָנגעשעפּט עמערם — פול מיט פריש קרישטאָלענעם וואַסער —
פון אונדזער שטאָטישער קרעניצע,
און איך טרינק אַ דורשטיקע מיינע קינדערישע חלומות.
נאָך פיל איך דעם אַראָמאַט פון אונדזער קליינעם אַקאַציע־ביימל,
איינגעטונקען אין מאַיאָווע צווייט.
און אָט ליגן גויאישע סעדער אַזוי רחבותדיק צעבליט.
נאָך שטייט מיר פאַר די אויגן אונדזער האַלב־איינגעפאַלענער מויער,
מיט סקריפּענדיקן צעבראָכענעם טויער.
און אָט זע איך אונדזער געלע הון אַ צעפּליקטע, וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען שוין חדשים אַ פּאָר,
אַ הויכער האָן, מיט אַ רויטן קאַם, שפּאַצירט אַ שטאָלצער אַרום איר,
דאָס האָט ער זי צוריקגעבראַכט גאַנץ קאַיאָר,
ער זינגט אויס אַ סערענאַדע — קו—קו—רע—קו!
און אַ ווידער־קול ענטפערט אָפּ: רע—קו—קו!
און פילט אָן אונדזער שטעטל מיט מעשי־בראשית רו.

און אָט שפּאַנט אונדזער שכן שלמה ראַבעי,
גייט מיט געמאָסטענע טריט, פירט זיין דאַרע, שוואַרצע קו,
זיין פּרנסה־געבערין, אין פעלד אַריין זיך פּאַשען.
און אָט דער קליינער וואַסילי מיט באָרוועסע פיס און פּוטערנע קוטשמע
טרייבט זיין טשערעדע פעט־געפינטלטע שאָף,
זיי לויפן פריילעכע זיג־זאַג, די קליינע שעפּעלעך טוליען זיך
צו מאַמעס ברוסט און מעקען: מע־מע־מע־מע.
דער שטויב, ווי אַ זילבער־רעגן, שפּרייט זיך אויף די וועגן,
ברענגט מיט זיך דעם אַראָמאַט פון שאָפענער מילך, האַרדע און קעז,
און פריש געשניטענעם בעז.
און אָט איילן יידן גאַנץ קאַיאָר אין שול אַריין,
ניט צו פאַרשפּעטיקן חלילה דעם ערשטן מנין.
יידן מיט לאַנגע בערד, אָפּגעטראָגענע קאַפּאָטעס,
מיט אַ גמרא־ניגון אויף אויסגעבלייכטע פּנימער

www.libtool.com.cn

און דאגות פון יידישע טאַטעס...
און אַט טאַנצן גאַטס יידעלעך שמחת־תורה אין די גאַסן,
דאָס פירן זיי אונדזער רבין, הרב ברוך מאירל, זכרונו לברכה,
זיי פירן אים אונטער אַ זיידענער חופּה אין קלויז אַריין.
חסידים טאַנצן, זינגען, פּליעסקן מיט די הענט,
יום־טובדיקע יידעלעך, איר וואָלט זיי אָסור דערקענט.
און אַט גייען יידן מיט הקפות, טראָגן שטאָלצע הייליקע ספר־תורהס
איינגעהילטע אין זייד מיט גאָלד־געשטריקטע מענטעלעך,
די קלויז באַלויכטן מיט סטערינאָווע ליכט און בליץ־לאָמפּן,
דער אָרון־קודש ברייט צעעפנט, אַזוי פּראַכטפול־שיין,
יידן ווינטשן זיך: דערלעבט איבער אַ יאָר, דערלעבט איבער אַ יאָר!
און מיר, קינדערלעך, מיט ווייס־בלויע פאָנען, מיט רויטע
עפּעלעך, אָנגעצונדענע ליכטלעך,
ציען זיך אויף שפּיץ פינגער צו דערלאַנגען צו קושן די הייליקע
ספר תורהס,
און זינגען נאָך: אָמן, ואָמן!
כ'האָב אָנגעשעפּט פולע עמער מיט פריש קרישטאָלענעם וואַסער
פון אונדזער שטאָטישער קרעניצע,
און איך טרינק אַ דורשטיקע מיינע קינדערישע חלומות.

## קאַפּיטל צוויי

פון מיינע צוויי זיידעס און באָבעס געדענק איך אַ סך בעסער דעם זיידן פון מיין פאָטערס צד, ר׳ איציקל אהרונזאָן. אַליין איז ער געווען אַ געבוירענער אין בערדיטשעוו, אָבער ער איז שפּעטער, ווען ער איז געוואָרן אַ קיילעכדיקער יתום, אַריבערגענומען געוואָרן פון אַ קרובה, ברײנע סאַראָקער, קיין מאָהילעוו, וואו ער האָט זיך אויפגעצויגן און וואו ער האָט אָפּגעלעבט אַלע זיינע יאָרן. דאָרט, אין מאָהילעוו, איז געבוירן געוואָרן מיין פאָטער, אברהם אהרונזאָן.

דעם זיידן געדענק איך זייער גוט. ער איז געווען אַ קליין־געוויקסיק יידעלע מיט אַ זילבער־ווייסע באָרד, וואָס האָט געהאַט צוויי שאַרפע שפּיצן. אינמיטן דער וואָך האָט ער געטראָגן אַ טוכענע קאַפּאָטע מיט אַ טוכן היטל, אָבער שבת האָט פון אים אַראָפּגעגלאַנצט אַ זיידענע קאַפּאָטע מיט אַ זיידענעם גאַרטל און ער האָט געטראָגן אַ היטל פון סאַמעט. ער איז געווען אַ גאָר שטאַרק פאַרנומענער און אַן אויפגערעגטער. זייענדיק אַ לערנער זיינען ביי אים אויפן טיש שטענדיק געלעגן ספרים. איך

www.libtool.com.cn

געדענק אים, ווי ער איז אָפּט געזעסן ביים טיש, אַריינגעקוקט אין אַ ספר דורך זיינע גרויסע שפּאַקולן און געקרעכצט. צוויי מאָל אין טאָג איז ער געגאַנגען דאַוונען אין יאַרשעווער שולעכל. ער האָט געהאַנדלט מיט תבואה און האָט געשיקט פּאַראָמען מיט גאַלערעס תבואה קיין אָדעס, זוואַניעץ און אין אַנדערע ווייטע שטעט. איך געדענק ווי דער זיידע פלעגט זיצן ביי אַ קאַנטאָר אין דער סטאַלאָווע און ווי ער האָט אויסגעצאָלט די גויים נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך אומגעקערט פון זייערע רייזעס. אָבער דער עיקר איז ער מיר געבליבן אין זכרון, ווי ער איז אַ קליינער און אַן איבערגעבויגענער געזעסן איבער אַן אָפן ספר און האָט געזיפצט.

איך אַ ליד, וואָס כ'האָב אָנגעשריבן פיל שפּעטער, האָב איך געפּרואווט צוריקברענגען מיין זיידנס געשטאַלט, ווי ער האָט זיך מיר אַממיינסטן איינגעקריצט אין זכרון, זיצנדיק ביים טיש איבער אַ גמרא.

## אָמר אַביי

אין זאַל ביים רייכן, רונדן טיש
דורך די נעכט פלעגט מיין זיידע זיצן,
און אויף דער גמרא זיינען געפאַלן
פון זיין באָרד די זילבער־שפּיצן.

שפּאַקולן מיט גאָלדענע „האָלאָבליעס"
אויף זיין שטערן טיף פאַררוקט,
און מיט אַ טרויעריקן ניגון
אינעם ספר אַלץ געקוקט.

לייכט פלעגט ער זיין קערפּער וויגן,
אָנגעשפּאַרט אויף זיינע הענט,
און זיין שטילער גמרא ניגון
האָט אָפּגעקלונגען אויף די ווענט.

„אמר אביי" — האָט אביי געזאָגט,
וואָס זשע האָט אביי געזאָגט ?
און מיין זיידנס צאַרטע שטימע
האָט אויף עפּעס שטיל געקלאָגט.

www.libtool.com.cn

איינגענורעט, האַלב פאַרשלאָפן
אין מיין בעטל פלעג איך ליגן
און מיין זיידנס ווייכע שטימע
פלעגט אין בענקשאַפט מיך פאַרוויגן.

רבונו של עולם, אוי־אוי טאַטע זיסער!
פלעגט ער זיפצן אַזוי שווער.
אין מיין זיידנס זילבער באָרד
האָט באַהאַלטן זיך אַ טרער.

כ׳האָב די טרער אין זיך פאַרשלונגען.
פריש איז זי אין מיין זכרון.
מיין זיידנס קרעכץ, מיין זיידנס טרער
פאַרפאָלגן מיך אויף אַלע יאָרן.

מיינע זיידע־באָבע האָבן געהאַט אַכט קינדער, זעקס זין און צוויי טעכטער. אַ פּאָר קינדער האָבן געוואוינט ביי די עלטערן, אין זייער גרויס צוויי־שטאָקיק הויז. זיי זיינען געווען קעסט־קינדער און האָבן אַרויסגעהאָלפן דעם זיידן אין געשעפט, אַחוץ מיין פאָטער וואָס איז געזעסן און האָט געלערנט.

די באָבע מיינע ריוועלע (אַ נאָמען נאָך דער פרומער ריוועלע פון מעזשביש) איז געווען אַ קליינע ווי מיין זיידע, זי איז געווען אַ דיקלעכע; און פונקט ווי מיין זיידע איז געווען אַן אויפגערעגטער און אַ פאַרכמור־רעטער, אַזוי האָט זי שטענדיק געהאַט אַ זיסן שמייכל אויף די ליפן. זי האָט זיך נישט צופרידנגעשטעלט מיטן זיידנס געשעפטן, נאָר זי האָט געהאַט אירס אַן אייגן מנ ל־קלייטל, ווייל זי האָט זיך שטענדיק געניטיקט אין געלט. זי איז תמיד געווען פאַרפאָרעט מיט אַרויסהעלפן איר אייגענע משפחה און בכלל יעדן איינעם וואָס האָט זיך געווענדט צו איר אין אַן עת־צרה. צוליב דעם, וואָס זי פלעגט אַוועקגעבן אַלץ, וואָס זי האָט געהאַט, האָט איר אַלע מאָל אויסגעפעלט מזומנים, און זי פלעגט יעדעס מאָל קומען צום זיידן נאָך אַ נייע פּאָר הונדערט רובל. דער זיידע האָט צו איר געטענהט: „ס׳טייטש, ריוועלע, כ׳האָב דאָך דיר ערשט נישט לאַנג צוריק געגעבן אַזוי פיל געלט!”. האָט אים די באָבע דערויף געענטפערט: „נו, ווילסטו מען זאָל זאָגן, אַז ריוועלע איצקל אהרונזאָנס האָט אָנגעזעצט?” אויף דעם האָט דער זיידע נישט געהאַט קיין ענטפער און ער האָט איר געגעבן וויפל זי האָט פאַרלאַנגט.

www.libtool.com.cn

פיל שפּעטער, שוין אין אַמעריקע, פלעגט מיר מיין מאַמע דערציילן וועגן איר שוויגער וואונדערלעכע מעשיות. מיין באָבע ריוועלע האָט, למשל, אַ סך מאָל צעטיילט מיין זיידנס מלבושים צווישן אירע אָרעמע קרובים און אַז דער זיידע פלעגט פרעגן, וואו עס זיינען זיינע שבתדיקע מלבושים, האָט אים די באָבע יעדעס מאָל געגעבן אַנדערע תירוצים. דער תירוץ איז געווען, אַז אָדער מען האָט די מלבושים אַוועקגעלייגט אויסצולופטערן, אָדער אַז דער מויל האָט זיך אין זיי אַריינגעכאַפּט און זיי צעפרעסן, אָדער אַז מען האָט זיי פראָסט פּשוט צוגעגנבעט. אין ערגסטן פאַל פלעגט זי זאָגן, אַז די מלבושים זיינען שוין אַלט און צעכאַלן און אָפּגעטראָגן און אַז דער זיידע דאַרף האָבן נייע. דעמאָלט פלעגט מען רופן דעם שניידער און מען האָט דעם זיידן אויפסניי אויסגעקליידט. אָבער נישט אויף לאַנג. ווייל מיט אַ צייט שפּעטער האָט די באָבע ווידער אַ מאָל געטאָן דאָס זעלבע — זי האָט צעטיילט די מלבושים און די גאַנצע געשיכטע האָט זיך אָנגעהויבן אויפסניי: אַ מויל האָט זיך אַריינגעכאַפּט, מען האָט זיי אַוועקגעלייגט צו לופטערן, האָט מען זיי אַוועקגעגנבעט . . .

די באָבע האָט אייביק אין זינען געהאַט די נויטבאַדערפטיקע. דעם האָט זי געליען אַ גמילות חסד, אַן אַנדערן האָט זי געקויפט אַ מלבוש, דעם האָט זי געגעבן מעל אויף שבתדיקע חלות און אַן אַנדערן האָט זי אַרויסגעהאָלפן מיט אַ פּאָר רובל. זי האָט אויך געהאָלפן אָרעמע אלמנות און האָט חתונה געמאַכט יתומות. פון דער גאַנצער שטאָט פלעגט מען קומען צו דער באָבע ריוועלע נאָך הילף. און די באָבע האָט פאַר אַלע געהאַט אַן אָפענע האַנט מיט אַן אָפן האַרץ. די דינסטן, וואָס האָבן געאַרבעט ביי אונדז אין הויז, האָבן מיר באַהאַנדלט ווי אייגענע משפחה. די באָבע האָט זיי געגעבן נדן און זיי חתונה געמאַכט. מיין מאַמע פלעגט דערציילן, ווי עס איז אַמאָל געקומען צו אונדז אַ בחור, אָנקוקן איינע פון די דינסט־מיידלעך און האָט זיך געלאָזט אַוועקגיין צו דער טיר. ווען דער בחור איז שוין געווען לעבן אַרויסגאַנג, האָט די באָבע זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער שוועל און האָט געזאָגט: „וואָס־זשע, ס׳געפעלט דיר נישט דער יחוס, אָדער דו מיינסט אפשר, אַז ס׳איז נישטאָ קיין נדן?״ דאָס זאָגנדיק האָט זי אַראָפּגענומען פון האַלדז איר שנור פּערל און האָט עס אים דערלאַנגט. דער שידוך איז געשלאָסן געוואָרן.

פון די פאַרשיידענע מעשהס, וואָס כ׳האָב וועגן איר געהערט, דער עיקר וועגן איר אייגענער קינדהייט און איר אָפּשטאַם, האָב איך שפּעטער אָנגעשריבן אַ ליד „מיין באָבע ריוועלע״.

www.libtool.com.cn

# מיין באָבע די פרומע ריוועלע ברמ״ג *

מיין באָבע איז אַ פּשוטע יידענע געווען,
זי האָט ניט געקענט שרייבן און ניט געקענט לעזן.
(און וואָס דאַרפט איר נאָך מער)
ניט געקענט חתמענען איר אייגענעם נאָמען.
געבוירן, דערצויגן אין אַ דאָרפישער קרעטשמע,
אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל ערגעץ נאָענט לעם אומען.

איר טאַטע, אַן ערלעכער ייד און אַ פרומער,
געזעסן אין שענקל און געלערנט דערביי,
פאַרקויפט אַ טרונק בראָנפן, איוואַנען, סטעפּאַנען,
גערינט צו גאָט האָט ער ערלעך און טריי.

די מאַמע, אַ ליבע, אַן עקרת הבית,
געהאָרעוועט שטענדיק, אין אָרעמקייט געלעבט,
פון זיין לערנען, זי וועט קריגן אַ חלק עולם־הבא
אין דעם האָט איר מאַמע, אויף זיכער געגלייבט.

זייער איינציקע טאָכטער, אַ פרומע נשמה —
אַזוי ווי איר נאָמען פרומע ריוועלע געווען —
געטאָן, וואָס גוטע און פרומע לייט הייסן,
געקענט אַלע ברכהס, אויף אויסווייניק אַליין.

ניט געטראַכט טאַטע־מאַמע זייער טאָכטער צו לערנען,
פאַר אַ יידישער טאָכטער איז ניט לערנען כדאי —
זי דאַרף נאָר בלויז וויסן אירע דריי מיצוות,
זיין מאַמע צום קינד און דעם מאַן געטריי.

איז מיין באָבע געוואַקסן פריי ווי אַ פויגל,
ניט ווייט פון דעם טייכל אין וועלדל אָט דאָ,
געזונגען פאַרבענקטע אוקראַינישע לידער,
פון אַ בייזער שוויגער, און אַ ווייסער קו.

---

* ברמ״ג איז ראשי תיבות פון בן רבנו מורנו גרשם.

www.libtool.com.cn

געקלעטערט אויף ביימער פון צייטיקע אויבסן,
ביים קרישטאָלענעם טייכל געוואַשן דאָס גרעט.
זיך געחברט מיט קליינע דאָרפישע שיקסלעך
אויף פעלדער צעאַקערטע, הרחבהדיק ברייט.

אויף איר פערצנטן יאָר האָט מען זי חתונה געמאַכט,
איר געגעבן אַ מאַן, אַזש פון מאָהילעוו ביים דנעסטער,
אַ ייִנגל אַ יתום, אַ גרויסער בעל־יחוס,
פון אַלע ייִנגלעך אין קלויז, דער לערנער דער בעסטער.

האָט זיך משפחה געפרייט מיטן זיידענעם איידעם,
אים צוגעזאָגט — ווי עס פירט זיך — אייביקע קעסט.
מיין באָבע האָט קינדער געבוירן, קינדער פאַרלוירן,
מיט יעדן ניי געבוירן קינד זיך ווייטער געטרייסט.

זיינען יאָרן געלאָפן, יאָרן געפלויגן,
אַ סוחר פון תבואה איז מיין זיידע געוואָרן,
געשמט האָט זיין נאָמען אויף ווייטע גובערניעס,
געשיקט אויפן דנעסטער ווייצן און קאָרן.

זיך איבערגעצויגן אין גרויסער שטאָט מאָהילעוו,
געפירט אַ מלוכה אַ שיינע, אַ פּראַכט,
חוץ אייגענע קינדער, האָט זי שטענדיק געזאָרגט
פאַר אַלמנות, יתומים,
געגעבן זיי נדן, און זיי חתונה געמאַכט.

זיך שטענדיק געחברט מיט אָרעמע מענטשן,
צו עלנטע איז זי געווען אַ פריינד,
געהאָלפן אַ יעדן מיט אַ גוט וואָרט אַן עצה,
צדקה געגעבן מיט אָפענער האַנט.

פאַר זיך האָט זי קיינמאָל קיין צייט ניט גענומען,
מע דאַרף זיך פאַרלאָזן, אויף גאָטס הילף און באַראָט.
די פרומע ריוועלע — אַזוי האָט מען זי גערופן —
איז געוואָרן די באַוואוסטע מאַמע פון שטאָט.

www.libtool.com.cn

אין שול פלעגט זי גיין מיט יראת הכבוד,
זיך צוגעהערט צו חיה-לאהן — די פירזאָגערין געווען,
געוויינט אויפן גורל פון יידישע צרות,
דורכגעווייקט די תחינות מיט איר ביטער געוויין.

פאַר איר פטירה האָט זי דעם רב געלאָזט רופן,
די זין און טעכטער זיינען געשטאַנען ביים בעט,
צוגעלייגט אַן אויער צו הערן דער קראַנקער,
וואָס האָט, מיט די לעצטע כוחות, צו זיי תורה גערעדט :

„אויב איר האָט אויף שבת, פאַרגעסט ניט אַ צווייטן !
„טיילט אייער חלה, מיט אָרעמען אויף האַלב !
„גאָט ברוך הוא האָט אייך דאָס געלט אויסגעליען,
„איר זענט בלויז דער אָנזאָג, ווי אויף זומער דער שוואַלב...

„אַז איר מאַכט פאַרן קערפּער אַ מלבוש אַ נייעם,
„גיט כאָטש אָפּ דער נשמה, דאָס פריערדיקע קלייד,
„דערהויבט דעם עלנטן אָרעמען מענטשן
„אַ טובה צו טאָן, זאָלט איר שטענדיק זיין גרייט.

„שיקט אייער ברויט איבער שטראָמענדע טייכן,
„אין אַ צווייטן צו העלפן, געפינט אייער גליק,
„איר קענט קיינמאָל ניט וויסן אַזעלכע זאַכן,
„ווען דער שטראָם וועט זיך קערן, אַ מאָל אויף צוריק...

„איר זאָלט זיך ניט קריגן, — דאָס איז מיין בקשה,
„עס פּאַסט ניט פאַר יידן פאַר ערלעכע לייט.
„איר זאָלט צעטיילן, איך בעט אייך, מיין גאַנצע ירושה,
„מיינע קליידער און צירונג, צו אָרעמע לייט".

פאַרענדיקט די ווערטער, רואיק, געלאַסן,
נאָכגעזאָגט ווידוי, מיט געוואַשענע הענט,
געשלאָסן די אויגן, מיט ליכטיקן שמייכל
איר נשמה איז אַוועק אין אַן אַנדערער וועלט...

זיינען אַלע געבליבן פאַרגליווערט, פאַרשטיינערט.
ס'האָט יעדער געקלאָגט און געוויינט שטיל אין זיך,

www.libtool.com.cn

ס׳האָט אַ מלאך אַ פלאַטער געטאָן מיט די פליגל,
גענומען מיין באָבען אין הימל מיט זיך.

ווען זי איז נפטר געוואָרן, דערציילט מיר מיין מאַמע,
האָט מען אין מאָהילעוו אַלע קלייטן פאַרמאַכט,
פאַרן אָרון זיינען קינדער, פון תלמוד־תורות געגאַנגען,
די חשובסטע בעלי בתים, האָבן זי צו קבורה געבראַכט.

ס׳האָבן ווייבער געוויינט, געיאָמערט אויף קולות,
זיך געריסן די האָר און געטענהט צו גאָט:
פאַרוואָס האָסטו אונדז פאַרשעמט רבונו־של־עולם?
צוגענומען די שפייזעריין, וואָס מיר האָבן געהאַט.

— — — — — — — — — — — — — — —

מיין באָבע איז אַ פשוטע יידענע געווען,
זי האָט ניט געקענט שרייבן, און ניט געקענט לעזן...

די גרעסטע צאָל מעשיות וועגן מיין באָבען האָב איך געהערט שפּעטער פון מיין מאַמעס ליפּן, אין אַמעריקע. אָבער איך אַליין געדענק זייער גוט, ווי מיר זיינען געווען אַרום אַכט אָדער ניין אייניקלעך ביי איר אין הויז און ווי מיר פלעגן אָפּט אַרומטאַנצן אַרום דעם גרויסן, קיילעכיקן טיש. דער זיידע, וואָס איז געווען אַן אויפגערעגטער ייד, האָט נישט געקאָנט פאַרנעמען דעם געטומל מיטן רעש און ער האָט זיך פאַרשטאָפּט די אויערן. אָבער די באָבע איז געשמייכלט מיט די הענט פאַרלייגט אויף די היפטן און זי האָט פון אונדז געקוואָלן. איך געדענק ווי אין אַ חלום, ווי ביי דער באָבען האָט זיך אויפגעכאָוועט איר ברודערס אַ זון, אברהם ברמ״ג. ער איז געווען אַ יתום. שפּעטער, ווען ער האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין אַמעריקע, האָט די באָבע צוזאַמענגענומען געלט ביי אַלע אירע קינדער, און אים פאַרזאָרגט מיט אויסשטייער און הוצאות. ווען איינע פון די טעכטער האָט נישט געהאַט קיין חשק צו געבן, האָט די באָבע צו איר געזאָגט: „טאָכטער מיינע, דו קאָנסט קיין מאָל נישט וויסן, וואָס עס קאָן געשען. עס קאָן אַמאָל פּאַסירן, אַז דו אַליין אָדער דיינס אַ קינד זאָל דאַרפן אָנקומען צו אים נאָך הילף״. און אַזוי איז טאַקע געווען. מיט יאָרן שפּעטער האָט דער זעלבער אברהם ברמ״ג געשיקט שיפסקאַרטן פאַרן פעטער טוביה מיט זיין עלטערן זון און דערנאָך פאַר דער מומע פריידע מיט אירע קינדער.

www.libtool.com.cn

## קאַפּיטל דריי

מיין זיידע־באָבע פון מיין מאַמעס צד זיינען געווען איינגאַנצן אַנדערע מענטשן. זיי האָבן געלעבט אין דעם שטעטל טשערנאָביל, אין אוקראַינע, לעבן קיעוו. מיין זיידע, יהושע ראָזאָווסקי, איז געווען אַ גרויסער חסיד פון טשערנאָבילער רבין, וואָס האָט געהאַט אַן אייגענעם אָרקעסטער וואו מיין זיידע האָט געשפּילט פּידל. אין דעם זעלביקן שטעטל טשערנאָביל איז געבוירן געוואָרן מיין מוטער. די באָבע האָט געהייסן שיינע ריוועלע און זי האָט געהאַט אַ קראָם פון גאָלדוואַרג. בייטאָג פלעגט איר דער זיידע אַ ביסל אַרויסהעלפן אין דער קראָם, אָבער די אָוונטן פלעגט ער פאַרברענגען בײַם רבין. זונטיק פלעגט ער זיך אַוועקזעצן און פאַרשרייבן דעם רבינס דרשות, וואָס דער רבי האָט געהאַלטן שבת. באָבע־זיידע האָבן געהאַט אַ סך קינדער, אָבער געבליבן זיינען בלויז צוויי, אַ זון מיט אַ טאָכטער: מיין מאַמע ברכה בת ציון און מיין פעטער ברוך יחזקאל. מיין באָבע האָט געהאַט אייביקע טענות צום רבונו של עולם, פאַרוואָס ער האָט ביי איר צוגענומען די אַנדערע קינדער און זי האָט די צוויי איבער־געבליבענע אָפּגעהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ.

לאַנג זיינען זיי אין טשערנאָביל נישט געבליבן. אַ געוויסן טאָג איז דעם רבינס זון, רב ברוך מאירל, אַרויסגענומען געוואָרן ווי דער רבי קיין אַזאַרעניץ. דער רבי האָט דעמאָלט אַריינגערופן מיין זיידן און האָט אויף אים גוזר געווען, ער זאָל מיטפאָרן מיטן זון ווי זיין עלטסטער גבאי. ווען מיין באָבע האָט דאָס דערהערט האָט זי געקלאָגט און געוויינט. איר הויפּט־זאָרג זיינען געווען די קינדער: „ס׳טייטש, ווי אַזוי לאָזט מען זיך מיט די קינדער אין אַזאַ ווייטן וועג אַריין?” אָבער עס האָט איר נישט געהאָלפן קיין קלאָגן און קיין וויינען, דעם רבינס וואָרט איז געווען הייליק. מען האָט געדונגען בוידן און דער יונגער רבי מיט זיין משפחה, ווי אויך מיין זיידע מיט דער משפחה און נאָך דריי גבאים מיט זייערע משפחות האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין דעם ווייטן שטעטל אַזאַרעניץ, וואו עס איז, אַזוי אַרום, צוגעגרייט געוואָרן דער זיווג פון מיין טאַטע־מאַמע . . . דאָרט, אין דעם אוקראַאינישן שטעטל אַזאַרעניץ האָט מען צוגעגרייט פאַרן נייעם רבין אַ גרויס הויז, וואָס מען האָט אָנגערופן „דעם רבינס הויף”, און די גבאים, ווי אויך מיין זיידן, האָט מען איינגעאָרדנט אין קלענערע הייזער. דאָ, אין אַזאַרעניץ, איז מיין זיידע אין אַ פּאָר יאָר אַרום געשטאָרבן און דאָס גבאות האָט איבערגענומען מיין פעטער ברוך יחזקאל. מיין באָבע איז געבליבן אַן אלמנה און מיין מאַמע — אַ יתומה. מיט יאָרן

www.libtool.com.cn

שפּעטער האָט מיין מאַמע חתונה געהאַט מיט אברהם אהרונזאָן פון מאָ־הילעוו.

אין יענער צייט זיינען שידוכים, פאַרשטייט זיך, געשלאָסן געוואָרן דורך שדכנים און נישט דורך באַגעגענישן פון בחורים מיט מיידלעך, אָבער מיין מאַמע האָט אויסדריקלעך פאַרלאַנגט, אַז זי וויל זען דעם חתן פריער. מחמת זי איז געווען אַ יתומה, האָט מען איר דאָס צוליב געטאָן. די „זעאונג" איז פאָרגעקומען אויף אַ זייער פשוטן אופן. מיין מוטער האָט זיך אָוועקגעשטעלט פאַר איר הויז און דעם חתנס רבי האָט אים פאַרביי־געפירט. מיין מוטער האָט געוואָרפן אויף אים אַ בליק און — ער האָט געפונען חן אין אירע אויגן. דער שידוך איז געוואָרן געשלאָסן.

נאָך דער חתונה זיינען זיי אָוועק אויף קעסט קיין מאָהילעוו צום חתנס עלטערן. נאָך דעם ווי מיינע עלטערן האָבן געענדיקט די קעסט און האָבן זיך צוריקגעקערט קיין אָזאַרעניץ, איז געבוירן געוואָרן מיין יינגערע שוועסטער, חנה חיהלע, אַ נאָמען נאָך דער אַלטער רביצין.

היות מיינע עלטערן האָבן נית געהאַט קיין יינגלעך, האָט מען אונדז מיידלעך געשיקט אין חדר און דערצויגן ווי יינגלעך. איך געדענק ווי מיר האָבן דאָרט געלערנט ביז שפּעט אין דער נאַכט. נאָכן טאָג לערנען פלעגן מיר זיך אומקערן אַהיים מיט געזאַנג:

האָט אַ גוטע נאַכט, האָט אַ וואוילע נאַכט,
מיר וועלן דערלעבן איבעראַיאָר,
וועלן מיר ווידער גיין ביינאַכט.

פאַר דעם נדן, וואָס מיין פאָטער האָט באַקומען, האָט ער אָפּגע־קויפט ביים פּריץ אַ שטיק וואַלד און ער האָט געדונגען פּויערים, זיי זאָלן אויסהאַקן און צעזעגן דיביימער און זיי צעשפּאַלטן אויף האָלץ. דאָס האָלץ איז אָוועקגעפירט געוואָר'ן אין שטאָט אַריין צו פאַרקויפן, ווייל אין יענער צייט האָט מען נישט געוואוסט פון קיין קוילן און צום באַהייצן האָט מען געניצט האָלץ. אַ צייט נאָך דעם איז געשען אַן אומגליק. מיין פאָ־טער איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרן און איז געשטאָרבן. ער האָט זיך פאַר־קילט אַמאָל אין וואַלד און ער האָט באַקומען אַ לונגען־אָנצינדונג. צו־ליב דעם, וואָס אין אָזאַרעניץ איז נישט געווען קיין דאָקטאָר, האָט מיין באָבע, זיין מאַמע, געבראַכט אַ ברישקע און אים אָוועקגעפירט קיין מאָהילעוו. דאָרט איז ער אין עטלעכע טעג אַרום געשטאָרבן. ער איז דעמאָלט נישט אַלט געווען מער ווי 28 יאָר. צוזאַמען מיט מיין קראַנקן פאָטער איז קיין מאָהילעוו מיטגעפאָרן מיין מוטער און מיך האָט מען אַליין

www.libtool.com.cn

איבערגעלאָזט אין אַזאַרעניץ. איך האָב אָבער אויך געוואָלט מיטפאָרן, און ווען דאָס ווייַנען מייַנס מיטן קלאָגן האָבן נישט געהאָלפן, האָב איך מיך פאַרויסגעגנבעט פון דער באָבעס שטוב, האָב מיך אַרויפגעזעצט אויף איינער פון די פורן וואָס איז יעדן טאָג געפאָרן קיין מאָהילעוו און דאָרט האָט שלמהלע בעל עגלה מיך צוגעפירט צום זיידנס הויז. נאָך איידער כ׳בין צוגעקומען צו דער טיר האָב איך דערהערט פון דאָרט אַ גרויס געוויין. מייַן האַרץ האָט מיר גענומען קלאַפּן און איך בין אַ דערשראָקענע אַרייַן אינעווייניק. דאָס בילד, וואָס איך האָב דאָרט דערזען, וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. מייַן מוטער מיט דער גאַנצער משפּחה זייַנען געזעסן אויף דער ערד שבעה און האָבן ביטער געוויינט. דער איינדרוק פון דאָזיקן בילד האָט מיך קיינמאָל מער נישט אָפּגעלאָזט. דאָס איז געווען די שטאַרקסטע אויפטרייסלונג אין מייַנע קינדערישע יאָרן און איך מיין, אַז אויב איך האָב אַמאָל אָנגעהויבן צו שרייַבן לידער, איז עס געווען אונטערן איינדרוק פון יענעם טרויעריקן טאָג.

נאָך מייַן פאָטערס טויט האָבן מיר זיך אַריבערגעצויגן אין דער דירה פון מייַן באָבען, שיינע ריוועלע, און פון פעטער ברוך יחזקאל. מחמת דעם, וואָס דער טאַטע האָט נישט איבערגעלאָזט קיין ייִנגל, האָבן מיר, די טעכטער, געזאָגט נאָך אים קדיש.

מייַן מוטער איז געזעסן אַן אַלמנה. שפּעטער האָט מען איר גענומען רעדן שידוכים און זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ יונגן מאַן פון סאַראָקע, בעסאַראַביע, דוד ווייצמאַן. אין יענער צייט, האָבן מיר, די דריי שוועסטערלעך, זיך צעטיילט. מייַן ליבע שוועסטער, טייבעלע, איז געבליבן נאָך פון פריער אין מאָהילעוו, ביי דער באָבע ריוועלע. זי האָט געדאַרפט בלייַבן ביי איר ווי אַ טרייסט נאָך איר פאַרלוירענעם זון. די קלענערע שוועסטער האָט די מאַמע מיטגענומען קיין סאַראָקע, וואו זי איז אַוועקגעפאָרן באַלד נאָך דער חתונה, מיט איר צווייטן מאַן. איך בין געבליבן אין אַזאַרעניץ. דאָ האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרפאַסן מייַנע ערשטע לידער. דאָס זייַנען געווען לידער פון אַ יתומה, און באַלד האָט דאָס גאַנצע שטעטל גענומען זינגען די לידער פון דער יונגער „פּאָעטעסע״. ביזן הייַנטיקן טאָג געדענק איך די ערשטע צוויי לידלעך, וואָס כ׳האָב פאַרפאַסט:

אַזוי ווי ס׳איז ביטער, מייַן ליבע מוטער,<br>
אַ דאַך אָן אַ קוימען —<br>
אַזוי איז ביטער, מייַן ליבע מוטער,<br>
אַז מען בלייַבט יונגע יתומים.

www.libtool.com.cn



**מיין מוטער**

בילד גענומען אין 1906

אָדער אַ צווייטס:

אין אייך, אין אייך, מיינע ליבע טרערן,
אין אייך איז מיין זעל פאַרליבט;
ווען קען איך שוין אייך דערציילן
ווען כ׳בין אין עלנט און כ׳בין באַטריבט.
פאַלש קאָן זיין די גאַנצע וועלט,
די זון און די לבנה און אויך די שטערן;
פאַלש איז דער מענטש אין זיין נאַטור —
אמת זענט איר נאָר, טרערן.

לאַנג בין איך אין אַזאַרעניץ נישט געבליבן. מיין מוטער האָט מיך אַריבערגענומען קיין סאַראָקע, וואו זי האָט געוואוינט מיט מיין שטיפ־פאָטער און מיט זייערע דריי ייִנגלעך. מיין איינזאַמקייט איז פּלוצלונג פאַרשוואונדן. איך האָב איצט געהאַט מיט מיר די מאַמען, מיין שוועס־טערל, מיין שטיפפאָטער און מיינע דריי שטיפברידער. אָבער אויך דאָ איז מיר נישט באַשערט געווען לאַנג איינצוזיצן, ווייל פון דאַנען זיינען מיר אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע. מיין טיפסטע איבערלעבונג איז אָבער געווען דאָס פאַרלאָזן אַזאַרעניץ, וואו איך האָב פאַרבראַכט די צאַרטסטע קינדער־יאָרן. מיט אַ סך יאָרן שפּעטער האָב איך אין ניו־יאָרק אָנגע־שריבן אַ ליד „געווען אַמאָל אַ שטעטעלע״, צו וועלכן עס איז פאַרפאַסט געוואָרן מוזיק. דאָס ליד איז דערנאָך רעקאָרדירט געוואָרן פון דינאַ בלומענפעלד.

## געווען אַמאָל אַ שטעטעלע

### (מיין שטעטעלע אַזאַרעניץ)

געווען אַמאָל אַ שטעטעלע, אַ שטעטעלע געווען
מיט גרין־באַזוימטע בערגעלעך מיט יידישלעכן חן.
איך געדענק מיין אָרעם חדר אין ווינטערדיקער רו,
מיר זיצן אַלע אַרום דעם טיש ביז אין דער שפּעטער שעה.
דער רבי איינגעבויגן פון דעם שווערן יאָך.
מיר לערנען מיט גרוים חשק די פּרשה פון דער וואָך.
נאָכן לערנען — פריילעכע, אין זאַווערוכעס, שנייען,
מיט לאַמטערן אין די הענט ביינאַכט פון חדר גייען.
מיט קינדערשע קעלעכלעך מיר זינגען הויך צוזאַמען:
— עושה שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו
ועל כל ישראל ואמרו אָמן.

www.libtool.com.cn

איך האָב געהאַט אַ שטעטעלע, אַז ווי איז מיר און ווינד,
די שרהלעך און שלומהלעך — וואו זיינען זיי אַצינד?
אַ ווייס געדעקטער גרויסער טיש און שבתדיקער ליכט,
מיין באָבע שיינע-ריוועלע מיט אַ פרום געזיכט,
מיינע גוטע טאַטע-מאַמע, מיין טייערע משפחה,
מיין פעטער ברוך-חאזקעלע, מיין מומע מרים-ברכה,
דער טאַטע און דער פעטער זאָגן שלום עליכם,
וואַשן מיט פרומקייט זיך די הענט און זאָגן שאו-ידיכם,
די מאַמע, אַן אויסגעפּוצטע אין שבתדיקן קלייד,
דערלאַנגט צום טיש דאָס עסן מיט האַרצעדיקער פרייד.
געענדיקט שוין דעם מאָלצייט און בענטשן מיר צוזאַמען,
מיר זאָגן מיט התלהבות ברוך הוא, ברוך שמו אָמן.

איך האָב געהאַט אַ שטעטעלע, אַז ווי איז מיר און ווינד —
מיין טייער יידיש שטעטעלע וואו ביסטו אַצינד?

## קאַפּיטל פיר

אין סאַראָקע זיינען מיר פּאַרבליבן בלויז אַ קורצע צייט. מיין שטיף-פאָטערס געשעפטן האָבן מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו גיין זייער שלעכט. שולדיק דערין זיינען געווען זיינע קריגערייען מיטן שותף, שמואל באָבער, וואָס איז געווען קעגן דעם, אַז מיין שטיף-פאָטער זאָל חתונה האָבן מיט מיין מאַמען. צוליב די קריגערייען האָבן געליטן די געשעפטן און אונדזער מאַטעריעלע לאַגע איז געוואָרן וואָס אַמאָל ערגער. אין יענער צייט איז איבער די יידישע שטעט און שטעטלעך אַרומגעגאַנגען דער נאָמען פון דעם ווייטן און לעגענדאַרן לאַנד אַמעריקע. יידישע פאַמיליעס און אַ סך מאָל גאַנצע שטעטלעך פלעגן זיך אויפהייבן און אַוועקפאָרן איבערן גרויסן ים און דאָרט אָנהייבן אַ נײַ לעבן. אין יענע טעג, ווען עס האָט אָנגע-הויבן צו ווערן אין שטוב שווער מיט פּרנסה, האָב איך געטענהט, אַז מיר זאָלן טאָן דאָס זעלבע: אַז מיר זאָלן זיך אויך אויפהייבן און „גיין" קיין אַמעריקע. דער עיקר האָט מיך געלאָקט דאָס וואָס מען האָט דערציילט וועגן דעם גרויסן לאַנד, אַז מען קאָן דאָרט אין דער זעלבער צייט אַרבעטן און זיך לערנען.

מיין מאַמע האָט זיך אָבער אויסגעלאַכט פון מיינע רייד: „קיין אַמע-ריקע — האָט זי געזאָגט — ווער פאָרט קיין אַמעריקע? בלויז אַ גנב אָדער אַ סיבירניק. קיין לייטישער מענטש פאָרט אַהין נישט"; אָבער

www.libtool.com.cn

אונדזערע געשעפטן זיינען געגאַנגען וואָס אַמאָל ערגער. די קריגערייען צווישן די שותפים האָבן דערפירט דערצו, אַז דאָס האָלץ־געשעפט, די „לעסאָפּילנע" איז אינגאַנצן רואיניִרט געוואָרן. דאָס האָט געווירקט, אַז מיין מאַמע זאָל לסוף נאָכגעבן און איינשטימען, אַז עס איז נישטאָ קיין אַנדער וועג, אַז מען מוז טאַקע פאָרן קיין אַמעריקע. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער ערשטער זאָל פאָרן דער טאַטע מיט די דריי יינגלעך, און ווּז ערשט שפּעטער, ווען זיי וועלן דאָרט זיך איינאָרדענען, וועלן זיי זען וואָס צו טאָן ווייטער. געשען איז אָבער אַנדערש. איך האָב דווקא געוואָלט מיטפאָרן און איך האָב אַזוי לאַנג געוויינט און געבעטן, ביז מען האָט מיר נאָכגעגעבן. די מאַמע האָט סוף־כל־סוף איינגעשטימט, אַז איך זאָל מיטפאָרן. עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט, אַז איך זאָל פאָרן לעגאַל, ווייל מיין שטיף־פאָטער האָט שוין פאַר זיך און פאַר זיינע דריי יינגלעך געהאַט אויסגעאַרבעט דעם „גובערנאַטאָרסקע פּאַס". פאַר מיר איז דעריבער אויסגעקומען צו „גנבענען די גרענעץ".

אין יענער צייט איז „גנבענען די גרענעץ" געווען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג און עס זיינען געווען יידן, וואָס שמוגל איז געווען זייער פּרנסה. מען האָט זיי גערופן די „פּעקלמאַכערס", ווייל די אַרבעט זייערע איז באַשטאַנען אין „אַריבערפּעקלען" מענטשן. זיי האָבן געהאַט אָפּגעמאַכט מיט די גרענעץ־וועכטער, ווּעמען זיי האָבן דערפאַר גוט באַצאָלט, אַז זיי זאָלן זיך נישט מאַכן זען. דער „פּעקלמאַכער", וועלכער האָט מיך געדאַרפט אַריבערפירן, האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז טאָמער וועט אונדז עמעצער אָפּשטעלן און וועט מיך פרעגן, ווער איך בין, זאָל איך זאָגן, אַז כ'בין זיין טאָכטער. ער האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנט און מיר האָבן אונטערן צודעק פון דער נאַכט „געגנבעט די גרענעץ" קיין נאָוואָסעליצע, וואו עס האָט שוין געוואַרט אויף אונדז דער שטיף־פאָטער מיט די דריי ברידערלעך. דאָס גנבענען די גרענעץ איז מיר אָנגעקומען זייער לייכט, אָבער אין דער אמתן האָב איך געדאַרפט בענטשן גומל, ווייל אַ סך מאָל איז עס פאָרגעקומען מיט גרויס סכנות נפשות, עס פלעגט אויסקומען צו קריכן ביז איבער די קני אין וואַסערן און אין בלאָטעס און נישט איין מאָל פלעגט טרעפן, אַז עס פלעגן גראָד אָנקומען אַנדערע גרענעץ־וועכטער, נישט די אונטערגעקויפטע, און זיי פלעגן עפענען אַ שיסעריי. עס האָט טאַקע געטראָפן, אַז יידן פלעגן ביים אַריבערגיין די גרענעץ ווערן דערשאָסן, אַנדערע האָבן זיך געראַטעוועט דורך ניסים.

פון נאָוואָסעליצע זיינען מיר אַוועקגעפאָרן קיין אַמסטערדאַם און דאָרט האָבן מיר זיך אַריינגעזעצט אין אַ שיף, וואָס האָט אונדז אַוועקגעפירט אין

www.libtool.com.cn

דעם קאַנאַדישן האַפן סען דזשאָן. דער געדאַנק דערביי איז געווען, אַז פון קאַנאַדע איז געווען אַ סך לייכטער אַריינצוקומען קיין אַמעריקע, ווייל אויף יענער גרענעץ זיינען נישט געמאַכט געוואָרן קיין שוועריקייטן פאַר אימיגראַנטן. אונדזער שיף, וואָס האָט אונדז געבראַכט פון האָלאַנד קיין קאַנאַדע, האָט נישט געהאַט קיין איינעם פון די לוקסוסן פון די איצטיקע שיפן. מיין פאָטער מיט די ברידערלעך האָט מען איינגעאָרדנט אין אַ גרויסער קאַיוטע פאַר מענער און מיך האָט מען באַזאָרגט אין אַ באַזונדערער קאַיוטע פאַר פרויען. אין מיין קאַיוטע זיינען געשטאַנען צוויישטאָקיקע בעטלעך און איך האָב יעדע נאַכט געדאַרפט אַרויפקלעטערן אויפן אויבערשטן בעטל. דאָס איז מיר אָנגעקומען שווער צוליב דעם, וואָס איך האָב כמעט די גאַנצע צייט געליטן פון דער ים־קראַנקייט און איך פלעג דעריבער אָפליגן אין בעטל נישט בלויז די נעכט, נאָר אויך אַ סך פון די טעג. ווען עס איז מיר אויסגעקומען אַראָפצוגיין פלעגן מיך אַראָפטראָגן צוויי מאַטראָזן. די שפייז פון דער שיף איז באַשטאַנען פון אַ שלעכט ברויט און פון אַ נאָך אַן ערגערער זופ, וואָס איך האָב נישט געקאָנט פאַרדייען און כ׳פלעג מערסטנטייל אָפגעבן צוריק. די רייזע האָט געדויערט לאַנגע וואָכן און די גרעסטע טייל פון דער רייזע האָב איך פאַרבראַכט אַ קראַנקע אויף מיין אומהיימלעכן געלעגער.

די מאַמע האָט אונדז מיטגעגעבן אַ טאָרבעלע מיט פלעצלעך און ציבעלעס מיט קנאָבל. מען האָט אונדז געהאַט אָנגעזאָגט, אַז דאָס איז דאָס בעסטע מיטל קעגן ים־קראַנקייט, אַז ווען עס הייבט אָן צו איבלען איז גוט צו דערקוויקן זיך דאָס האַרץ מיט די דאָזיקע זאַכן. אויף אַ צווייט בעטל, אַקעגן מיר, איז געלעגן אַ פרוי מיט צוויי קליינע קינדער און זי האָט געהאַט מיט זיך מיטגענומען פאָווידלע פון געטריקנטע פלוימען. מיט דער פאָווידלע פלעגט זי באַשמירן דאָס ברויט, וואָס מיר האָבן געקראָגן, אויף דער שיף, און דערמיט האָט זי געשפּייזט אירע קינדער. מיר פלעגט שטאַרק „איבערגיין דאָס האַרץ” ווען איך האָב דערפילט דעם שמעקעדיקן אַראָמאַט פון דער פאָווידלע און איך האָב אָפּגעמאַכט מיט דער פרוי זיך צו בייטן: פאַר אַ ציבעלע מיט אַ ציינדל קנאָבל פלעגט זי מיר געבן אַ שטיקל ברויט אָנגעשמירט מיט פאָווידלע.

ווען דער ים פלעגט זיין רואיק און דאָס שאָקלען פון דער שיף האָט זיך אַ ביסל אָפּגעשטעלט, פלעג איך פאַרלאָזן דאָס געלעגער און אַרויסגיין פון דער קאַיוטע. איך געדענק, ווי עס האָט זיך אַמאָל פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אויף דער אונטערשטער דעק טיילט מען צווישן די עמיגראַנטן הערינג און איך בין דאָרט אַראָפּ צו געניסן פון דער אומגעריכטער מתנה.

www.libtool.com.cn



מיין מוטערס האַנטשריפט

איר העברעאישער בריוו, אַלס כלה, געשריבן צו די מחותנים

www.libtool.com.cn

אָבער אָנשטאָט הערינג האָב איך געקראָגן אינגאַנצן עפּעס אַנדערש. אונטן איז געלעגן אַ באַנדע מיט שיכורע ציגיינער און גראָד אין מאָמענט, ווען איך בין אַראָפּגעקומען, איז דאָרט אויסגעבראָכן אַ ביטער געשלעג. איידער איך האָב מיך אומגעקוקט בין איך אַריינגעצויגן געוואָרן אינמיטן און איך האָב געקראָגן אַ פּאָר פּעטש. צום גליק האָט איינער פון די ציגיינער אויף מיר רחמנות געקראָגן. ער האָט מיך אַרויסגענומען פון דעם געשלעג און האָט מיך צוריק אַרויפגעפירט אין דער קאַיוטע, וואו כ׳בין אַנידערגעפאַלן אויפן בעטל מיט אַ ביטער געוויין.

דאָס שלעפּן זיך איבערן ים אין דער רויכיקער און שאָקלענדיקער שיף האָט זיך סוף־כל־סוף געענדיקט און מיר זיינען אַריינגעשוואומען אין פּאָרט פון סען־דזשאָן. ווען כ׳בין אַראָפּגעשטיגן פון דער שיף האָב איך געבעטן גאָט, אַז כ׳זאָל מער אין לעבן נישט געפּרוואווט ווערן מיט אָט דעם טעם, אַז כ׳זאָל קיינמאָל מער נישט דאַרפן פּאָרן אויפן ים. אין סען־דזשאָן האָט מען אונדז צוזאַמען מיט אונדזערע באַגאַזשן אַריינגענומען אין אַ גרויסן זאַל און מיר האָבן זיך דאָרט אַוועקגעלייגט שלאָפן. צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָב איך דעמאָלט געזען אַן עלעקטריש לעמפּל. וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען אויף אַ שטריקל פון דער סטעליע. דאָס איז מיר אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן, אַז כ׳האָב מיך אַוועקגעשטעלט ציען דאָס שטריקל ביז איך בין אַוועקגעפאַלן און איינגעשלאָפן.

אין דער פרי זיינען אַריינגעקומען צוויי אויסגעפּוצטע פרויען מיט אַ גרויסן קאָשיק און זיי האָבן געטיילט צווישן די עמיגראַנטן עפּל. דאָס זיינען געווען גן־עדן עפּעלעך און ביזן היינטיקן טאָג פיל איך נאָך זייער גוטן טעם. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און מען האָט אַלע עמיגראַנטן צעשיקט איבער פאַרשיידענע שטעט פון אַמעריקע. אונדז האָט מען געשיקט קיין פילאַדעלפיע, וואו עס האָט אונדז געזאָלט אָפּוואַרטן אונדזער קוזין אברהם ברמ״ג. דאָס יאָר איז געווען 1900, אינמיטן ווינטער, אין דער צייט פון ווייַנאַכט. דאָס וועטער איז געווען קאַלט, דער גאַנצער וועג קיין פילאַדעלפיע, וואו מיר זיינען געפאָרן מיט דער באַן, איז געווען באַשאָטן מיט שניי. מיר זיינען געזעסן אין וואַגאָן ביי די פענצטער און האָבן אַרויסגעקוקט אויף די גרויסע שטחים פון דעם נייעם לאַנד, אָבער קיין סך האָבן מיר נישט געזען. די פעלדער זיינען געווען פּוסט, די ביימער נאַקעט און די געביידעס איינגעטונקען אין שניי.

נאָך דעם ווי מיר זיינען אָנגעקומען קיין פילאַדעלפיע, אויף בראָד סטריט סטאַנציע, האָט אונדז דערוואַרט אַ גרויסע אַנטוישונג. אונדזער קוזין, וואָס האָט געזאָלט אויף אונדז וואַרטן ביים וואָקזאַל, איז נישט גע־

www.libtool.com.cn

ווען. מיר זיינען געשטאַנען אויפן גרויסן וואָקזאַל לעבן דעם באַרג מיטן געפעק און האָבן זיך געפילט מוראדיק פאַרלוירן און האָבן געוויינט.



**מיין ערשט בילד אין אַמעריקע — 1900**

איך, מיין שטיף־פאָטער און מיינע דריי שטיף־ברידער

www.libtool.com.cn

מענטשן האָבן אונדז אַרומגערינגלט און אונדז עפּעס געפרעגט, אָבער מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען זייער לשון. ענדלעך האָט מיין שטיף־פאָטער אַרויסגענומען דעם אַדרעס פון אונדזער קוזין, אברהם ברמ״ג, און האָט זיי געוויזן. עמעצער האָט געברענגט אַ גרויסן עקספּרעס־וואָגן און מען האָט אונדז געהאָלפן אַרייַנשטייַגן צוזאַמען מיט אונדזער באַגאַזש. אין אַ פּאָר צענדליק מינוט אַרום האָט אונדז דער וואָגן אָוועקגעפירט אויפן אַדרעס פון אונדזער קוזין. נאָכן אָנקומען האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער קוזין איז אונדז יאָ געגאַנגען אַפּוואַרטן, ער איז אָבער אַוועק אויף אַ צווייטער באַן־סטאַנציע און אַזוי אַרום האָבן מיר זיך אויסגעמיטן. אין מאָמענט ווען אונדזער וואָגן איז אָנגעקומען צום הויז איז גראָד אָנגעקומען אונדזער קוזין אַ נידערגעשלאָגענער, ווייל ער האָט אונדז נישט געטראָפן. ווען מיר האָבן זיך דערזען, איז די פרייד געווען אַ גרויסע, מיר זיינען זיך אַרויפגעפאַלן אויף די העלדזער און האָבן געוויינט.

אונדזער קוזין איז שוין געווען אַן אויסגעגרינטער. ער האָט געהאַט אַ פרוי מיט צוויי קינדער, צוויי קליינע מיידעלעך. דער טיש איז געשטאַנען פאַר אונדז אַ צוגעגרייטער, באַשטעלט מיט כל־טוב — מיט פרישע זעמעלעך, פּוטער, אייער און קאַווע. מיר האָבן זיך צוגעכאַפּט צום עסן און דער קוזין איז געשטאַנען דערנעבן און האָט אונדז כסדר געמוטיקט: „עסט, קינדערלעך, שעמט זיך נישט״. נאָכן אָפּעסן האָט מען אונדז אַוועקגעפירט צו אַ לאַנדסמאַן, משה דאָרפמאַן, וואו דער קוזין האָט געהאַט פאַר אונדז צוגעגרייט אַ וואוינונג. די דאָרפמאַנס האָבן געוואוינט אין אַ קליין הייזל. אויפן ערשטן שטאָק איז געווען אַ קיך מיט אַ מין „פּאַרלאָר״, אויפן צווייטן, אין צוויי צימערלעך, איז געשלאָפן די פאַמיליע. אונדז האָט מען אָפּגעגעבן אַ בוידעם־שטיבל אויפן דריטן שטאָק. עס איז נישט געווען דאָרט מער ווי איין בעט, וואָס איז באַשטימט געווען פאַרן טאַטן. פאַר אונדז, קינדער, האָט מען אויסגעבעט אויפן דיל.

דעם לאַנדסמאַנס פרוי, שרה דאָרפמאַן, איז געווען אַ וואוילער און ליבלעכער מענטש און זייער אַ גאַסטפריינדלעכע. זי פלעגט אַ סך מאָל אָפּקאָכן פאַר אונדז אַ שטיקל פלייש אויף אַ מאָלצייט און זי פלעגט דערביי זאָגן: „אַז גאָט וועט אייך העלפן וועט איר מיר באַצאָלן״. דעם ערשטן זונטיק זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די לאַנדסלייט. דאָס איז געווען אַזאַ מין מנהג, אַז יעדעס מאָל, ווען עס איז אָנגעקומען אַ נייער עמיגראַנט, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די לאַנדסלייט און מען האָט אָנגעהויבן צו באַטראַכטן, וואָס צו טאָן פאַר די אָראָפּגעקומענע „גרינע״. די גרעסטע טייל לאַנדסלייט האָבן געאַרבעט ביי מענער־העמדער. זיי זיינען איצט געזעסן און

www.libtool.com.cn

האָבן זיך באַראַטן: „וואָס קאָן מען טאָן מיט דוד ווייצמאַן, דעם סוחר פון געהילץ? ווי אַזוי מאַכט מען אים דאָ פאַר אַן אַרבעטער?". אָבער מיין פאָטער האָט צו זיי געזאָגט: „איך בין נישט דוד ווייצמאַן, איך בין אַ טאַטע פון קינדער און אַ מאַן פון אַ פרוי און איך בין דאָ גרייט צו טראָגן שטיינער און באַזאָרגן מיינע קינדער און מיין ווייב, וועלכע איך האָב איבערגעלאָזט אין דער היים".

יענעם אָוונט איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מיין פאָטער זאָל ווערן אַ פרעסער ביי העמדער. דאָס איז געווען דאָס לייכטסטע פון אַלץ. אָבער אויך דאָס האָט מען געדאַרפט קענען און איינער פון די לאַנדסלייט האָט זיך אונטערגענומען אים אויסצולערנען די מלאכה. אין דער זעלבער צייט איז געקומען צו גיין אונדזערס אַ ווייטער קרוב, שמואל קאַמיענעצקי און ווען ער האָט אויף מיר אַ קוק געגעבן און האָט געזען, ווי איך בין אויסגעמאַגערט, האָט ער באַשלאָסן צו נעמען מיך צו זיך אַהיים וואו איך זאָל מיך אַ ביסל פאַראַוועזן.

דעם נאָנטסטן מאָנטיק איז מיין פאָטער אַוועק אין שאַפּ. דאָס איז געווען אַ גרויסע העמדער־פאַבריק, וואָס האָט געהייסן „טוטעלמאַן און פייגין". מען האָט אים דאָרט אַוועקגעשטעלט לעבן אַ גרויסער באַליע מיט קראָכמאַל (סטאַרטש) און די אַרבעט זיינע איז באַשטאַנען אין „סטאַרטשען" די פראָנטן פון די העמדער. ווען ער איז אַזוי געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער און האָט געקוקט אויף דער באַליע מיט סטאַרטש איז צו אים צוגעקומען אַ יונגערמאַן, האָט אים גוט־ברודעריש אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע און אים געזאָגט: „זאָל אייך גאָט העלפן, איר זאָלט ווערן אַ גוטער פּרעסער". מיין פאָטער, אַ צעטומלטער פון דעם גאַנצן נייעם אַרום און אַן איבערגענומענער פון דער נייער סיטואַציע, האָט זיך צעוויינט. דער יונגערמאַן האָט זיך פאַרשעמט און זיך אַנטשולדיקט. דער באַלעבאָס פון דער פירמע האָט באַלד אין די ערשטע טעג דערזען, אַז מיין פאָטער איז אַן איידעלער מענטש און אַז ער וועט זיך נישט קיין עצה געבן מיטן פּרעסן, האָט ער אים דעריבער באַשטימט פאַר אַן אויפזעער. די אַרבעט זיינע איז באַשטאַנען אין פאַרצייכענען די בינטלעך העמדער. ער איז אַזוי אַרום געוואָרן אַ שטיקל „פאָרמאַן". מיט דער שפּראַך האָט ער נישט געהאַט קיין שוועריקייטן, ווייל אַלע אַרבעטער אין שאַפּ האָבן גערעדט יידיש.

אין דער זעלבער צייט האָט מען אויך איינגעאָרדנט מיינע דריי שוועסטער־ברידער. דעם עלטסטן האָט מען אַריינגעגעבן אין אַ שאַפּ, וואו ער האָט זיך גענומען לערנען אַרבעטן אויף אַ מאַשין וואָס האָט געמאַכט שלייקעס.

www.libtool.com.cn



**מיט צווי פון מיינע חברטעס**

געגומען אין פילאַדעלפיע, אַרום 1905

www.libtool.com.cn

דעם צווייטן האָט אַריינגענומען אונדזער קוזין צו זיך אין קלייט אַריין. דעם קלענסטן האָט מען געשיקט אין אַ סקול. איך בין דערווייל געבליבן וואוינען ביי מיין קוזין שמואל קאָמענעצקי. דער געדאַנק איז געווען, אַז איך זאָל אַ ביסל מיך אויסרוען, צונעמען אויף דער וואָג און קומען צו די כוחות. דער קוזין מייַנער איז געווען אַ ייד אַן אָרעמאַן. ער האָט געאַרבעט אין אַ שאַפּ און האָט געוואוינט מיט זיין פרוי און דריי קינ־דערלעך אין צוויי צימערן. דאָס ערשטע צימער איז באַנוצט געוואָרן ווי אַ קיך און האָט געהאַט אַ גרויסן טשוגונענעם אויוון, וואָס מען האָט גע־הייצט מיט קוילן. עס האָבן זיך דאָרט תמיד געבראַטן „סוויט פּאָטעיטאָס", וואָס האָבן אָנגעפּילט דאָס צימער מיט אַ זיסן און אָנגענעמען ריח. דאָס צווייטע צימער איז געווען דאָס שלאָף־צימער, וואו עס זיינען געשטאַנען צוויי גרויסע בעטן. אין איין בעט איז געשלאָפן דער טאַטע מיטן יינ־געלע און אין אַנדערן — די מאַמע מיט די צוויי מיידעלעך. ווען איך בין געקומען דאָרט וואוינען בין איך געשלאָפן אין דער מוטערס בעט און אַזוי אַרום זיינען מיר דאָרט געשלאָפן זאַלבע פיר.

פון אָנהייב איז מיר דאָרט געווען גאָר גוט. צום ערשטן מאָל נאָך אַזאַ לאַנגער צייט האָב איך מיך דערפילט ווי אין אַן אייגענער היים. איך בין דאָרט גאַנצע טעג געזעסן ביים אויוון — אין דרויסן איז נאָך אַלץ געווען טיפער ווינטער — און האָב מיר געוואַרעמט מיינע אויסגע־מאָגערטע געשוואָלענע פיסלעך. איך האָב געגעסן די סוויט־פּאָטעיטאָס און ביזן הייַנטיקן טאָג איז עס געבליבן מיינס אַ באַליבט מאכל. אָבער דאָס כסדרדיקע זיצן ביים אויוון איז מיר סוף־כל־סוף נמאס געוואָרן. איך האָב אויך נישט געוואָלט פירן אַזאַ „לײדיקגייעריש" לעבן און איך האָב דערפילט אַ באַגער צו טאָן עפּעס אַן אַרבעט. איך האָב דאָס גע־זאָגט מיין קוזין און ער האָט מיט מיר איינגעשטימט. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך זאָל אַוועק צו זיינס אַ שוואָגער, וואָס האָט געהאַט אַ פאַבריקל פון שלייקעס און איך זאָל מיך דאָרט אויסלערנען צו עפּענען און פאַרמאַכן די „שפּראַנטשיקעס" פון די שלייקעס. פאַר דער דאַזיקער אַר־בעט האָב איך געזאָלט באַקומען 2 דאָלאַר אַ וואָך און איך האָב מיך מיטן דאָזיקן „דזשאַב" זייער דערפרייט.

איך האָב אויסגערעכנט, אַז ביי אונדז אין דער היים, אין רוסלאַנד, איז צוויי דאָלאַר כמעט פינף רובל און פאַר אַזאַ סומע קאָן אַ גאַנצע פאַמיליע אויסלעבן כמעט אַ גאַנצע וואָך. איך געדענק ווי איך האָב יענע נאַכט, פאַרן אַוועקגיין צו דער אַרבעט, פאַנטאַזירט, ווי אַזוי איך וועל אָנשרייבן צו דער מאַמען, אַז איך בין געוואָרן אַן אַרבעטס־מענטש און

www.libtool.com.cn

אַז איך בין שוין אַ גאַנצע פאַרדינערין. צומאָרגנס בין איך אויפגעשטאַנען גאָר פרי און אין אַ דערהויבענער שטימונג, וואָס איך גיי צום ערשטן מאָל צו דער אַרבעט. דער קוזין קאַמעניעצקי האָט מיר געמאַכט אָנבייסן, ער האָט מיר דערלאַנגט ברויט מיט פּוטער מיט קאַווע און נאָכדעם ווי מיר האָבן אָפּגעגעסן, האָט ער מיך אַוועקגעפירט אין שאַפּ אַריין. דאָס איז געווען די ערשטע אַרבעט אין מיין לעבן און יענער פרימאָרגן וועט מיר קיינמאָל נישט אַרויס פון זכרון. דער שאַפּ האָט זיך געפונען אין אַ פינצטערן קעלער, וואָס איז אַ גאַנצן טאָג געווען באַלויכטן מיט אַן עלעקטריש לעמפּל. אַרום די טישלעך זיינען געזעסן אַ פּאָר מיידלעך און האָבן געטאָן פאַרשיידענע אַרבעטן. מיך האָט דער באַלעבאָס אַוועקגעשטעלט ביי אַ באַזונדער טישל, וואו איך האָב געדאַרפט טאָן מיין אַרבעט: אַריינלייגן די שלייקעס אין די שפּראָנטשיקעס און זיי פאַרמאַכן. די אַרבעט האָט פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל אַ גאַנצן טאָג שטיין אויף די פיס. איך האָב געאַרבעט גאָר פלייסיק אָבער פון כסדרדיקן שטיין זיינען מיר די פיס געוואָרן אָנגעשוואָלן און די פינגער פון די הענט האָבן גענומען בלוטיקן. צוועלף אַזייגער איז געווען אַן איבעררייס אין דער אַרבעט, די מאַשינען זיינען געוואָרן אָפּגעשטעלט און די מיידלעך האָבן אַרויסגענומען זייערע שוואַרצע סאַטינענע טאָרבעלעך און האָבן זיך אַוועקגעזעצט עסן. איך האָב נישט געהאַט וואָס צו עסן, ווייל מיין קוזינע האָט מיר גאָרנישט מיטגעגעבן. איך האָב זיך דערפילט אומבאַקוועם און בין אַרויס אויף דער גאַס. נאָכדעם ווי דער מיטאָג־איבעררייס איז אַריבער האָב איך מיך אומגעקערט אין שאַפּ אַריין.

נאָך דער אַרבעט בין איך אַהיימגעגאַנגען אַ גליקלעכע און צופרידענע. איך האָב נישט אויפגעהערט צו טראַכטן, אַז איך האָב היינט פאַרדינט אַ פאַרמעגן. איך האָב אויפן גאַנצן וועג געהאַלטן אין איין חשבונען, וואָס איך האָב היינט פאַרדינט און אַזוי אַרום, מיט אַ קאָפּ פריילעכע געדאַנקען, בין איך אָנגעקומען אין שטוב אַריין. מיין קוזינע האָט מיך אָבער זייער קאַלט אויפגענומען. זי האָט מיך מיט קיין איין וואָרט נישט געפרעגט וועגן דעם, ווי אַזוי די אַרבעט איז מיר צוגעגאַנגען. איך האָב אָפּגעגעסן וועטשערע און בין אַ פריילעכע און פול מיט האָפענונגען געגאַנגען שלאָפן. צומאָרגנס האָט זיך איבערגעחזרט די זעלבע זאַך. די קוזינע האָט מיר ווידער נישט מיטגעגעבן קיין עסן און ווען ס'איז געקומען אין שאַפּ דער איבעררייס, בין איך ווידער אַמאָל אַרויס אין גאַס און האָב מיך אַרומגעדרייט אַ הונגעריקע. דאָס האָט באַמערקט מיינער אַ קוזין, שמואל ליבמאַן, וואָס האָט געאַרבעט אויף אַ מאַשין ווי אַן אָפּערעיטאָר.

www.libtool.com.cn



**מיין מוטער**

מיט מיין יונגסטן אייניקל, גענומען אין פילאַדעלפיע אין 1956

www.libtool.com.cn

ער איז מיר נאָכגעגאַנגען אויף דער גאַס און זעענדיק, ווי איך דריי מיך אַרום, איז ער צוגעקומען און האָט מיך געפרעגט, פאַרוואָס איך עס נישט. איך האָב אים דערויף געענטפערט, שטיקנדיק זיך פון טרערן, אַז איך האָב נישט וואָס. די קוזינע האָט מיר גאָרנישט מיטגעגעבן. ער האָט דעמאָלט אויפגעבונדן זיין פעקל עסן און האָט מיר געגעבן אַ רעפטל ברויט, אַ שטיקל הערינג מיט אַ האַלבן עפל, נאָך דער אַרבעט האָט ער מיך באַגלייט אַהיים. ער האָט מיר געעצהט, אַז אויף דער נאַכט זאָל איך צוגיין צו מיין קוזין, אברהם ברמ״ג, צו דעם, וועלכער האָט אונדז אויפגענומען דעם ערשטן אָוונט, און איך זאָל בייַ אים לייען צען סענט. פאַר דעם געלט וועל איך מיר קאָנען איינקויפן אויף צוויי טעג צו עסן. סוף וואָך, ווען איך וועל קריגן די שכירות, וועל איך אים אומקערן.

דער וועג צום קוזין איז געווען אַ ווייטער, אָבער איך בין דאָרט פונדעסטוועגן אַליין צוגעגאַנגען דעם זעלבן אָוונט און מען האָט מיך דאָרט זייער פיין און וואַרעם אויפגענומען. מען האָט מיך אויסגעפרעגט וועגן דער אַרבעט, ווי עס גייט מיר און וואָס איך טו. ווען עס איז געוואָרן שפּעט, האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז איך מוז אַהיימגיין, ווייל דער וועג איז אַ ווייטער און מאָרגן אין דער פרי דאַרף איך אויפשטיין צו דער אַרבעט. איך האָב די גאַנצע צייט נישט געהאַט קיין מוט צו בעטן די צען סענט און איך האָב גאָרנישט זאָגנדיק מיך אויפגעשטעלט און גענומען גיין צו דער טיר. אָבער ווען כ׳בין שוין צוגעקומען צו דער שוועל און איך האָב מיך פּלוצלונג דערמאָנט, אַז כ׳וועל מאָרגן ווידער איבערלעבן אין דעם שאַפּ די זעלבע שאַנדע, ווייל די מיידלעך וועלן סוף־כל־סוף באַמערקן, אַז איך האָב נישט וואָס צו עסן, האָב איך מיך צוריק אויסגעדרייט און האָב אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. און אַזוי וויינענדיק האָב איך אויסגערופן די פאָר ווערטער: „צען סענט!...״ די קוזינע האָט מיר גלייך דערלאַנגט דעם האָם און האַלטנדיק די מטבע אין דער האַנט בין איך אַרויסגעגאַנגען נאָך אַליין אַ פאַרוויינטע. איך האָב אַזוי געכליפּעט אויפן גאַנצן וועג. געטראַכט האָב איך: „אוי, ווען די מאַמע זאָל דאָס וויסן״...

צומאָרגנס אין דער פרי איז פאַרגעקומען דאָס זעלבע. די קוזינע האָט מיר ווידער נישט מיטגעגעבן קיין עסן, אָבער דאָס מאָל האָב איך מיך נישט געזאָרגט. פאַר די צען סענט האָב איך מיר געקויפט גענוג עסן אויף גאַנצע צוויי לאָנטשעס. דעם נאָנטסטן פרייטיק האָב איך באַקומען מיין ערשטן לוין. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די קוזינע וויל מיך מער נישט האָבן ביי זיך און ערשט איצט, מיט אַזוי פיל יאָרן שפּעטער,

www.libtool.com.cn

פאַרשטיי איך איר מצב. זי איז אַליין געווען אַן אָרעמע און האָט קוים געהאַט אויף חיונה פאַר איר אייגענער פאַמיליע.

זונטיק אין דער פרי איז געקומען מיין פאָטער און ער האָט מיך אָפּגענומען פון דער קוזינע, אָבער דעם דזשאַב האָב איך נישט גע־טוישט. איך בין ווייטער געבליבן אין דעם פינצטערן קעלער און האָב געאַרבעט ביי די שלייקעס. די אַרבעט איז מיר פון טאָג צו טאָג גע־פאַלן שווערער. דער עיקר איז מיר שווער געווען דאָס שטיין אויף די פיס. אַ געוויסן טאָג איז צו מיר צוגעקומען דער באַלעבאָס און האָט געקוקט ווי איך שטיי אַן אויסגעשעפּטע און האַלט מיך קוים אויף די פיס און האָב צעבלוטיקטע פינגער. ער האָט אויף מיר רחמנות געקראָגן און ער האָט געזאָגט מיין קוזין, ברמ״גן, אַז די אַרבעט איז נישט פאַר מיינע כוחות. די פראַגע איז איצט געשטאַנען: וואָס טוט מען ווייטער? מיינע קוזינען האָבן געטראַכט, צי עס וואָלט געווען אַ פּלאַן, אַז איך זאָל גיין אין אַ שאַפּ אַריין און מיך לערנען צו זיין אַן אָפּערעיטאָר אויף אַן עלעקטרישער מאַשין. זיי האָבן אָבער באַשלאָסן, אַז ניין, זיי האָבן מורא געהאַט, אַז איך קאָן מיר נאָך אַריינדרייען אַ האַנט אין די רעדער פון דער מאַשין. דער סוף איז געווען, אַז זיי האָבן מיך אָפּגעגעבן צו אַ „מאַניופעקטשורער״ פון פרויען־וועש, וואָס האָט גע־אַרבעט ביי זיך אין דער היים און ער האָט געהאַט געווײנלעכע ניי־מאַשינען, וואָס מען האָט באַוועגט מיט די פיס. נאָך עטלעכע וואָכן אַרבעטן האָב איך מיך אויסגעלערנט דאָס פאַך און איך בין מיט מזל גע־וואָרן אַן „אָפּערעיטאָרין״. ערשט דעמאָלט האָב איך געקראָגן אַרבעט אין אַ גרויסער פאַבריק, וואו מען האָט פּראָדוצירט מענערישע העמדער.

דער גרויסער טייל אַרבעטער זיינען געווען ניי־געקומענע, צווישן זיי, אינטעליגענטן פון רוסלאַנד. דער שאַפּ איז געווען אַ גרויסער, מען האָט פאַר קליינע שכירות געאַרבעט לאַנגע שעהען. איין טאָג האָב איך געהערט, ווי איינער פון די אַרבעטער האָט געזונגען די „מאַרסעליעזע״. דאָס געזאַנג האָט מיך אינגאַנצן באַנומען. איך בין געזעסן פאַרגאַפט פון דעם ליד און איך האָב געפרעגט, וואָס איז דאָס? דער אַרבעטער האָט מיר דערקלערט: „דאָס איז דאָס ליד פון דער גרויסער פראַנ־צויזישער רעוואָלוציע, און עס איז געוואָרן אַן אַרבעטס־ליד איבער דער גאָרער וועלט״. אין יענע טעג האָב איך געהערט, ווי די אַרבעטער האָבן אויך גערעדט צווישן זיך וועגן אָרגאַניזירן אַ יוניאָן. דאָס וואָרט „יוניאָן״ איז געווען פאַר מיר אינגאַנצן אַ נייער באַגריף. איך האָב קיינמאָל פריער נישט געהערט אַזאַ וואָרט. ווען איך האָב געפרעגט, וואָס דאָס

www.libtool.com.cn

מיינט, האָט מען מיר דערקלערט, אַז דאָס הייסט אַ פּאַראייניקונג פון די אַרבעטער און אַז דער ציל פון אַזאַ פּאַראייניקונג איז אויסצוקעמפן בעסערע באַדינגונגען פון אַרבעט — קורצערע אַרבעט־שעהען און בע־סערע לויינען. דער געדאַנק איז מיר געפעלן געוואָרן. דאָס אייגנטלעך, איז געווען די גרינדונג פון דער ערשטער יוניאָן פון העמדער־אַרבע־טער אין פילאַדעלפיע.

אין אַ פּאָר טעג אַרום זיינען מיר זיך צוזאַמענגעקומען אויף אַ באַראַטונג און נאָך דער באַראַטונג איז באַשלאָסן געוואָרן צו רופן אַ סטרייק. אויך דאָס וואָרט „סטרייק" פונקט ווי פריער „יוניאָן" איז מיר געווען אומבאַקאַנט און איך האָב געפרעגט, וואָס עס מיינט. מען האָט עס מיר דערקלערט. דעם נאָענטסטן מאָנטיק אין דער פרי זיינען מיר אַלע געקומען צום שאָפּ, אָבער קיינער איז נישט אַרויפגעגאַנגען אַר־בעטן. מיר זיינען געבליבן שטיין אין דרויסן און האָבן אַרויפגעשיקט אַ דעלעגאַציע צום באַלעבאָס. די דעלעגאַציע איז געגאַנגען פאַרהאַנד־לען וועגן נייע באַדינגונגען, אָבער דער באַלעבאָס האָט זיי אַפילו נישט געוואָלט אויסהערן. וועגן דעם, אַז ער זאָל נאָכגעבן איז נישט געווען קיין רייד. דערווייל האָט זיך אַריינגעמישט די פּאָליציי און האָט אַרעס־טירט צוויי פון די סטרייקערס. איצט איז די לאַגע געוואָרן אַן ערנסטע. צומאָרגנס זיינען מיר ווידער געקומען „פּיקעטן" דעם שאָפּ, אָבער ווען מיר זיינען אָנגעקומען האָט מען אונדז געזאָגט, אַז די פאַבריק גייט־אָן, אַז די מאַשינען אַרבעטן און אַז עס אַרבעטן דאָרט „סקעבס". אַפילו שטייענדיק אין דרויסן האָבן מיר געקאָנט הערן, ווי עס דרייען זיך אינעווייניק די רעדער, אַ סימן, הייסט עס, אַז מען אַרבעט טאַקע.

די פירער פון דער יוניאָן האָבן אָבער באַשלאָסן דאָס אויסצופאָרשן, כדי צו זיין אינגאַנצן זיכער, און אויף מיר איז געפאַלן דער גורל צו זיין דער „אויסשפּירער". מען האָט מיר געגעבן דעם אויפטראָג אַרויפ־צוגיין אין דער פאַבריק אַריין און כלומרשט צו פרעגן אויף אַרבעט. אין דער זעלבער צייט האָב איך מיך געדאַרפט אַרומקוקן איבער דער פאַבריק און זען, וואָס עס קומט דאָרט פאָר. איך בין אַרויפגעגאַנגען מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ און גלייכצייטיק אַ שטאָלצע, וואָס מען האָט מיר אָנגעטרויט אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכע מיסיע. דער באַלעבאָס האָט מיך אויפגענומען זייער פיין און האָט מיך אַריינגעפירט אין דער פאַ־בריק. דאָרט האָב איך דערזען אַן אויסטערליש בילד: די רעדער פון די מאַשינען האָבן זיך טאַקע געדרייט, אָבער קיין אַרבעטער זיינען דערביי נישט געזעסן. ער האָט אָנגעשטעלט די מאָטאָרן, כדי מען

www.libtool.com.cn

זאָל מיינען, אַז די פֿאַבריק גייט. איך האָב דעמאָלט שטאָלץ דערקלערט דעם באַלעבאָס, אַז איך וועל ביי אים קיין דזשאָב נישט אָננעמען, ווייל איך בין אַן ערלעכע אַרבעטערין און נישט קיין סטרייק־ברעכער. דע־רויף האָט דער באַלעבאָס געגומען שרייען מיט צאָרן: „פּרינצעסין, עס שטייט דיר נישט אָן ביי מיר צו אַרבעטן?". איך בין גלייך אַראָפּ און האָב איבערגעגעבן אין יוניאָן, וואָס איך האָב געזען. ווען איך האָב געענדיקט דערציילן האָט מען מיר פֿון אַלע זייטן אַפּלאָדירט.

די צייט איז דערווייל געגאַנגען פֿאָרויס, און מיין גאַנצע משפּחה, מיין שטיף־פֿאָטער מיט די דריי שטיף־ברידער און איך האָבן זיך ביס־לעכווייז אָנגעהויבן אויסצוגרינען און זיך צוגעוואוינען צום נייעם לעבן. דער עיקר האָבן מיר זיך צוגעפּאַסט צו אַרבעטן און געשפּאָרט געלט, כדי מיר זאָלן קאָנען וואָס שנעלער אַראָפּברענגען די מאַמען מיט דעם קלע־נערן שוועסטערל חנה חיהלע. (מיין שוועסטער טייבעלע איז געבליבן אין מאָהילעוו, וואו זי האָט חתונה געהאַט און זי האָט נישט געהאַט בדעה צו עמיגרירן). איך האָב אָבער נישט בלויז געאַרבעט, איך האָב דאָ אויך פֿאַרווירקלעכט מיין אַלטן חלום, וואָס איך האָב נאָך גע־האַט אין דער היים: צו לערנען זיך. בייטאָג האָב איך געאַרבעט און ביינאַכט האָב איך אָנגעהויבן צו גיין אויף קורסן. איך בין געגאַנגען אין אַן אָוונט־שולע, וואָס האָט זיך אין יענער צייט געפֿונען אויף וואַ־שינגטאָן עוועניו.

אונדזערע צוויי לערער זיינען געווען גרין און סקולמאַן. זיי האָבן ביידע שטודירט מעדיצין און זיי זיינען ביידע שפּעטער געוואָרן דאָק־טוירים. די גרעסטע טייל תּלמידים אין דער אָוונט־שולע זיינען גע־ווען רוסישע בחורים און מיידלעך און מיר האָבן זיך אַלע געלערנט ענג־ליש. מען האָט אונדז דאָרט שטרענג אָפּגעהיט נישט אַרויסצורעדן קיין איין רוסיש וואָרט און טאָמער האָט מען אונדז געכאַפּט רעדן רוסיש, פֿלעגן די לערער אונדז מוסרן: „איר זענט אין אַמעריקע און איר מוזט אייך דאָ אויסלערנען די שפּראַך פֿון לאַנד". איך בין געווען פֿאַררעכנט צווישן די פֿעאיקע שילער. איך האָב געלערנט מיט גאָר אַ סך חשק. אַפֿילו זיצנדיק ביי דער מאַשין האָב איך מיר איינגע־חזרט די ענגלישע ווערטער. אַ גאַנצן טאָג האָב איך מיר אויסגעקוקט די אויגן, עס זאָל שוין קומען דער אָוונט און איך זאָל קאָנען זיין אין דער שולע. ווען איך פֿלעג אַהיימקומען פֿון די אָוונט־קורסן איז שוין געווען שפּעט, דאָס עסן איז שוין געווען קאַלט, אָבער וועמען האָט דאָס

www.libtool.com.cn

געאַרט? דאָס לערנען איז מיר געווען אַזוי אינטערעסאַנט, אַז אַלץ איז מיר געווען כּדאַי.

אַזוי אַרום זיינען פאַרביי לאַנגע פיר יאָר און מיר האָבן אָנגעזאַמלט געננוג געלט צו שיקן שיפסקאַרטן פאַר דער מאַמען מיט דער שוועסטער. דאָס אַראָפּברענגען די מאַמען איז אָבער נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט. די מאַמע האָט נישט געהאַט קיין גרויס חשק צו קומען קיין אַמעריקע. זי האָט בעסער געוואָלט, אַז מיר זאָלן קומען אַהיים. אַחוץ דעם איז געווען נאָך אַ סיבה. זי איז געווען די איינציקע טאָכטער ביי איר מאַמען, ביי דער באָבע שיינע ריוועלע, און די באָבע האָט געוויינט און געקלאָגט, אַז איר איינציקע טאָכטער זאָל איר נישט פאַרלאָזן. מיטפאָרן האָט די באָבע נישט געקאָנט, ווייל זי האָט נישט געוואָלט איבערלאָזן איר איינציקן זון. מיר האָבן דעם ענין נישט אויפגעגעבן און האָבן געהאַלטן אין שרייבן בריוו נאָכן אַנדערן, ביז מיר האָבן געפועלט און די מאַמע האָט אונדז צו וויסן געטאָן, אַז זי קומט.

נאָך איידער זי איז געקומען האָבן מיר געדונגען אַ דירה. די וואוינונג האָט געהאַט אַ פּאַרלאָר מיט אַ שלאָף־צימער און אין דער הינטערשטער טייל איז געווען די קיך, אין וועלכער עס איז געשטאַנען אַן אויפשטעל־בעטל; עס איז דאָרט אויך געווען אַן עס־צימער מיט אַ קאַנאַפּע. דאָס שלאָף־צימער פון פאָרנט איז באַשטימט געווען פאַר די עלטערן; די דריי ברידערלעך זיינען געשלאָפן אין דער אויפלייגבעט און פאַר מיר מיט מיין שוועסטערל איז באַשטימט געווען די סאָפע אין עס־צימער. דאָס מעבל, מיט וואָס מיר האָבן איינגעאָרדנט די דירה איז געווען אַלט, מיר האָבן עס אָפּגעקויפט פאַר אַ ביליקן פּרייז ביי אַ פאַמיליע.

דער טאָג איז ענדלעך געקומען ווען די באַן האָט געבראַכט די מאַמען מיט דער שוועסטער. דאָס באַגעגעניש איז געווען, אַזוי ווי אַלע אַזעלכע באַגעגענישן, רירנדיק און אויסגעווייקט אין טרערן. אָבער ווען די מאַמע האָט דערזען דעם „אַפּאַרטמענט” האָט זי ערשט אויף אַן אמת גענומען קלאָגן: „אָט דאָס — האָט זי געזאָגט — איז אַמעריקע! אין דער היים האָב איך דאָך איבערגעלאָזט אַ שענערע דירה מיט שענערע מעבל!”. די ווערטער אירע האָבן אונדז אַ היפּש ביסל וויי געטאָן, ווייל נאָך די אַלע מאַטערנישן און וואָגלענישן האָבן מיר געהאַלטן די דירה פאַר אַן אמתדיקן פּאַלאַץ. אָבער ביסלעכווייז האָט זיך דאָס לעבן אונדזערס אָנגעהויבן איינצושטעלן. איך פלעג ווייטער אויפשטיין פאַרטאָג און גיין צו דער אַרבעט. דער טאַטע פלעגט אויפ־

www.libtool.com.cn

שטיין פריער, איינהייצן דעם אויוון און מאַכן קאַווע. דער אַראָמאַט פון דער קאַווע האָט אָנגעפילט אַלע ווינקלען פון הויז און עס איז געווען אנגענעמער דאָס אויפשטיין גאַנץ קאַיאָר. דערפאַר זאָל די נשמה פון מיין שטיף־פאָטער רוען אין גן־עדן.

לאַנג אָבער האָב איך נישט געאַרבעט. די מאַמע, וואָס האָט זיך אויך סוף־כל־סוף אָנגעהויבן צוצוגעוואוינען צום נייעם לעבן, האָט מיך אַ געוויסן פרימאָרגן אָפּגענומען פון דער אַרבעט. „עס איז אַן עוולה — האָט זי געזאָגט — אַז אַזאַ אויסגעמאַטערט קינד זאָל אַרבעטן. איך וועל בעסער עסן אַ שטיקל טרוקן ברויט און דאָס קינד וועט בלייבן אין דער היים". אַזוי האָט זי געזאָגט און אַזוי איז אויך געבליבן. איך האָב אויפגעגעבן דעם דזשאָב און בין געבליבן אין דער היים מיט דער מאַמען.

## קאַפּיטל פינף

דאָס איז געווען אין יאָר 1904. צו מיין עלטערן ברודער האָט אָנגעהויבן אַריינצוקומען, פון אָנהייב זעלטן און דערנאָך וואָס אַמאָל אָפטער, זיינס אַ חבר, איזידאָר גרינבלאַט, פון שטעטל סאַראָקע אין בעסאַראַביע. ער איז געווען אַ ביסל העכער פון מיר, אַ טונקל־הויטיקער, אַן איידעלער, מיט פיין־געשניצטע ברילן. עס האָט מיר דעמאָלט נישט געקאָנט איינפאַלן, אַז דער דאָזיקער שטילער און באַשיידענער בחור, וואָס האָט זיך געחברט מיט מיין ברודער און מיט וועמען ער איז געגאַנגען אויף לעקציעס, וועט ווערן מיין מאַן.

איזידאָר האָט אין יענער צייט געאַרבעט אין אַ קלייט, אָבער דער קאָפּ זיינער איז געלעגן ערגעץ אַנדערש. אין די אָוונטן, נאָך דער אַרבעט, האָט ער געלייענט מאַרקסן און די רוסישע קלאַסיקער אין דער ענגלישער איבערזעצונג. ער פלעגט קומען צום ברודער מיינעם אין די אָוונטן און זיי פלעגן פירן דיסקוסיעס אויף טעמעס, וואָס זיינען מיר אין יענער צייט געווען פרעמד און אומפאַרשטענדלעך. אָבער אין דער זעלבער צייט האָבן זייערע שמועסן און אַמפּערנישן געקלונגען פאַר מיר לאָקנדיק און ווען איך פלעג זיי דערלאַנגען טיי פלעג איך אויסנוצן די געלעגנהייט און מיך צוהערן מיט שפּאַנונג צו זייערע געשפּרעכן.

איזידאָר איז געבוירן געוואָרן אין סאַראָקע און דער אמתדיקער נאָמען זיינער איז נישט געווען גרינבלאַט נאָר סטוקעלמאַן. זיין פאָטער, בערעלע סטוקעלמאַן איז געווען אַ ייד אַ למדן. די פּרנסה זיינע האָט ער געצויגן פון אַ קלייטל, אָבער ווי אַ סך יידן־לערנער, איז ער


www.libtool.com.cn

**איזידאָר**

בילד גענומען אין 1904

www.libtool.com.cn

געזעסן אין קלייט און האָט דאָרט צווישן איין קונה און צווייטן אַרייַנגעקוקט אין אַ ספר. די מוטער האָט געשמט מיט איר גוטסקייט און ווי עס איז געווען דער שטייגער פון אַ סך פרומע און גוטהאַרציקע יידישע פרויען פלעגט זי טראָגן יאַיכעלעך אין שפיטאָל אַריין פאַר אָרעמע קראַנקע. איזידאָר איז אין עלטער פון 13 יאָר געקומען קיין אַמעריקע. ער איז געקומען גלייך פון בית־מדרש צוזאַמען מיט זיינס אַ פעטער, זיין מוטערס ברודער. אַראָפּגענומען פון דער שיף האָט אים זיין פאָטערס אַ גוטער פריינד און דאָס טאַקע איז געווען די סיבה, פאַרוואָס איזידאָר האָט געטוישט דעם נאָמען. דער גוטער פריינד, וועלכער האָט אים אַראָפּגענומען פון דער שיף, האָט געהייסן גרינבלאַט און ער האָט ביים אָפּנעמען דעם נייעם עמיגראַנט דערקלערט, אַז דאָס איז זיין אייגענער זון. אַזוי אַרום איז פון סטוקעלמאַן געוואָרן גרינבלאַט און אַזוי איז עס שוין פאַרבליבן אויפן גאַנצן לעבן.

איזידאָר האָט נאָכן אָנקומען אין אַמעריקע די ערשטע יאָרן געוואוינט אין ניו־יאָרק, וואו ער האָט שווער און ביטער געהאָרעוועט. ער איז געווען אַ פושקאַרט־פעדלער. ער האָט געאַרבעט שווער און פאַרדינט ווייניק. אָבער טראָץ דער האָרעוואַניע איז ער אין די אָונטן געגאַנגען אויף קורסן און האָט זיך פלייסיק געלערנט ענגליש. אַחוץ דעם איז ער אין די שבתים געגאַנגען לערנען אין בית־מדרש. מיט אַ צייט שפעטער איז ער געקומען קיין פילאַדעלפיע, וואו ער האָט געטוישט די פראָפעסיע. ער האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין אַ האָלסעיל־געשעפט, וואו ער האָט אַרויסגעוויזן פעאיקייטן, אָבער דער עיקר האָט ער אַרויסגעוויזן אַן ערלעכקייט, וואָס איז געוואָרן אַ שם דבר צווישן די אַלע, מיט וועלכע ער האָט געהאַט צו טאָן. ווי אַ לאַנדסמאַן איז ער געוואָרן אַ גוטער חבר מיט מיין ברודער און אַן אָפטער אַריינגייער ביי אונדז אין הויז. עס האָט זיי אָבער געבונדן פיל מער ווי בלויז די דערינערונגען פון דער אַלטער היים.ביידע האָבן געהאַט אַ גרויסן חשק צו לערנען און ביידע האָבן געהאַט אַ שאַרפן אינטערעס צו די קולטור־טעטיקייטן פון די ראַדיקאַלע עלעמענטן אין דער שטאָט.

איך בין אין יענער צייט אַלט געווען 16 יאָר און, ווי פריער דערמאָנט, האָב איך נישט געאַרבעט אויף אַ דזשאַב, נאָר האָב צוגעהאָלפן דער מאַמען אין שטוב. ענגליש האָב איך געלערנט ביי אַ לערער, וואָס איז צו אונדז געקומען און האָט מיר געגעבן לעקציעס. מיין חלום איז אין יענער צייט געווען מיט דער צייט צו שטודירן מעדיצין בכדי צו העלפן אָרעמע קראַנקע. דערווייל אָבער האָב איך אויסגענוצט די

www.libtool.com.cn

פרייע צייט און איך פלעג מיך אַרומפירן מיט מיינע חברטעס, און שטענ־דיק, ווען עס פלעגט זיך באַווייזן איבער די גאַסן אַ שפּילקאַסטן, פלעגן מיר טאַנצן צו די קלאַנגען פון דער גאַסן־מוזיק. מיין ברודער און זיין חבר האָבן מיך אָבער נישט געלאָזט אַזוי לאַנג פּוסט־און־פּאַסעווען. זיי האָבן מיך אָנגעהויבן מיטצונעמען אויף לעקציעס און אין יידישן טעאַ־טער און עס האָט זיך פאַר מיר געעפענט אַ נייע וועלט. איך געדענק פון יענער צייט די רעפעראַטן פון אַזעלכע גרויסע פּערזענלעכקייטן ווי מאַקסים גאָרקי, פון גערשוני, פון דער באַבושקאַ ברעשקאָווסקאַיאַ, פון דר. חיים זשיטלאָווסקי און פיל אַנדערע. איך האָב מיך צוגעהערט צו זייערע רייד מיטן גרעסטן אינטערעס און באַגייסטערונג און האָב גע־שלונגען יעדעס וואָרט. אין יענער צייט האָט איזידאָר געזאָגט אַמאָל צו מיר, בעת איך האָב זיי דערלאַנגט טיי: „איך וועל נאָך ביי דיר אויף דער חתונה טאַנצן אין די זאָקן"... ווען האָט דעמאָלט געקאָנט איינ־פאַלן, אַז מיין חתונה וועט זיין אונדזער חתונה...

ער האָט מיך אַמאָל געפרעגט, וואָס עס איז מיין ציל? פאַרוואָס לויף איך אַזוי אויף לעקציעס און אויף פאַרזאַמלונגען? איך האָב אים געענטפערט אין מיין נאַאיווקייט: „מיין ציל איז צו זיין אַן אינטע־ליגענטער מענטש"... ער האָט דעמאָלט אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַ „צוקונפט" מיט אַ „פרייער אַרבעטער־שטימע", האָט זיי מיר דערלאַנגט און געזאָגט: „נאַ, לייען דאָס, וועסטו זיין אַן אינטעליגענטער מענטש"... איך האָב אים געענטפערט, אַז איך קאָן עס נישט לייענען, ווייל עס איז מיר שווער צו לייענען יידיש אָן נקודות. דערויף, האָט ער געזאָגט, איז דאָ אַן עצה. „איך וועל דיך לערנען". און ער איז געוואָרן מיין לע־רער. דאָס האָט אונדז נאָך מער דערנענטערט. אַזוי אַרום בין איך אַריין אין דער געזעלשאַפט פון איזידאָרן און מיין ברודער. איך בין גע־ווען דערפון שטאָלץ און צופרידן.

אין יענער צייט האָט איזידאָר געקראָגן אַ פּאָסטן אין ווילמינגטאָן. ער פלעגט אָבער קומען אויף יעדן וויקענד קיין פילאַדעלפיע און ער האָט פאַרבראַכט די צייט ביי אונדז אין שטוב. ער האָט מיך אַריינגעפירט אין דער „רעדיקעל לאַיברערי", וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אויפן ראָג פון דער פינפטער סטריט און פיין. די ביבליאָטעק איז געוואָרן גע־גרינדעט און אויפגעהאַלטן דורך אַן אַנאַרכיסטישער גרופּע. אין דער ביבליאָטעק פלעגט מען נישט בלויז לייענען ביכער, עס פלעגן דאָרט אויך געהאַלטן ווערן רעפעראַטן וועגן אַנאַרכיזם און אַטעאיזם. איינער פון די לעקטאָרן איז געווען נ. ראָזענצווייג. ער האָט גערעדט וועגן דער



איזידאָרס פֿאָטער, בערל סטוקעלמאַן


www.libtool.com.cn

איזידאָרס מוטער, חיה שרה סטוקעלמאַן

www.libtool.com.cn

וועלט־באַשאַפונג און עס אילוסטרירט מיט בילדער. איך האָב געשלונגען יעדעס וואָרט און האָב פאַרגעטערט יעדן לעקטאָר. איך האָב אויך אָנגעהויבן אַהיימברענגען ביכער פון דער ביבליאָטעק און בין געוואָרן אַ פלייסיקע לייענערין פון דער יידישער ליטעראַטור. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ווי איך האָב מיטגענומען מיין מוטער צו אַ לעקציע פון ראָזענצווייגן. דער לעקטאָר האָט דעמאָלט גערעדט וועגן רעליגיע און די מאַמע איז די גאַנצע צייט געזעסן אַן אויפגערעגטע. ווען זי איז אַהיימגעקומען האָט זי דערציילט דער מומע פריידען, ווי אַזוי אַ ייד האָט זיך אַוועקגעשטעלט און האָט גערעדט, אַז עס איז נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט. די מומע איז געוואָרן שטאַרק אויפגעבראַכט און האָט אויסגערופן: „און דו ביסט געזעסן גלייכגילטיק און האָסט געשוויגן? ווען איך בין אויף דיין אָרט וואָלט איך צו אים צוגעלאָפן און וואָלט אים אויסגעריסן די באָרד!". „אָבער פריידע", האָט איר די מאַמע דערויף געענטפערט: „דאָס איז נישט געווען מעגלעך. דער ייד האָט נישט געהאַט קיין באָרד".

איך געדענק, ווי איינער פון די לעקטאָרן האָט זיך צו מיר אַמאָל צוגעזעצט און האָט גענומען רעדן וועגן פרייע ליבע. „פאַרוואָס זענט איר אַזוי טרויעריק?" האָט ער מיך געפרעגט. איך בין דעמאָלט געווען אָנגעלייענט מיט ראָמאַנטישע ביכער און איך האָב אים, אין מיין נאַאיווקייט געענטפערט: „איך פיל אין מיר דעם גאַנצן וועלט־שמערץ"... ער האָט אַ שמייכל געטאָן: „דערויף איז דאָ אַן עצה — איר דאַרפט אייך פאַרליבן". „איך בין שוין פאַרליבט" — האָב איך אים געענטפערט. אָבער יענער איז געווען כיטרע: „צוויי ליבעס — האָט ער געזאָגט — איז שטאַרקער ווי איינע". איך האָב פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געמיינט און איך האָב צו אים דערפילט אַ ווידערווילן. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ גרויסע אַנטוישונג, ווייל איך האָב דעם לעקטאָר געהאַט פאַרגעטערט. איך האָב גלייך וועגן דעם אָנגעשריבן אַ בריוו צו איזידאָרן און האָב אים דערציילט וועגן מיין גרויסער אַנטוישונג. דאָס איז געווען מיין ערשטער בריוו צו איזידאָרן, דער אָנהייב פון אונדזער שפּעטערדיקער, גרויסער קאָרעספּאָנדענץ.

אונדזער בריוו־אויסטויש האָט זיך אָנגעהויבן באַלד נאָכדעם ווי אַ דאָקטאָר האָט מיר פאַרשריבן אַרויסצופאָרן אין דער „קאָונטרי", כדי זיך אויסצורוען און צוצונעמען אַ ביסל וואָג. איך בין אַוועקגעפאָרן קיין ראָזענהיים אין ניו־דזשוויזי און עס האָט זיך צווישן אונדז אָנגעהויבן

www.libtool.com.cn



**איזידאָר (לינקס) און אַ גרופּע פריינט**

דאָס בילד איז גענומען אין פילאַדעלפיע, 1905. אויף די טרעפּ — מיין שטיף־ברודער, אָשר ווייצמאַן

www.libtool.com.cn

אַ קאָרעספּאָנדענץ. דאָס שרייבן בריוו האָט אונדז נאָך מער דערנענטערט.

אין יענער צייט האָט מיין פּאָטער צוזאַמען מיט אַ שותּף געעפנט אַ קליינעם שאַפּ צו פּאַבריצירן פרויען־פּאַרטעכער. דאָס געשעפט איז באַלד פון אָנהייב נישט געגאַנגען זייער גוט. אין שאַפּ זיינען געשטאַנען זעקס מאַשינען, אויף וואָס עס האָבן געאַרבעט 5 מיידלעך און איך. די אויסגעאַרבעטע סחורה איז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער און דאָס געשעפט האָט זיך גענויטיקט אין עמעצן, וואָס זאָל אַרומגיין און פאַרקויפן די פּאַרטעכער איבער די סטאָרס. גראָד דעמאָלט האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז איזידאָר האָט געקראָגן צוויי וואָכן וואַקאַציע און מיין פּאָטער האָט אים פאָרגעלייגט, ער זאָל זיך פאַרנעמען מיט פאַרקויפן די סחורה. איזידאָר האָט מסכים געווען און נישט בלויז האָט ער אין די צוויי וואָכן פאַרקויפט דעם גאַנצן סטאָק, נאָר ער האָט נאָך אַריינגעבראַכט באַשטעלונגען אויף אַ נייעם פּראָדוקט — אויף קינדערשע בלוזקעלעך. מיין פּאָטער האָט אים דעמאָלט פאָרגעלייגט, ער זאָל אויפגעבן זיין פּאָסטן און ער זאָל ווערן אַ שותּף ביי אים אין געשעפט. דאָ האָט אָבער איזידאָר זיך געוואַקלט: ווי פּאַסט עס, אַז ער, אַן אַנאַרכיסט, זאָל ווערן אַ פּאַבריקאַנט און אַן „עקספּלואַטאַטאָר״? אָבער סוף־כּל־סוף האָט ער איינגעשטימט, ווייל דער אמת איז געווען, אַז נישט בלויז וועט אים אויסקומען צו אַרבעטן שווערער ווי עס אַרבעטן די פינף מיידלעך, נאָר אַז דער פאַרדינסט זיינער וועט זיין אַ גאָר קליינער. עס האָט אים אַלזאָ נישט געדראָט צו ווערן אַן אמתדיקער און רייכער „מאַניופעקטשורער״ און ער האָט זיך געלאָזט איבעררעדן.

ער האָט געבאָרגט 250 דאָלאַר אויף זיין פאַרזיכערונג־פּאָליסי און ער האָט דאָס געלט אַריינגעלייגט אין געשעפט אַריין. עס איז געוואָרן אָפּגערעדט, אַז דאָס ערשטע יאָר וועט ער נישט נעמען קיין שכירות, דאָס צווייטע יאָר וועט ער אַרויסנעמען 5 דאָלאַר אַ וואָך און דאָס דריטע יאָר — 8 דאָלאַר. דאָס געשעפט האָט זיך אָנגעהויבן גוט צו אַנטוויקלען. פאַר מיר האָט עס אָבער דער עיקר געגעבן אַ געלעגנהייט צו טרעפן זיך מיט איזידאָרן גאָר אָפט: ביי טאָג אין שאַפּ און אין די אָוונטן פלעגן מיר פאַרברענגען אין ביבליאָטעק, אויף רעפעראַטן און אויף שפּאַצירן. אַ סך מאָל האָבן מיר פאַרבראַכט ביי אונדז אין הויז און האָבן געשמועסט. אַ געוויסן אָוונט, ווען מיר זיינען געזעסן אין צווייען, האָט ער זיך מיר דערקלערט אין ליבע און האָט מיר געוואָלט אַ קוש טאָן. איך האָב מיך אָבער נישט געלאָזט. איך האָב געזאָגט, אַז ביי

www.libtool.com.cn

אונדזער ערשטן קוש מוז עמעצער זיין. איך האָב גלייך אויפגעוועקט די מאַמע און האָב איר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז איזידאָר און איך זיינען געוואָרן חתן־כלה. ערשט דעמאָלט האָט מיך איזידאָר אַרומגענומען און געגעבן אַ קוש. די מאַמע האָט זיך שטאַרק געפרייט און זי האָט אונדז אָפּגעגעבן מזל־טוב. זי האָט דערביי געזאָגט, אַז דאָס האָט זיך אַוודאי דער טאַטע מיינער געמיט אויף יענער וועלט, אַז איך זאָל קריגן אַזאַ גוטן מאַן. זי האָט אָבער צוגעגעבן, אַז זי וועט אָנזאָגן אונדזער קוזין אברהם ברמ״ג, אַז דער שידוך אונדזערער איז געשלאָסן געוואָרן דורך אַ שדכן. עס זאָל חלילה נישט הייסן, אַז מיר האָבן זיך גענומען „פּאָ ליובווי״...

## קאַפּיטל זעקס

אונדזער חתונה איז פאָרגעקומען אין סעפּטעמבער 1907. אין טאָג פון דער חופּה איז איזידאָר, דער חתן, געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג און האָט געפּרעסט קינדערישע בלוזקעלעך. ער האָט נישט געטראָגן קיין בלאַנקעדיקן טאָקסידאָ, ער האָט נישט געהאַט מער ווי איין אָנצוג, וועלכן ער האָט אַוועקגעגעבן דעם שניידער, ער זאָל אים רייניקן, פאַרריכטן, און זאָל אים אויספּרעסן. אויך מיינע חתונה־קליידער זיינען ווייט געווען פון פאַרשווענדערישקייט. איזידאָר האָט מיר געבראַכט אַ ווייס שטיקל מאַטעריאַל, פון וועלכן איך האָב מיר געמאַכט אַ חופּה־קלייד, אַחוץ דעם האָב איך מיר אויך געקויפט אַ „סוט״ און דאָס איז געווען מיין גאַנצער חתונה־אויסשטייער. איך האָב געוואָלט בלייבן געטריי מיינע אַנאַרכיסטישע אידעאַלן און האָב געטענהט, אַז מיר דאַרפן אינגאַנצן נישט קיין חופּה, אָבער איזידאָר איז אין דאָזיקן פּרט געווען מער עלאַסטיש — ער האָט געזאָגט, אַז מיר דאַרפן עס טאָן צוליב די עלטערן.

פאַר דער חתונה האָב איך געקראָגן פון מיין פאָטער 200 דאָלאַר און פאַרן דאָזיקן געלט האָבן מיר זיך איינגעאָרדנט אַ היים. מיר האָבן געדונגען אַ דירה פאַר וועלכן מיר האָבן געצאָלט 12 דאָלאַר אַ חודש און מיר האָבן איינגעהאַנדלט דאָס סאַמע נויטיקסטע מעבל. אונדזערע פאַרדינסטן זיינען דעמאָלט נישט געווען קיין געהויבענע — איזידאָר האָט פאַרדינט 8 דאָלאַר אַ וואָך. עס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט און די מאַמע מיינע איז קראַנק געוואָרן, זי האָט געקראָגן אַ האַרץ־אַטאַק און מיר האָבן באַשלאָסן צו וואוינען צוזאַמען. מיר האָבן געדונגען אַ קליין הויז, וואָס מיר האָבן אויסמעבלירט און גאַנץ באַקוועם

www.libtool.com.cn



איזידאָר און איך — חתן־כּלה

www.libtool.com.cn

איינגעאָרדנט. אונטן, אויפן ערשטן גאָרן איז געווען די קיך, און עס־צימער מיט אַ „פּאַרלאָר״. אויפן צווייטן שטאָק זיינען געווען דריי שלאָף־צימערן — פאַרן יונגן פּאָרפּאָלק, דאָס הייסט פאַר מיר מיט אײַזידאָרן, אַ צווייטס פאַר מיינע עלטערן און אַ דריט שלאָף־־צימער פאַר מיינע דריי שטיף־ברידער. פאַר מיין שוועסטערל האָט מען איינגעאָרדנט אַ דערפינדעריש שלאָף־צימער אין באָד־צימער, מען האָט דאָרט פּשוט אַוועקגעלייגט אַ ברעט אויף דער וואַנע און דאָס איז געווען דאָס בעט.

עס איז נישט אַדורך קיין יאָר און איך בין פאַרגאַנגען אין טראָגן. מיין ערשט קינד איז געווען אַ ייִנגעלע און מיר האָבן אים אָנגערופן נאָך מיין פאָטער און זיידן — אברהם יהושע, אָבער גערופן האָבן מיר אים הערבערט טשאַרלס, נאָך אונדזערע צוויי פאַרהערלעכטע אידעאַלע דענקער — הערבערט ספּענסער און טשאַרלס דאַרווין. אונדזער הויז איז אַלע מאָל געווען פריילעך און טומלדיק און פול מיט לעבן. עס פלעגן קומען צו אונדז בחורים מיט מיידלעך און מיר האָבן געהאַלטן אין איין דיסקוטירן. די טעמעס פון אונדזערע דיסקוסיעס זיינען כסדר געווען די זעלבע — אידייען, אידעאַלן, סאָציאַלע רעוואָלוציע.

אין פילאַדעלפיע איז געוואָרן אַ מאָדע, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אַמעריקע — אַרויסצוציען זיך פון דעם צענטער שטאָט און אַריבערציען זיך אין אַ נייער געגנט. די ערשטע יידישע נייע געגנט איז געווען אַרום דעם פערמאָנט פּאַרק און מיר זיינען געווען צווישן די ערשטע נייע איינוואוינער. די איינציקע אומצופרידענע מיט אונדזער אײַבערקלייבן זיך איז געווען די מומע פריידע. „איין מאָל עמיגרירן איז אייך געווען ווייניק?״ האָט זי געטענהט. אָבער מיר האָבן איר נישט געהערט. מיר האָבן דאָס מאָל געדונגען אַ גאָר שיין הייזל מיט אַ באַלקאָן, מיט אַ קיך, אַ זומער־קיך, אַן עס־צימער און אַ „פּאַרלאָר״. דאָ האָבן מיר געהאַט דריי צימערן אויפן ערשטן שטאָק. אויפן צווייטן שטאָק האָבן מיר געהאַט אַ באַזונדער צימער פאַר אונדז מיטן קינד און אַ צימער פאַר געסט, און אויפן דריטן שטאָק אַ שלאָף־צימער פאַר די עלטערן און באַזונדערע צימערן פאַר די ברידער און שוועסטער. אונדזער לעבן האָט אָנגעהויבן צו ווערן וואָס אַמאָל אַקטיווער געזעלשאַפטלעך.

אין דער נייער געגנט האָט זיך געגרינדעט אַ פרויען־אָרגאַניזאַציע פאַר צדקה, און די מענער האָבן פאַר זיך אָרגאַניזירט אַ צווייג פון אַרבעטער־רינג. איך האָב לאַנג נישט געטראַכט און בין געוואָרן אַ מיטגליד אין דער פרויען־אָרגאַניזאַציע און איזידאָר האָט נאָך געוויסע וואַקלענישן זיך אָנגעשלאָסן אין אַרבעטער־רינג. איך זאָג „נאָך געוויסע וואַק־



אונדזער חתונה — סעפּטעמבער 1907

www.libtool.com.cn

לענישן״, ווייל ער האָט געהאַט ספקות, צי אַ פאַבריקאַנט און אַ „מיט־גליד פון קאַפּיטאַליסטישן קלאַס״ מעג געהערן צו אַן אַרבעטער אָרגאַ־ניזאַציע. אָבער דער אמת איז געווען, אַז ער איז געווען אַ גאָר שוואַ־כער פאַבריקאַנט. ער האָט פאַרדינט סך־הכל אַ 15 דאָלאַר אַ וואָך און ער האָט געאַרבעט פון אין דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. דאָס האָט אים סוף־כל־סוף איבערצייגט, אַז עס איז נישט קיין עבירה צו געהערן צום אַרבעטער־רינג...

אַרום יענער צייט האָט זיך אין פילאַדעלפיע געגריינדעט דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד. איזידאָר איז געווען איינער פון זיינע גרינדערס.

ס׳דערמאָנט זיך מיר אַ טשיקאַוועס: איך האָב פירגעהאַלטן איזי־דאָרן — „ס׳טייטש, דו אַ באַוואוסטזיניקער אַנאַרכיסט, ווי קומסטו אָנ־צושליסן זיך אין אַ נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע?״

אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט: ד״ר חיים זשיטלאָווסקי האָט געשאַפן דעם סינטעז צווישן סאָציאַליזם און נאַציאָנאַליזם, און איך בין מיט אים מסכים״.

מיט דער צייט איז געבוירן געוואָרן מיין צווייטער זון, דוד משה, און מיר האָבן געדונגען אַ דירה פאַר זיך אַליין מיט אונדזערע צוויי קינ־דער. מיר האָבן אויך צוגענומען אַ פרוי פאַר הויז־אַרבעט. אויף זומער האָבן מיר געדונגען אַ פאַר צימערן אין אַטלאַנטיק סיטי. בין פאַרגאַנגען צום דריטן מאָל אין טראָגן און האָב געבוירן אַ מיידעלע, גיטעלע. ווען איך בין שוואַנגער געוואָרן צום פערטן מאָל האָבן מיר באַשלאָסן צו בלייבן וואוינען אין אַטלאַנטיק סיטי אויך איבערן ווינטער, און דאָרט, אין סידקאָוו האָטעל, האָב איך געבוירן אונדזער פערט קינד, אונדזער צווייטע טאָכטער, חנהלע.

מאַטעריעל האָט אונדז אָנגעהויבן צו גיין וואָס אַמאָל בעסער. אונ־דזער געשעפט האָט זיך פאַרגרעסערט און איז געוואַקסן פון יאָר צו יאָר. מיין מאַן האָט זיך דערוואָרבן אַ נאָמען פון אַ פעאיקן געשעפטסמאַן און מען האָט אים געקרוינט מיטן נאָמען „דער קעניג פון וואַש־סוט געשעפט״. די געשעפטן האָבן אונדז דעמאָלט דערלויבט צוצונעמען אַ ספּעציעלע גוּװערנאַנטקע צו די דריי עלטערע קינדער און מיטן זויגקינד האָב איך מיך אָפּגעגעבן אַליין. איזידאָר איז יעדן אין דער פרי געפאָרן אין געשעפט אַריין קיין פילאַדעלפיע און אונדזערע פאַר־דינסטן זיינען געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסערע. נישט געקוקט דערויף, וואָס איך האָב געהאַט פיר קליינע קינדער, האָב איך מיך וואָס אַמאָל

www.libtool.com.cn

מער אָפּגעגעבן מיט געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. איך בין געוואָרן פּרע־זידענטין פון דער „טריו־סיסטערס אָרגאַניזאַציע", וואָס האָט זיך פאַר־נומען מיט הילף פאַר נויט־באַדערפטיקע. מיר האָבן געוואוינט אין אַ האָטעל, וואָס האָט אונדז באַזאָרגט מיט אַלעם גרייטן און דאָס האָט מיר געגעבן אַ סך פרייע צייט צו פאַרנעמען זיך מיט מיין פילאַנטראָ־פּישער אַרבעט. איך האָב אָנגעהויבן ווערן פּאָפּולער איבער דער שטאָט ווי אַ „געזעלשאַפטלעכע טוערין". אַחוץ דעם האָב איך אין האָ־טעל איינגעאָרדנט אַ פּרויען לייען־קרייז. דער פאָרלייענער איז געווען איזידאָר און מיר, פרויען, זיינען דערביי געזעסן, האָבן זיך צוגעהערט און האָבן דערביי געהאָפטן און געשטריקט.

די צייט איז דערווייל געגאַנגען. עס זיינען אַדורך 10 יאָר נאָך אונדזער חתונה און אין 1917, איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די באַלפור־דעקלאַראַציע צו שאַפן אַ יידישע היים אין ארץ־ישראל. דער דאָזי־קער פאַקט האָט אַרויסגערופן אַ כוואַליע מיט גרויס באַגייסטערונג פאַרן ציוניסטישן אידעאַל. איך האָב מיך געגומען נאָכפרעגן, צי עס איז נישט פאַראַן קיין ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין אַטלאַנטיק סיטי, און מען האָט מיך אינפאָרמירט, אַז יאָ. עס איז פאַראַן אַזאַ אָרגאַניזאַציע און אַז זי געפינט זיך אין דער שול „רודף שלום". איך בין דאָרט גלייך אַוועק און האָב געזען, אַז דאָס, וואָס מען האָט אָנגערופן אָרגאַניזאַציע, איז פּאַקטיש נישט געווען מער ווי אַ גרופּע מיט עלטערע יידן, וואָס זיינען געזעסן איבער ספרים און האָבן צווישן זיך געשמועסט וועגן ארץ־ישראל. דאָס האָט מיך, פאַרשטייט זיך, נישט צופרידנגעשטעלט און איך בין אַוועק איבער דער שטאָט און האָב אָנגעהויבן צו ווערבירן מיטגלידער פאַר אַן אמתדיקער, אַקטיווער אָרגאַניזאַציע. אין משך פון אַ קורצער צייט איז מיר געלונגען צו שאַפן עטלעכע און צוואַנציק מיטגלידער. עס איז באַשטימט געוואָרן, אַז די מיטגלידער זאָלן זיך באַשטייערן מיט אַ שטענדיקן אָפּצאָל. דער אָפּצאָל איז באַשטימט געוואָרן אויף 2 דאָלאַר אַ יאָר.

מיטן אַנטשטיין פון דער אָרגאַניזאַציע האָבן מיר אַנטוויקלט אַ גרעסערע ציוניסטישע טעטיקייט. מיר האָבן אָנגעהויבן איינצואָרדענען פאַרזאַמלונגען, צו וועלכע מיר האָבן אַראָפּגעבראַנגט פּראָמינענטע רעד־נער. מיר האָבן צו דער אַרבעט אויך צוגעצויגן קינדער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט צו זאַמלען געלט פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד. פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען עס האָט זיך אַנטוויקלט די יידישע לעגיאָנערן־באַוועגונג, איז געקומען צו אונדז, קיין אַטלאַנטיק סיטי, אַ פאָרשטייער



www.libtool.com.cn

**מיין מאַן און עלטסטער זון, הערבערט**

בילד גענומען אין אַטלאַנטיק סיטי, 1915, לינקס — איזידאָרס קוזין.

www.libtool.com.cn

פון רויטן מגן דוד, הרב פיינטאָל. ער איז געקומען אַדורכפירן אַ זאַמ־לונג פאַר די פאַמיליעס פון די פרייוויליקע לעגיאָנערן. הרב פיינטאָל האָט זיך געווענדט צו מיר, איך זאָל אים העלפן ביים אַדורכפירן די אַקציע און איך האָב מיך מיט גרויס התלהבות אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט.

מיר האָבן קודם־כל אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלן פרויען קאָמיטעט און מיר זיינען אַרויס אויפן „באָרדוואָק" מיט בלוי־ווייסע פּושקעס. אַחוץ דעם זיינען מיר אַרומגעגאַנגען צו פּריוואַטע מענטשן און האָבן אָנגע־זאַמלט געלט אין עפנטלעכע לאָקאַלן און אפילו אין טעאַטערס. איך דערמאָן מיך, למשל, ווי איך בין אַוועק צו אַ פּאַרוואַלטער פון אַ טעאַטער און איך האָב אים געבעטן, ער זאָל מיר דערלויבן אַדורכצופירן אַן אַקציע צווישן פּובליקום. דער פאַרוואַלטער האָט נישט בלויז איינגע־שטימט, נאָר ער האָט אַליין אַדורכגעפירט דעם אַפּיל. ער האָט זיך אַוועק־געשטעלט אויף דער בינע און האָט זיך געווענדט צום פּובליקום מיט די ווערטער:

„דהי סיסטערס אָוו מערסי" זיינען געקומען בעטן הילף פאַרן „רויטן מגן דוד", פאַר די פאַמיליעס פון די יידישע לעגיאָנערן. איך בעט אייך זיי צו העלפן אין זייער נאָבעלער אַרבעט".

דער אָפּרוף איז געווען אַ קאָלאָסאַלער און מען האָט פון אַלץ זייטן גענומען צושטאָגן געלט. נאָך דער אַקציע האָב איך פערזענלעך אַוועק־געפירט קיין ניו־יאָרק די גאַר גרויסע סומע — אין יענע צייטן — פון צוויי טויזנט דאָלאַר. דאָס איבערגעבן דאָס געלט איז פאָרגעקומען אין האָטעל פענסילוועניא, וואו עס איז אַהינגעקומען אַ ספּעציעלער קאָ־מיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון די ציוניסטישע פירער: אב. גאָלדבערג, וויליאַם עדלין, ס. דינגאָל און הרב פיינטאָל. בעת דעם איבערגעבן דאָס געלט איז געקומען צו אַ קליינער מיינונגס־פאַרשיידנקייט. עס האָט זיך געהאַנדלט אין דעם, צי דער רב זאָל באַקומען פּראָצענטער פון גע־זאַמלטן געלט. איך בין געווען קעגן דעם. איך האָב געטענהט, אַז הרב פיינטאָל האָט מיר געהאַט צוגעזאָגט, אַז יעדער געזאַמלטער סענט וועט גיין פאַר די פאַמיליעס פון די לעגיאָנערן און אַז איך אַליין האָב גע־דעקט אַלע אויסגאַבן, כדי די געזאַמלטע סומע זאָל דערפון נישט ליידן. דער קאָמיטעט האָט איינגעשטימט מיט מיר.

אין יענער צייט, ווען איך האָב אָנגעהויבן צו ווערן אַקטיוו אין דער ציוניסטישער אַרבעט, האָט מען מיך מאַן אַרויסגערופן קיין ניו־יאָרק צו אַ זיצונג פון די אַלגעמיינע ציוניסטן. אויפן טאָג־אָרדנונג



איך און אַ גרופּע חבר׳טעס פון רויטן מגן דוד

בילד גענומען אין אַטלאַנטיק סיטי, אין 1917

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

איז געשטאַנען די פראַגע פון שאַפן אַ פערטל מיליאָן דאָלאַר, כדי פאַרן דאָזיקן געלט אויפצובויען אין ארץ־ישראל אַ פאַבריק פון קאָנסערווירטע פרוכטן. צו אַ צווייטער זיצונג בין איך מיטגעקומען צוזאַמען מיטן הרב פיינטאָל און אונדזער ציל איז געווען אַרויסצוקריגן אַ געוויסע סומע פאַרן רויטן מגן דוד. אויף דער זיצונג האָב איך באַגעגנט ראובן ברייַנין און אב. גאָלדבערג, וועלכע זיינען געקומען קיין אַטלאַנטיק סיטי זאַמלען פאַרן הסתדרות עברית. דאָרט, אויף יענער זיצונג, האָב איך באַגעגנט און האָב מיך גאָר נאָענט באַפריינדעט מיט דער פרוי ברייַנין. זי האָט געטראָגן טרויער־קליידער נאָכן טויט פון איר טאָכטער. אין אַ צייט אַרום האָב איך באַקומען אַ ספּעציעלן דרינגענדיקן בריוו פון הרב הכולל פון ניו־יאָרק. דאָס האָט מען מיך איינגעלאַדן ווי אַ דעלעגאַטין צו דער ציוניסטישער קאָנווענשאָן, וואָס האָט געזאָלט אָפּגעהאַלטן ווערן אין שיקאַגאָ.

דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז אין יענער צייט געווען דער ריכטער דזשאָרדזש בראַנדייס. איך געדענק, ווען איך בין געקומען צו דער קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ, אַ קאָמישן אינצידענט. בעת איך בין אַריינגעקומען אין דער לאַבי פון האָטעל האָב איך מיך דערנענטערט צו אַ גרופּע דעלעגאַטן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט אב. גאָלדבערגן. איינער פון די מענער וואָס מען האָט אים גערופן פּשוט, „חנא דער באַוואוסטער”, האָט זיך צו מיר אָנגערופן: „אַ שפּאָגל־נייע ציוניסטקע! וואו זענט איר געווען ביז איצט? דער קאָפּ אייערער איז געלעגן ערגעץ אַנדערש?”. איך האָב מיך פון די דאָזיקע רייד זייער פאַרשעמט, אָבער מיט אַ פּאָר רגעס שפּעטער האָב איך געזען, אַז פון חנאן איז נישטאָ זיך וואָס צו שעמען. ווייל אין יענעם מאָמענט איז אַריינגעקומען דער ריכטער בראַנדייס און דער זעלבער חנא האָט אים דערלאַנגט גוטברודעריש אַ קלאַפּ איבער דער פּלייצע: „העלאָ ברענדי”. אַלע האָבן זיך צעלאַכט און איך האָב ערשט דעמאָלט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ סאָרט ווינצלער ס'איז דער דאָזיקער חנא און אַז מען דאַרף זיך פון אים צופיל נישט איבערנעמען.

ווען די סעסיע האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן בין איך אויטאָמאַטיש נאָכגעגאַנגען בראַנדייסן און איידער איך האָב מיך אומגעקוקט, האָב איך דערזען, אַז איך געפין מיך נאָענט פון אים, אין סאַמע צענטער פון דער פּלאַטפאָרמע. איך האָב געהערט, ווי מען האָט צווישן עולם זיך אָנגעהויבן צו שושקען: „ווער איז זי, די פרוי?” איך האָב מיך ווידער־

www.libtool.com.cn

אַמאָל פאַרשעמט און האָב געוואַרט אויף דער ערשטער געלעגנהייט, אַז כ׳זאָל אַרונטער פון דער פּלאַטפאָרמע און זיך אויסמישן צווישן עולם.

די קאָנווענשאָן איז געווען אַ שטורמישע. עס האָט זיך באַלד פון אָנהייב אַרויסגעוויזן, אַז דער עולם איז געווען צעטיילט אויף צוויי צדדים. איין צד האָט געהאַלטן מיטן ריכטער בראַנדייס, אָבער די מער־הייט איז געווען אויף דער זייט פון א. ליפּסקי און אב. גאָלדבערג. דער ליפּסקי־גאָלדבערג צד איז געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט, אַז די אָנ־פירערשאַפט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע דאַרף זיך געפינען אין די הענט פון אַ מער יידישלעכן מענטש, פון אַ פאָלקס־מענטש. מען האָט דערביי איבערגעגעבן נחום סאָקאָלאָווס אַ וויץ, אַז „אַזאַ ייד ווי דער ריכטער בראַנדייס, וואָס האָט אָנגעהויבן לייגן תפילין צו 60 יאָר, קאָן ניט זיין קיין רב אין אַ גרויסער קהילה" — ער קאָן טאַקע זיין אַ גרוי־סער „דזשאַדזש", אָבער דער ציוניסטישער פירער דאַרף זיין אַ מענטש פון פאָלק. און אַזוי איז טאַקע געוואָרן. געזיגט טאַקע האָט דאָס „פאָלק", דער צד פון ליפּסקי און גאָלדבערג.

איך האָב דאָס מאָל געהאַט אַ גוטע געלעגנהייט צו באַקענען זיך נענטער מיט גאָלדבערגן און איך האָב געזען, אַז ער איז נישט בלויז אַ פייערדיקער אָראַטאָר, נאָר אויך אַ גאָר ליבלעכער מענטש. מיר האָבן זיך זייער וואַרעם באַפריינדעט. ווען איך בין נאָך דער קאָנווענ־שאָן געקומען אַהיים, האָב איך דערציילט איזידאָרן וועגן אַלע מיינע איבערלעבונגען און איינדרוקן און דער עיקר וועגן מיין פאַרערונג פאַר אב. גאָלדבערגן. מיר האָבן פון דעמאָלט אָן אָנגעהויבן מיט אים זיך איבערצושרייבן און האָבן אים איינגעלאַדן צו קומען צו אונדז אַהיים. צו אונדזער פרייד האָט ער אָנגענומען אונדזער איינלאַדונג. מיט זיין פערזענלעכקייט און מיט זיין כאַראַקטער האָט ער אונדז אַלע אינספּי־רירט און באַגייסטערט פאַרן ציוניסטישן אידעאַל.

אין יענע טעג טאַקע, דאָס איז געווען אין יאָר 1919, האָבן מיר אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל. בעת די באַ־ראַטונגען וועגן אָרגאַניזירן אין ארץ־ישראל אַן אונטערנעמונג צו פּראָ־דוצירן קאָנסערווירטע פּרוכטן, האָט איזידאָר פאָרגעלייגט, אַז ער אַליין וועט אַהינפאָרן, אויף זיינע אייגענע הוצאות, און אַז ער וועט אויס־פאָרשן אויפן אָרט די באַדינגונגען פון אַנטוויקלען דאָרט אַזאַ פּראָ־דוקציע. ער האָט פאָרגעלייגט, אַז אב. גאָלדבערג זאָל מיט אים מיט־פאָרן און אַז ער וועט פאַר אים דעקן די הוצאות. די ציוניסטישע אָר־גאַניזאַציע איז געווען גאָר שטאַרק צופרידן פון מיין מאַנס פאָרשלאָג

www.libtool.com.cn



**דער בעכער**

געשאָנקען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע

www.libtool.com.cn

און ווי אַן אויסדרוק פון אָנערקענונג האָט זי אים דעמאָלט געשאָנקען אַ זילבערנעם בעכער מיט אַן אויסגעקריצטן אויפשריפט:

למזכרת נצח לציוני נאמן שהקדיש את כחו
לתחית הלאום ששתה את קבעת הכוס לעת
עלות לארצנו הקדושה
מאת הועד הפועל באטלנטיק סיטי, י״ב אדר, שנת תר״פ.

גאָר אינגיכן האָט דער פּלאַן אָנגעהויבן פאַרווירקלעכט צו ווערן. איזידאָר איז פאַקטיש געווען דער ערשטער ייד, וואָס איז אַוועקגעפאָרן פון אַמעריקע קיין ארץ־ישראל, בכדי דאָרט אויפצושטעלן אַן אינדוסטריע. אב. גאָלדבערג האָט מסכים געווען מיטצופאָרן און זיי האָבן זיך טאַקע באַלד גענומען גרייטן אין וועג אַריין. דאָס געשעפט אונדזערס האָט איזידאָר איבערגעלאָזט אונטער דער אויפזיכט פון אַ פאַרוואַלטער. איך אַליין בין יעדן טאָג געפאָרן פון אַטלאַנטיק סיטי קיין פילאַדעלפיע אין געשעפט אַריין. מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין אויסצאָלן טשעקס.

פון ארץ־ישראל האָט מיר איזידאָר געשריבן אַ גרויסע צאָל מיט אויספירלעכע בריוו. ער האָט מיר געשריבן נישט בלויז וועגן זיינע אייגענע דערפאַרונגען, נאָר ער האָט אויך גענוי און מיט פרטים באַשריבן דאָס לאַנד, וואָס איז דעמאָלט געווען נאָר אַ חלום וועגן אַ יידיש לאַנד. די בריוו זיינע האָבן אַ טאָפּלטן ווערט: זיי שילדערן איזידאָרן דעם מענטש, אָבער נאָך מער האָבן זיינע בריוו אַ היסטאָרישן ווערט. זיי שילדערן דאָס צוקונפטיקע ישראל אין איינעם פון די אינטערעסאַנטסטע געשיכטלעכע פעריאָדן; אין אַ פעריאָד, וואָס איז אין אַ גרויסער מאָס אומבאַקאַנט און וואָס איז אומבאַדינגט נויטיק צו קענען נעענטער, כדי צו קענען און פאַרשטיין דאָס ישראל פון היינט. איך וועל דאָ דער־ר׳יבער איבעררייסן דעם געפלאָס פון מיין אייגענער דערציילונג און וועל איבערגעבן גרעסערע אויסצוגן פון איזידאָרס בריוו, וואָס ער האָט צו מיר געשריבן צווישן דעם 9 מערץ און 18טן מאַי פון יאָר 1920.

די ערשטע צוויי בריוו זיינען פון וועג, פון דער שיף און פון פאַריז און אַלע ווייטערדיקע זיינען שוין פון ירושלים, תל־אביב און חיפה.

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# צווייטער טייל

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

## קאַפּיטל זיבן

# איזידאָרס בריוו: אויפן וועג קיין ארץ ישראל

דינסטיק, דעם 9טן מערץ, 1920
אויף דער שיף „אימפעראַטאָר"

מיין טייערע עליזה:

נו, פון וואַנען זאָל איך אָנהייבן? עס מישן זיך מיר אין קאָפּ אַזוי פיל פאַרשיידענע געדאַנקען מיט געפילן; עס איז מיר אוממעגלעך, ווי די מוזיקאַלישע וועלט וואָלט געזאָגט, צו כאַפּן דעם טאָן. איבעריקנס, וואָס טויג אַן אָנהייב? אויפן ים זיינען די באַגריפן אָנהייב, סוף, טיפקייט, גרויסקייט און אַלץ, וואָס מענטשן מעסטן, זאַכן, וואָס זיי האָבן מיטגע־בראַכט פון דער ישיבה, דאָ האָבן די אַלע מאָסן קיין ווערט נישט.



איזידאָר און אב. גאָלדבערג מיט אַ פריינט אויף דעם שיף קיין ארץ־ישראל

עס קאָן זיין, אַז שפּעטער, ווען כ׳וועל צושווימען צו אַ ברעג, וועט זיך ביי מיר אויפהערן צו קאָכן ווי אין אַ קעסל און איך וועל וויסן וואָס איך וויל. דערווייל איז דאָס נאָך גאַנץ ווייט. אַלץ לויפט ווי אין קינע־מאַטאָגראַף. אָט זע איך דאָס יאָר 1898. איך פאָר אָפּ קיין אַמעריקע און מיין טייערע מאַמע וויקלט מיר אַרום דעם קאָפּ מיט אַ שאַל. און אָט זע

www.libtool.com.cn

איך דעם 8 מערץ 1920, ווי דו פּאַכעסט מיט דער האַנט און דו וואַרפסט מיר אָן אַ שיעור קושן. אָט זע איך זיך, ווי אַ ייִנגעלע נישט גרעסער ווי הערבערט און מיין מומע רחל פרעגט מיך: „ישראל, וואָלסט געוואָלט פאָרן קיין אַמעריקע?" און איך לאָז אַראָפּ די אויגן און ענטפער: „וואָס דען?" און אָט זע איך ווי הערבערט לויפט אַרום אַ נערוועזער אין וואַרט־צימער פון קיונאַרד לאַין און וואָרנט מיך: „ווּעסט זען, ווּעסט פאַר־שפּעטיקן די שיף".

מיין קינדהייט, מיין יוגנט, מיין שטרעבונג, מיין אַרבעט, מיין ליבע, מיין איצטיקע רייזע, אַלץ מישט זיך אויס און שוועבט אַרום אין געדאַנק אָן אַ סדר, אָן אַן אָנהייב און אָן אַ סוף. און איך שטיי אין מיטן און גיב זיך איבער מיט פאַרגעניגן דעם צושטאַנד. אַ צושטאַנד, וואָס ווייסט שוין פון גאָרנישט, וואָס לאַכט זיך אויס פון אַלע מענטשלעכע חשבונות. צייט? וואָס פאַר אַ נאַרישקייט. סדר? אַ געלעכטער. ניין, היינט האָב איך נישט און וויל נישט האָבן אָט די אַלע ערדישע זאַכן. היינט בין איך אויפן ים, וואו עס איז נישטאָ קיין אָנהייב און קיין סוף — קיין חשבון, קיין סדר, קיין צייט, בלויז הימל און ים. און אויפן ים קריכט אַ מילב, וואָס הייסט „אימפּעראַטאָר" און אין דעם מילב ליגן 5 טויזנט מילבעלעך און איך, ישראליק, בין איינער פון זיי.

*
**

זונטיק ביינאַכט.

זינט מיר זיינען אַרויף אויף דער שיף ביז נעכטן איז דאָס וועטער געווען זייער שיין. די זון האָט וואַרעם געלאַשטשעט, דאָס מילדע ווינטעלע האָט געגלעט. עס האָט זיך נאָר געוואָלט ליגן אויף דעם אויבערפלאַך און קוקן אויפן ים און באַוואונדערן אַלץ, וואָס די אויגן זעען. און אַזוי האָב איך געטאָן.

היינט מאָנטיק האָבן מיר זיך באַקענט מיט כמעט יעדן ייד אויף דער שיף און אויך מיט אַ סך קריסטן און מיר האָבן זייער גוט פאַרבראַכט. דער אונטערשייד פון ראַסע און פון קלאַס — דאָס אַלץ ווערט אויף דער שיף פאַרגעסן, מען פילט זיך היימיש, מען רעדט צוזאַמען און מען טרינקט צוזאַמען. איך האָב אַ סך צו פאַרדאַנקען אַ יונגנמאַן פון אַטלאַנטיק סיטי, איינער אַ מר. באַגדאַנאָף, וועלכער וואוינט אין ניו העמפּשאַיר עוועניו. גלייך ווי ער איז אַרויף אויף דער שיף האָט ער אונדז אויפגעזוכט און ער האָט אַזוי איינגעאָרדנט, אַז מיר זאָלן עסן ביי איין טיש. זייענדיק אַן אַמע־ריקאַנער געבוירענער און אַ שטיקל לעב־יונג האָט ער אַדורכגעפירט אַ שידוך צווישן אונדז, די פּאָר יידן, מיט אַ פּאָר יענקיס, וועלכער באַשטייט

www.libtool.com.cn

פון אַן אַקטיאָר, אַ מוזיק־פּראָפעסאָר, און אַ פאַרמער. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז מיר האָבן זיך אָנגעהויבן צו שפּילן ווי קינדער און מען האָט נישט געפילט ווי די צייט פאַרשווינדט. מען רעדט אויך געוויינטלעך וועגן ערנסטע ענינים. דאָס האָט דערפירט דערצו, אַז עטלעכע יידן האָבן נעכטן איינגעאָרדנט אַ פאַרטראָג מיט אונדזער אַב. גאָלדבערג. פון דער רעדע זיינער האָט ער אָנגעשריבן אַן אַרטיקל פאַר „דאָס יידישע פאָלק". ער וועט אויך דרוקן אַ סעריע אַרטיקלען אין „מאָרגן זשורנאַל" וועגן אונדזער רייזע אויף דער שיף. איך וועל מיך דעריבער אויף דער רייזע לאַנג נישט אָפּשטעלן, זיינע אַרטיקלען וועלן זיין אַ סך אינטערעסאַנטער.

איך שיק דיר אַ קאָפּיע פון אַ צייטונג, וועלכע ווערט דאָ געדרוקט יעדן טאָג אויף דער שיף. איך שיק דיר אויך אַ סואוועניר — אַ בוך פון דעם צווייטן קלאַס. לויט ווי מען זאָגט, וועט מען אַרום דינסטיק אָנקומען קיין פראַנקרייך. פון דאָרט וועל איך דיר אַרויסשיקן דעם בריוו. נישט איך און ניט די אַנדערע האָבן געליטן פון דער ים־קראַנקייט. די שיף איז גרויס און שווער און זי וואַרפט ניט שטאַרק אַפילו אין אַזאַ שלעכטן וועטער ווי היינט.

איך שטעל מיך פאָר, אַז די ערשטע וואָך ביסטו אַ ביסל צערודערט. אָבער איך קען דיין כאַראַקטער. דו וועסט מיט דער צייט אַלץ אויפנעמען רואיק און וועסט פירן אונדזער קליין מלוכהלע אַזוי גוט ווי איך, און אפשר גאָר בעסער. איך דערמאָן דיך נאָך אַמאָל: שיק מיר אַרויס דיין בילד.

דיין, ישראל.

***

האָטעל דע'ז עטאַ איני

פאַריז, מערץ 20, 1920

ליבע, טייערע עליזה:

עס איז איצט שבת אָוונט. גאָלדבערג איז געגאַנגען זען אַ פריינד און איך שרייב דערווייל, ביז ער וועט קומען.

די לעצטע צוויי טעג, זינט מיר זיינען אָנגעקומען קיין פאַריז, זיינען מיר אַרומגעלאָפן ווי טייוואָלנים, כדי אויסצוגעפינען, ווי אַזוי צו פאָרן ווייטער. ווי איך האָב דיר געשריבן אין ערשטן בריוו פון פאַריז, איז דאָס פאָרן זייער שווער. מיר האָבן שוין פונדעסטוועגן צוויי בילעטן אין קעשענע ביז אַלעקסאַנדריע. מאָרגן אין דער פרי גיי איך באַזאָרגן דעם באַגאַזש און אויב אַלץ וועט גיין גלאַט, דאָס הייסט, אויב די באַנען וועלן אָנקומען צו דער צייט קיין טריעסט און אויב עס וועלן דאָרט זיין פלעצער אויף דער שיף, וועלן מיר זיין די חכמים. טאָמער אָבער

www.libtool.com.cn

פאַרקערט, טאָמער וועלן די באַנען נישט פאָרן אָדער טאָמער זיי וועלן נישט אָנקומען צו דער צייט און מיר וועלן נישט האָבן קיין פּלעצער אויף דער שיף, וועלן מיר נאָך אַלץ נישט זיין דאָס פאַרקערטע פון חכמים... ווייל פון דאָרט וועט שוין זיין אַ סך לייכטער צו פאָרן קיין בוקאַרעשט און קיין סאַראָקע. די שיפסקאַרטן זיינען אַלע מאָל גילטיק. לויט ווי עס שיינט וועלן מיר זיך דערשלאָגן קיין ארץ־ישראל אויף פסח. אָבער מיט אַ סך שוועריקייטן און מיט נאָך מער ערגערניש.

יאָ, מיין טייערע, מיר זיינען יידן און מיר טיילן דעם שיקזאַל פון אַלע. מען באַגעגנט זיך דאָ אויף טריט און שריט מיט טויזנטער יידישע טראַגעדיעס און ווען מען פאַרגלייכט זיי צו אונדזערע, פאַרשעמט מען זיך. ווייל נאָך אַלעמען, וואָס פאַר אַ פאַרגלייך זיינען אונדזערע שוועריקייטן מיט די צרות פון אונדזער פאָלק, וואָס וואָלט אפילו געגאַנגען קיין ארץ־ישראל נאַקעט און באָרוועס, אַבי מען זאָל זיי נאָר לאָזן?

עס איז אָבער דאָ אַ שיין פון האָפענונג. בשעת די צוויי טעג, וואָס מיר זיינען דאָ, האָט אונדזער טייערער פריינד גאָלדבערג גערעדט מיט פאַרשיידענע כלל־טוער און ערשט מיט אַ פּאָר שעה פריער האָט ער אינטערוויואירט אונדזער גרויסן סאָקאָלאָוו. ווי ער גיט מיר איבער זיי־נען דאָ גוטע אויסזיכטן. עס איז בלויז אַ קורצע צייט, ביז עס וועט גע־שלאָסן ווערן דער טערקישער טראַקטאַט; דעמאָלט וועלן מיר קריגן אַלץ, וואָס מען האָט אונדז צוגעזאָגט.

קומענדיק קיין פּאַריז האָבן מיר זיך דאָ דערוואוסט די טרויעריקע נייעס וועגן ארץ־ישראל. איך מיין דאָ די נייעס וועגן דעם אַראַבישן אי־בערפאַל אויף אַ קאָלאָניע. אין דעם איבערפאַל זיינען אומגעקומען זעקס יידן. די יידישע צייטונגען אין אַמעריקע, איבערהויפּט די אַנטי־ציוניס־טישע, האָבן אוודאי דערציילט מיט גרויסע קעפּ וועגן אַ פּאָגראָם. דער אמת איז אָבער, אַז דאָס איז געווען קיין איבערפאַל נישט פון דער באַ־פעלקערונג, נאָר פון פשוטע כוליגאַנעס, און איז אַזאַ אומרואיקער צייט איז דאָס צו דערוואַרטן. די לאָנדאָנער און פּאַריזער ציוניסטן האָבן אָנ־גענומען די נויטיקע שריט און זיי האָבן באַקומען צוזאָגן פוןביידע רע־גירונגען, אַז אַזעלכעס וועט מער נישט פּאַסירן. די ענגלישע רעגירונג האָט פאַרבאָטן דעמאָנסטראַציעס און לויט די הערשנדיקע מיינונגען וועט זיך אַלץ גאָר גיך באַרואיקן. לאָמיר האָפן.

גריס יעדן אין שאַפּ. איך וואָלט געשריבן צו יעדן פּערזענלעך, אָבער די צייט דערלויבט מיר דאָס נישט.

דיין, ישראל

www.libtool.com.cn

אויפן ים „ללאָיד טרעסטינא"

מערץ 28, 1920

ליבע, טייערע עליזה!

ווען איך וואָלט נישט געהאַט מיין אַלטע געוואוינהייט וואָלט איך דאָס „קעפּל" איבערן בריוו געמאַכט לענגער און שטאַרקער. איך ווייס אָבער, אַז דו פאַרשטייסט מיך און וועסט אין די דריי ווערטער אַריינלייגן אַ סך מער ווי זיי זאָגן...

היינט איז שוין דער דריטער זונטיק ווי איך בין אָן דיר. אַ גאַנצן טאָג האָב איך וועגן דיר געטראַכט און איך האָב געזען ווי דו זיצסט ביים טיש אַליין מיט הערבערטן, אַ מידע פון דער וואָך אַרבעט, אויסגע־פּוצט און פאַרטראַכט. אַ טרערעלע שפּאַרט פון אינעווייניק, פון דער טיפעניש פון האַרץ אויף דער אויבערפלאַך פון דיין אויג. געסט אָדער היימישע האָבן עס באַמערקט און האָבן געמאַכט אַ שפּאַס אָדער געזאָגט אַ טרייסט־וואָרט, אָבער דערמיט האָבן זיי נאָך ערגער געמאַכט דיין צו־שטאַנד. ביי טאָג האָסטו אָנגעהויבן צו שרייבן צו מיר אַ בריוו, געשריבן שנעל, לאַנג זיך פאַרטראַכט און דערנאָך זיך פאַרטראָגן אין ווייטע וועלטן. עס האָט אָנגעהויבן צו ווערן נאַכט און חברה זיינען געקומען פון באָרד־וואָק מיט פאַרפלאַמטע פּנימער. עס איז געוואָרן אַ טומל און דאָס האָט דיך צוריקגעבראַכט פון די ווייטע וועלטן. האָסט געשטילט דיין דורשט קושנדיק די קינדערלעך, פריידיק און הייס און האָסט זיי שטאַרק צו זיך געדריקט. אַ טרער האָט באַדעקט דיין יעדע באַק און משה מענדל האָט געפרעגט: „מאַדהער, וואַי דו יו קראַי?".

עס איז שוין שפּעט נאָך סאַפּער. דו שפּאַצירסט איצט מיט הערבערטן און ער פרעגט דיך טויזנט מיט איין פראַגע וועגן מיין רייזע. דיין גע־דאַנק וואַנדערט נאָך אַמאָל ערגעץ ווייט אויף דער שיף פון טריעסט קיין אַלעקסאַנדריע, אויף די כוואַליעס פון מיטללענדישן ים.

עס ווערט שפּעט און דו דערמאָנסט דיך, אַז מאָרגן דאַרפסטו פאָרן קיין פילאַדעלפיע און דו קערסט דיך אַהיים מיט אַ שווערן אָבער הייליקן געמיט. דו קניסט ניט און זאָגסט גאָרנישט, אָבער איך קאָן הערן דיין תפילה און זען די טרערן, וואָס באַגלייטן דיין געבעט. איך בין מיט דיר, און דיין געבעט און דער גאָט, וואָס באַהיט מיך דאָ אויפן ים, וועט דיך מיט אונדזערע קינדערלעך אָפּהיטן דאָרט, אויף דער יבשה, פון אַלץ, וואָס איז שלעכט פאַר אייך. מאָרגן וועט דיר זיין לייכטער. אין געשעפט איז מען פאַרנומען, פאַר דיר איז אַלץ ניי, וועסטו דאָרט האָבן מאָמענטן,

www.libtool.com.cn

ווען דו וועסט דיך פאַרגעסן. ביז עס וועט קומען אַ נייער זונטיק און דו וועסט ווידער איבערלעבן דאָס היינטיקע געפיל.

דיין שמערץ, מיין טייערע, איז געמישט מיטן הייליקן געפיל, אַז דאָס געפענקעניש, וואָס דו האָסט אויף דיר גענומען, איז פאַר אונדזער אידעאַל, פאַר אונדזער פאָלק. זאָל דיר דאָס צוגעבן מוט אין דיינע טרויעריקע מאָמענטן, קראַפט איבערצוטראָגן די צייט ביז דער אידעאַל אונדזערער וועט ווערן רעאַליזירט.

אין די ערשטע טעג פון מיין רייזע האָב איך געלעבט ווי אין אַ חלום. איך האָב מיך דערמאָנט אין מיין גרויער קינדהייט, אין מיינע קינדערישע חלומות און אין מיין רייזע קיין אַמעריקע. איך האָב מיך דערמאָנט אין מיינע וואַנדערונגען, וואָס זיינען דיר גוט באַקאַנט, אין די ערשטע יאָרן פון אונדזער באַקאַנטשאַפט, ווען דו האָסט אַריינגעבראַכט אַ שטראָם פון ליכט און פון זיסקייט אין מיין טרויעריק לעבן, פאַר וואָס איך וועל דיר אייביק זיין דאַנקבאַר. איך ווייס, אַז איך האָב דיר ווייט נישט צוריקגעצאָלט מיטן זעלבן. יאָרן פון פלאָג און פון מאַטערניש האָבן מיך געמאַכט האַרט. יאָרן פון בענקשאַפט נאָך מיין אַלטער היים און עלטערן האָבן מיך געמאַכט איינגעשלאָסן אין זיך. זייענדיק אַ פאַרביטערטער קעגן מיין גורל האָב איך דיר נישט געקאָנט אָפּצאָלן אין דער מאָס, ווי עס איז דיר געקומען. איך ווייס אָבער וועגן מיין חוב צו דיר און אַז גאָט וועט מיר העלפן און איך וועל אַדורכפירן די איצטיקע רייזע און וועל מיך באַפרייען פון דעם אַלעם, וואָס איך האָב די אַלע יאָרן אַדורכגעלעבט און וועל אָנהייבן אַ ניי בלאַט, וועל איך דיר באַצאָלן כפל כפלים.

אַ דאַנק מיין איצטיקער רייזע באַפריי איך מיך פון אַ סך פאַלשע טעאָריעס, וועלכע איך האָב יאָרן לאַנג געהאַלטן אמתדיק און הייליק. איבערהויפּט פון דעם מין באַשיידנקייט. ביי מיר האָט זיך באַשיידנקייט שטענדיק געמישט מיט שעמעוודיקייט. אין דער אמתן קאָן מען אָבער זיין באַשיידן און דאָך נישט קינדעריש־שעמעוודיק. דער געדאַנק, אַז איך האָב נישט די פעאיקייט ליב צו האָבן איז אויך געווען היפּש איבערטריבן. פאַרקערט. נאָר אַזעלכע מענטשן ווי איך קאָנען ליב האָבן ביז צו פאַרגעטערונג. איך שטאַם פון חסידים און ווייס גוט, וואָס פאַר אַ מענטשן זיי זיינען.

אַנטשולדיק, טייערע, וואָס איך בין אַריינגעפאַלן אין אַזאַ טאָן. אָבער פאַרוואָס נישט רעדן צו דיר, ווי צו אַ געליבטע, אָן טעאָריעס און פילאָסאָפיעס? צי דאַרף איך דיר אָנגעבן תירוצים, פאַרוואָס איך ליב דיך?

www.libtool.com.cn

ליידער בין איך נישט קיין שרייבער, ביי וועמען אַלץ שרייבט זיך ווי אַ מזמור. איך קוק, ווי אונדזער פריינד גאָלדבערג שרייבט. די פּען זיינע גייט קלאָר און מיט אַ סדר, איין געדאַנק גייט נאָך דעם צווייטן. ביי מיר אין קאָפּ איז אָבער אַ מישעניש פון געדאַנקען און מיין פּעדער קלייבט גראָד אויס די, וואָס זיינען נישט אויפן פּלאַץ. אָבער דו ביסט אַ גוטע לייענערין און דו וועסט דיר אַליין מאַכן אַ סדר...

איך שרייב דיר נישט קיין רייזע־בילדער. ערשטנס, ווייל דו וועסט זיי לייענען אין „מאָרגן־זשורנאַל". צווייטנס, דערפאַר, ווייל איך וויל איצט רעדן קינדעריש וועגן זיך. כמעט דאָס גאַנצע לעבן האָב איך וועגן זיך נישט געטראַכט. איך האָב שטענדיק זיך אַליין פאַרבויגן, באַהאַלטן די נשמה אויף עפּעס אַ יום־טוב. איצט אָבער איז דער יום־טוב געקומען און איך וועל זאָגן מיין וואָרט... קומענדיק קיין פּאַריז בין איך נאָך אַלץ געווען ווי אין אַ צושטאַנד פון אַ חלום. איך בין אַדורכגעפאָרן אי־טאַליע, געזען די שיינע לאַנדשאַפטן און די ליכטיקע הימלען. דעם לעצטן דאָנערשטיק, ווען די שיף איז אַרויסגעשוואומען פון טריעסט, האָב איך געטראַכט וועגן דעם גרויסן אונטערשייד פון טריעסט און ניו־יאָרק. אין ניו־יאָרק האָב איך איבערגעלאָזט דאָס בעסטע וואָס איך פאַרמאָג אין לעבן. איך וואָלט מוחל געווען די אַלע לאַנדשאַפטן פאַר איין קוק אין דיינע אויגן.

איך פיל מיך דאָ רואיק. איך פיל, אַז דער אייזבאַרג אין מיין האַרץ האַלט זיך ביים צעגיין. ווען קיינער זעט נישט, וויין איך מיך אויס. עס ווערט מיר דאַן לייכטער אויפן האַרץ. איך פאַרגעס וועגן אַלץ, ווייל ענדלעך האַלט מיין צוויי און צוואַנציק יעריקער חלום ביים רעאַליזירט ווערן. כאָטש דו ביסט נישט מיט מיר, באַטראַכט איך אָבער מיין איצטיקע רייזע ווי אונדזער „האָניק־חודש". די אידעאַלן זיינען בשותפותדיקע. אָנשטאָט די אַמאָליקע צוריקגעהאַלטענע בריוו שיק איך דיר איצט בלוי־מענקראַנצן געפלאָכטן פון מיין אָרעמער שפּראַך, אָבער פון רייכע געפילן, וועלכע זיינען לאַנגע יאָרן געווען באַהאַלטן אין מיין האַרץ. איך שיק דיר דאָס בעסטע און רייכסטע, וואָס איז דאָ אין מיר...

גריס און קוש אונדזערע טייערע און ליבע קינדערלעך. זאָג זיי, אַז זייער טאַטע, וואָס האָט אַזוי לאַנג געליטן, איז ענדלעך גליקלעך און אַז ער בעט גאָט, זיי זאָלן האָבן אַ בעסערע קינדהייט און אַ מער גליקלעכע יוגנט, ווי זייערע עלטערן האָבן געהאַט.

מיט פיל ליבע בין איך דיין, ישראל.

www.libtool.com.cn

## קאַפּיטל אַכט

# בריוו פון ארץ־ישראל

תל־אביב, מלון הרצליה, אַפּריל 9, 1920

ליבע, טייערע עליזה!

היינט אַ וואָך, פּונקט ערב פּסח, זיינען מיר אָנגעקומען אַהער. מיר האָבן געהאַט בילעטן קיין ירושלים, אָבער אין לעצטן מאָמענט האָבן מיר געביטן דעם פּלאַן, ווייל מיר האָבן דאָ דערוואַרט צו געפינען בריוו. קאָנסט דיר לייכט פאָרשטעלן, ווי אַזוי מיר האָבן זיך געפילט, ווען מיר האָבן דאָ קיין בריוו נישט געפונען.

מיר האָבן ווי עס איז געפּראַוועט דעם ערשטן סדר אין האָטעל, פאַר־ביסן מיט טרערן, און ערשט שפּעטער זיינען מיר אַרויס אין גאַס, אָנקוקן תל־אביב. מיר האָבן אַדורכגעשפּרייזט עטלעכע גאַסן אין דער פינצטער, האָבן אָפּגעשטאַט אַ וויזיט ביים רעדאַקטאָר פון „הפּועל הצעיר" און האָבן זיך אומגעקערט שלאָפן.

אַרום זעקס אַזייגער אין דער פרי האָט זיך אין אונדזער צימער אַריינ־געריסן אַ שטאַרקע, ליכטיקע, ארץ־ישראלדיקע זון. נאָך איידער מיר האָבן זיך אָנגעטאָן האָט מען גענומען קלאַפּן אין דער טיר. עס זיינען אַריינגעקומען אַגראָנסקי מיט נאָך עטלעכע אַמעריקאַנער באַקאַנטע. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שמועס, אַלע האָבן גערעדט, און גערעדט האָט מען העברעאיש, יידיש און ענגליש. די פּאַלעסטינער האָבן געפרעגט: „וואָס הערט זיך אין די סטעיטס?" און מיר האָבן געפרעגט: „וואָס הערט זיך דאָ?"



אין ארץ־ישראל

www.libtool.com.cn

די חברה האָט געטרונקען טיי און איז אַרויס אין גאַס אַריין, צום פּאָסט־אָפיס, כדי פון דאָרט צו טעלעגראַפירן. אין גאַס איז לעבעדיק. אַלץ איז יום־טובדיק. אַ סך דערקענען גאָלדבערגן און עס ווערט אַ געשריי: „שלום, שלום!" מען מאַכט אַ פּאָר טריט און עס באַווייזט זיך אַ נייער באַקאַנטער. מען שטעלט זיך אָפּ און עס ווערט אַ רעדל אין מיטן גאַס. מען פרעגט ווידער די זעלבע פראַגעס. און אַזוי איז אַוועק דער גאַנצער טאָג.

צום צווייטן סדר זיינען מיר געווען איינגעלאַדן צו לעווין עפּשטיין. דאָ, אין לאַנד, פּראַוועט מען נאָר איין סדר, אָבער זיינער אַ ברודער פון וואַרשע, וועלכער איז געקומען צוזאַמען מיט אונדז אויף דער שיף פון טריעסט, איז מחויב לויטן דין צו מאַכן צוויי סדרים. האָט מען אויך אונדז איינגעלאַדן און מיר, די דריי גלות־יידן, האָבן זיך גענומען פראַוועןדעם סדר.

דאָס עס־צימער, ווי אין אַלע אייראָפּעאישע הייזער, איז גרויס און הויך. אין מיטן צימער — אַ גרויסער טיש באַשיינט מיט אַ בליץ־לאָמפּ. דער גוטער, אַלטער עפּשטיין מיט זיין פּאַטריאַרכאַלער באָרד זיצט אויבן אָן. גאָלדבערג איז געזעסן אויף זיין רעכטער זייט און איך אויף דער לינקער. אויף די איבעריקע פלעצער זיינען געזעסן זייערע קינדער און קרובים. מען האָט דערלאַנגט דריי הגדות פון זייער אייגענער דרוקעריי; עפּשטיין מיט זיינע בני בית זיינען געווען פּטור פון זאָגן די הגדה.

דעם צווייטן טאָג, זונטיק, זיינען מיר געגאַנגען צו אַ פאַרזאַמלונג. מיר האָבן דאָרט געהערט רעדן מאַסענזאָנען מיט נאָך איינעם. וועגן וואָס די פאַרזאַמלונג איז פאַרגעקומען און וועגן וואָס מען האָט גערעדט קאָן איך דאָ איצט נישט דערציילן. די פּאָליטישע לאַגע איז דאָ נישט קיין קלאָרע, די רעגירונג איז אַ מיליטערישע.

אין אָוונט איז אָנגעקומען די טרויעריקע נייעס וועגן די אומרוען אין ירושלים און מיטאַמאָל איז אונדזער גאַנצע פרייד פאַרשוואונדן גע־וואָרן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ צייט פון דערוואַרטונגען, פון וואַרטן אויף פּינקטלעכע נייעס; אַ צייט פון יסורים, פון שרעק, פון קלאַנגען און פון „פּאַטשטן". יידן האָבן זיך געקאָכט און געסודעט. דאָס איינציקע גוטע אין דעם אַלעם איז געווען דאָס, וואָס אַלע יידן, אָן אונטערשייד, אַפילו די יידן מיט די שטריימלעך, די ספרדישע און תימנישע, אַלע זיינען געווען בראַוו און מוטיק. קיינער האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין געפיל פון שרעק.

דעם ערשטן טאָג חול המועד האָב איך מיך דערוואוסט, אַז הרב

www.libtool.com.cn

פישמאַן וואוינט סך־הכל צוויי הייזער אַוועק פון אונדזער האָטעל. איך האָב אים גלייך באַזוכט. ער, זיין פרוי בתיה און זייער איינציק קליין מיידעלע האָבן זיך זייער דערפרייט מיט דעם ווייטן קרוב. איך האָב מיט זיי פאַרבראַכט אַ לאַנגע צייט, גערעדט וועגן סאַראָקע, ארץ־ישראל, אַמע־ריקע — און פון וואָס נישט.

דעם צווייטן טאָג זיינען מיר אַוועקגעפאָרן קיין פתח תקוה, די גרעס־טע קאָלאָניע אין לאַנד. מיר האָבן דאָרט פאַרבראַכט אַ טאָג, איבערגערעדט מיט עטלעכע מענטשן וועגן אונדזער פּלאַן פון „קעניגנג" און „פּרעזערווי־רונג". איך וועל מיך דאָ נישט אַריינלאָזן אין קיין אויספירלעכע באַ־שרייבונגען, איך וועל בלויז אין קורצן דערציילן וועגן פתח תקוה און זאָגן, אַז דאָס איז ווירקלעך אַ לאַנד פון זבת חלב ודבש. דאָס הייסט, אַז עס וואָלט געקאָנט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַזאַ לאַנד. די נאַטירלעכע רייכטימער זיינען דאָ און מען קאָן זיי אַרויסברענגען. מיר זיינען דאָ ווידער אַהערגעקומען און פאַרבראַכט אַ צווייטן טאָג. דאָ איז די בערזע פון לאַנד. מען זעט דאָ מענטשן פון אַלע עקן וועלט און אַלע זיינען אינטעליגענטן. קיין פּשוטע יידן זעט מען דאָ כמעט נישט. יעדנפאַלס — נישט צווישן די, מיט וועלכע מיר האָבן פאַרקערט. די שפּראַך, וועלכע די אינטעליגענץ נוצט, איז העברעאיש און בלויז העברעאיש. דעריבער האָב איך בלויז געקאָנט הערן און הערן. עס האָט מיך פאַרדראָסן, וואָס איך האָב נישט געקאָנט זיך באַטייליקן אין די געשפּרעכן, אָבער אפשר איז אַזוי בעסער געווען. דעם אמת געזאָגט פיל איך מיך נישט קאָמפּע־טענט אין די אַלע ענינים. ווען איך בין אַליין טראַכט איך איבער די רעדעס און מיט דער צייט וועל איך אפשר קומען צו מיינע אייגענע שלוסן.

נעכטן אָוונט איז אין יפו געווען אַ געדריקטע שטימונג. היינט זאָגט מען, דאַרף דאָ פאַרקומען אַן אַראַבישע דעמאָנסטראַציע קעגן יידן. זייענ־דיק אָנגעשראָקן מיט די געשעענישן אין ירושלים האָבן מיר געהאַט יסורים. דער טאָג איז אָבער אַריבער אַ רואיקער און אויב די פּרעסע אין אַמעריקע מאַכט דערפון אַ גרויסע זאַך זאָלסטו דיך נישט שרעקן.

היינט אין דער פרי זיינען אָנגעקומען דיינע דריי בריוו. איך שעם מיך נישט אויסצוזאָגן, אַז איך האָב באַלד פאַרגעסן אין דער גאַנצער היגער פּאָליטיק און האָב אָנגעהויבן צו לייענען, לייענען און נאָך אַמאָל לייענען. עס איז מיר געווען זייער שווער אָפּצולעבן פינף וואָכן אָן אַ וואָרט פון דיר. איך בין גלייך אַוועק צו די פישמאַנס אָנזאָגן זיי די בשורה פון דיינע

www.libtool.com.cn

בריוו און איצט וועל איך פאַרקאַטשען די אַרבל און ענטפערן אויף דיינע בריוו אל ראשון ראשון ועל אחרון אחרון.

ערשטנס — דו דאַרפסט דיך נישט שעמען. דו קענסט מיר אַרויס־שרייבן יעדע קלייניקייט. זיי זיינען מיר פונקט אַזוי אָנגענעם ווי די גרויסע זאַכן. איך געדענק נישט, אַז איך זאָל אַמאָל האָבן געלייענט עפּעס מיט אַזאַ חשק, ווי איך האָב געלייענט דיינע בריוו. דעריבער דאַרפסטו נישט איבערקלערן — שרייב אַלץ. איך טו דאָך אַזוי. איך שטרייך נאָך אַמאָל אונטער, אַז אויב איך לאָז אַדורך אַ סך זאַכן, ווי צום ביישפּיל, די שילדערונגען פון די רייזע־ערטער, איז עס דערפאַר, ווייל גאָלדבערג שרייבט וועגן זיי אין „מאָרגן זשורנאַל" און אין „דאָס יידישע פאָלק".

עס איז זייער גוט, וואָס מעי לעווין איז גראָד איצט געקומען. גריס זי אין מיין נאָמען. און איידער איך פאַרגעס גיב איבער אַ גערוס מר. און מרס. סידקאָוו מיט אַלע זייערע קינדער, די עלפּעבשטיינס אַריינגערעכנט. זאָג זיי, אַז ביז איצט האָב איך לײדער נישט געפונען קיין צייט זיי צו שרייבן באַזונדער. עס אינטערעסירט מיך זייער צו וויסן, ווי עס איז ביי זיי אַדורך דער פסח, צי זיינען געוועז ביי זיי אַ סך מענטשן.

דיין קליין בילדעלע איז מיר זייער אָנגענעם, אָבער נישט דאָס האָב איך געמיינט. מאַך דיר אַ גרעסער בילד און שיק עס מיר.

זאָג הערבערטן אַז איך בענק נאָך אים זייער און בעט אים צו זיין פיין און גוט. יעדער, וואָס זעט זיין בילד זאָגט, אַז ער זעט אויס „רעפיינד" און אויב ער וועט זיך טאַקע אויפפירן, ווי ער זעט אויס אויפן בילד, וועל איך באמת זיין שטאָלץ מיט אים. קוש אים פון מיינעטוועגן און דאָס זעלבע אויך משה מענדל. גריס די מאַמע און זאָג איר, אַז אַ מענטש דאַרף נישט קיין פּובליסיטי און אַ ניט־מענטש העלפט נישט קיין פּובליסיטי... לויט מיין חשבון קאָנסטו מיר נאָך ענטפערן אויף דעם בריוו אויפן אַלטן אַדרעס. דעם צווייטן בריוו זאָלסטו מיר שיקן קיין בוקאַרעסט.

רעג דיך נישט אויף מיט איבעריקע דעבאַטעס, וועסטו קאָנען טראָגן דעם יאָך, וואָס דו האָסט אויף דיר גענומען. לייען די געדרוקטע זאַכן, וועלכע איך האָב דיר איבערגעלאָזט. ווי פילסטו דיך אויף דיין נייעם פּאָסטן? איך פיל מיך אין אַלגעמיין זייער גוט. ווען אויפן האַרצן ווערט שטאַרק קאַלעמוטנע נעם איך מיך צו מיין אַלט מיטל: איך לייג מיך שלאָפן. פאָלג מיך און טו אויך אַזוי. עס איז די בעסטע מעדיצין...

גריס אונדזער משפּחהלע.

דיין, ישראל

www.libtool.com.cn

ירושלים, אפריל 14, 1920

ליבע, טייערע עליזה!

מיינע פּאָרלויפיקע בריוו פון ארץ־ישראל זיינען צום באַדויערן אַלע טרויעריקע. די לאַגע אין לאַנד איז געווען און איז נאָך דערוויל נישט קיין פריילעכע. איך וויל אָבער היינט, אין מיין ערשטן טאָג אין ירושלים, נישט רעדן פון פּאָליטיק. אַנשטאָט דעם וועל איך פּרואוון דיר צו געבן אַ בילד פון היינטיקן טאָג.

פאַרטאָג האָבן מיר פאַרלאָזן יפו אין אַן אויטאָמאָביל. די רייזע פון יפו קיין ירושלים געדויערט אַרום דריי שעה. די ערשטע העלפט פון וועג איז פלאַך, שיין באַוואַקסן מיט גרינס. די צווייטע העלפט איז באַרגיק, אָבער נישט פון דעם מין בערג וואָס אַרום פּיטסבורג. דאָס זיינען שטיי־נערנע בערג אויסגעאַרבעטע פון דער נאַטור אַזוי, אַז דער גאַנצער וועג איז אַ וואונדערלעכע פּאַנאָראַמע. דער וואָס זעט עס איין מאָל, וועט עס קיינמאָל נישט פאַרגעסן. דער טראַקט איז אַזוי אויסגעשניטן צווישן די בערג, אַז מען זעט פון דער ווייטנס, ווי דער וועג האַלט זיך אין איין שלענגלען.

ווען מען קומט נענטער צו דער שטאָט זעט מען די שפּיצן פון פאַר־שיידענע קלויסטערס און מען באַקומט דאָס געפיל, אַז דאָס איז דער פּלאַץ, וואו עס זיינען אַנטשטאַנען אַלע רעליגיעס. ווען מען פאָרט אַריין אין דער שטאָט און מען דערזעט דעם געבוי פון די הייזער און דעם אויסזען פון די גאַסן, ווייסט מען, אַז מען איז אין אַ נייער וועלט. מיר, געבוירענע און דערצויגענע אין אייראָפּע, קאָנען זיך נישט פאָרשטעלן, וואָס אַזיע איז. אַלץ איז דאָ אַנדערש — דאָס שווערע לעבן, די קליידונג, דאָס באַנעמען זיך, דער אופן פון האַנדל, דער בליק אויפן לעבן. מען האָט דאָ דאָס געפיל, אַז מען געפינט זיך אויף אַן אַנדערן פּלאַנעט.

דער אויטאָמאָביל אונדזערער האָט זיך גערוקט פּאַמעלעך צווישן די שמאָלע געסלעך און איך האָב געזען פאַרבייגיין יידן מיט קליידער פון יוסף שמשס גאַרדעראָבע — באַרוועסע און אָן שיך. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז איך זע ווי גאַנצע יאָרהונדערטער גייען פאַרביי מיינע אויגן.

נאָכן אָנקומען אין האָטעל האָבן מיר זיך רעגיסטרירט. אַ דינער אין אַ רויט מיצל האָט אונדז אָנגעוויזן אונדזער צימער. גאָט ווי אַנ־דערש אַלץ איז דאָ! ערשטנס איז דאָ אַלץ פון שטיין. יעדע געביידע איז געמאַכט פון שטיין. די סטעליעס זיינען נישט גלייך. כדי זיי זאָלן זיך נישט צעפאַלן זיינען זיי געבויט קיילעכיק און זעען אויס ווי אַ יאַרמעל־

www.libtool.com.cn

קע. דאָס וואָס אַלץ איז דאָ געמאַכט פון שטיינער שאַפט דעם איינדרוק, ווי מען וואָלט זיך געפונען אין אַן אַלטן שלאָס.

איך בין אַריין אין פּאַרלאָר, אָדער ווי זיי רופן עס דאָ, אין סאַלאָן. די אויסשטאַטונג איז דאָ אינגאַנצן אַן אַנדערע. די בילדער אויף די ווענט און די דיוואַנען אויף דעם דיל זיינען אָנגעהויכט מיט אַלטקייט. איך האָב זיך אַרויסגעכאַפּט אויף אַ גאַניקל און האָב אַרויסגעקוקט אויף דער שטאָט. דאָס בילד איז אַזוי אַנדערש פונעם אויסזען פון אַמעריקאַנער שטעט, אַז מען קאָן אַפילו נישט אָנהייבן צו מאַכן אַ פאַרגלייך. אין איין זייט זעט מען אַ שמאָל געסעלע, וואָס לויפט באַרג אַראָפּ, אָנגעשטעלט מיט קלייטלעך, געמאַכטע פון שטיין, די דעכער זיינען באַדעקט מיט גראָז, וואָס איז אָנגעוואַקסן אין משך פון הונדערטער יאָרן. פון דער אַנדערער זייט זעט מען געדרייטע גאַסן מיט הויכע ווענט און הינטער די ווענט געפינען זיך הייזער, וועלכע געדענקען לאַנגע דורות. פון דער ווייטנס זעט מען דעם הר הזיתים. אַזוי האָט מיין בליק געוואַנדערט פון איין בילד צו אַ צווייטן און איך האָב געפילט, ווי איך זאַפּ אין מיר אַריין די געשיכטע פון דער מענטשהייט.

מיר זיינען אַרויס אין גאַס און באַלד האָבן מיר באַגעגנט דעם פּראָפעסאָר סלושץ, אב. גאָלדבערגס אַן אַלטן באַקאַנטן. ער האָט אונדז געפירט צו זיך אַהיים. אויפן וועג האָבן מיר געזען יידישע ייִנגעלעך מיט לאַנגע קאַפּאָטקעלעך, מיט לאַנגע פּיאות, יונגעלייט מיט שפּראָצנדיקע בערדעלעך און אָנגעטאָן אין שמעון אהרונס בגדים, עלטערע יידן מיט שטריימלעך — פאַר די אויגן מיינע איז אויפגעשוואומען אינגאַנצן אַן אַנדערער דור.

סלושץ וואוינט ביי דאָקטאָר מאַזען, אַ ייד פון עלזאַס, וועלכער לעבט שוין דרייסיק יאָר אין ירושלים. ער האָט זיך אויפגעבויט אַ הויז אויף אַ באַרג און ווען איך בין אַריין אין דעם הויז האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז איך געפין מיך אין אַ מוזיי. אַלץ אין הויז איז קינסטלעריש געמאַכט מיט דער האַנט. ער אַליין איז אַן עלטערער מענטש, ער דרייט זיך אַרום אין אַ זיידענער יאַרמולקע אויפן קאָפּ, רעדט מיט דער טאָכטער פראַנצויזיש, מיט מיר יידיש, מיט גאָלדבערגן העברעאיש. זיין פרוי, אַ הויכע מיט גרויליכע האָר, רעדט בלויז פראַנצייזיש. פונדעסטוועגן פילט זיך דאָ אַן אונדזעריקער נישט פרעמד, ווייל איר אויסזען און איר שמייכל מאַכן פילן, אַז מען איז ביי זיך אין דער היים. די טאָכטער, וועלכע איז געבוירן אין ירושלים, רעדט ניין שפּראַכן און איז זייער באַשיידן. דער צוקונפטיקער איידעם, אייזיקסאָן, אַ פאַלעסטינער, אַ באַשעפ־

www.libtool.com.cn

טיקטער ביי עקספּאָרט־אימפּאָרט מיט אַמעריקע, רעדט וויניקער שפּראַכן, אָבער איינע פון זיינע שפּראַכן איז ענגליש.

מיר זיינען איינגעלאַדן געוואָרן צו בלייבן אויף וויעטשערע און מיר האָבן דאָרט פאַרבראַכט עטלעכע שעה. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז פאַר מיר, פאַר וועמען יעדער מענטש און יעדע זאַך, איז ניי, האָב מיך מיט גרויס פאַרגעניגן צוגעהערט צו יעדן איינעם און איך האָב געטראַכט, אַז זיי זיינען אונדזערע אַריסטאָקראַטן און מיר דאַרפן מיט זיי שטאָלצירן.

דער בעל־הבית האָט אונדז אַרויסגעפירט אויף אַ גאַניקל און האָט אונדז געוויזן די שטאָט. איך האָב געזען פאַר מיר דאָס שענסטע, דאָס הייליקסטע אין אונדזער אַלטן לאַנד. פון דאָרט זיינען מיר אַוועק צו דער „זייאָניסט קאָמישאָן”. די אָפיסעס פאַרנעמען אַ גאַנצע געביידע, עס פירט זיך דאָ אַ רעגירונג מיט אַלע קליפּערלעך. דער קאָרידאָר איז פול גע־ווען מיט יידן, וועלכע האָבן געוואַרט צו זען דעם אָדער יענעם באַאַמטן. אַ ספּרדישער ייד מיט לאַנגע פּיאות האָט געטראָגן אַ טאַץ מיט טיי אין די צימערן פון די „אָפישעלס”. נאָכן אָפּזיין אַ געוויסע צייט האָבן מיר זיך אומגעקערט אין האָטעל אַריין. דאָ האָבן מיר געטראָפן הרב פישמאַן, מיט וועמען מיר האָבן פאַרבראַכט עטלעכע שעה. דער טאָג איז געווען פול מיט איינדרוקן און מיר האָבן זיך מידע געלייגט שלאָפן.

היינט אין דער פרי האָבן מיר געזען דעם אַגראָנאָם עטינגער און מיר האָבן געקראָגן פון אים זייער נויטיקע אינפאָרמאַציעס וועגן אונדזע־רע פּלענער פאַרן לאַנד. ביי טאָג האָבן מיר ווידער געזען דעם דערמאָנטן מר. אייזאַקסאָן. די פאַרבינדונג מיט אים האָט פאַר אונדז אַ גאָר גרויס ווערט. איצט זיינען מיר ווידער אין האָטעל און איך וועל דיר מאָרגן ווידער אַמאָל שרייבן.

אַ גרוס אונדזערע טייערע קינדערלעך און יעדן איינעם.

דייך, ישראל

***

צומאָרגנס אין דער פרי

איך האָב נעכטן אָונט פאַרענדיקט דעם בריוו שנעל, ווייל עס האָט זיך דאָ אין שטוב אַנטוויקלט אַ דעבאַטע צווישן פיר ירושלימער יידן און וועגן די לעצטע געשעענישן און גראָד אויף אַ פּשוטן יידיש. די דעבאַטע האָט זיך פאַרצויגן ביז אַרום איינס אַזייגער. איך האָב דערפון אַ סך גע־לערנט. ווען מען קומט אין לאַנד און מען ווענדט זיך נאָך אינפאָרמאַציע צו אָפיציעלע ציוניסטן באַקומט מען געוויינלעך אַן איינזייטיק בילד.

www.libtool.com.cn

נאָכן פאַרברענגען אין לאַנד עטלעכע וואָכן פּאַרט מען אַוועק מיט דער מיינונג, אַז אין לאַנד זיינען בלויז פאַראַן צווייערליי יידן: פאַרשימלטע חלוקה־יידן און אָפּיציעלע ציוניסטן. אָבער דאָס איז ווייט נישט דער אמת. עס איז דאָ אַ דריטער מין יידן און אפשר דער וויכטיקסטער. דאָס איז דער פּשוטער ייד, וועלכער האָט דאָ אַהערגעוואָנדערט אין די לעצטע דרייסיק־פערציק יאָר אָן שום פּרעטענזיעס. מיט זיין שווייס האָט ער אויפגעבויט דאָס, וואָס עס איז דאָ, האָט איבערגעלעבט אַלע צרות פון די טערקן און האָט זיך געהאַלטן ביי דער האָפנונג, אַז אָט־אָט וועלן צו־קומען נייע מענטשן, נייע קרעפטן, וועלכע וועלן פאָרזעצן די אַרבעט, וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן. דאָס וואָרט חלוקה איז ביי זיי פּסול.

די אָפּיציעלע ציוניסטן פון רוסלאַנד און פון אַמעריקע ווילן זיך נישט רעכענען מיט זייער מיינונג, ווייל ס׳וואָלט פאַרקלענערט זייער אייגענע וויכטיקייט. נישט זייענדיק באַקאַנט מיט דער אַזיאַטישער וועלט פירן זיי אַ פּאָליטיק, וואָס איז שעדלעך פאַר דעם ציוניסטישן אידעאַל און וואָס האָט לעצטנס דערפירט צו פּאָגראָמען. איצט ווען דאָס שרעקלעכסטע איז געשען, הייבן זיי אָן צו פאַרשטיין זייער ביטערן טעות. לאָמיר האָפן, אַז זיי וועלן בייטן זייער מיינונג און וועלן זיך פאַרבינדן מיט די אָרטיקע מענטשן, וועלכע זיינען אַלע מאָל גרייט צו פאַרגעבן און צו פאָרזעצן גיין האַנט אין האַנט פאַר דער טובה פון אַלע יידן.

מיט דער געשעפטלעכער זייט פון אונדזער זאַך זיינען מיר כמעט פאַרטיק. היינט וועלן מיר אָנהייבן צו באַזוכן די היסטאָרישע פלעצער.

דיין, ישראל

***

ירושלים, אַפּריל 16, 1920

ליבע, טייערע עליזה!

זינט מיר זיינען דאָ געקומען האָבן מיר שוין גערעדט צו אַ סך מענטשן. איך האָב זיך גוט צוגעהערט צו זייערע מיינונגען, אָבער ווען כ׳האָב גע־האָט אַ ביסל פרייע צייט האָב איך אַנאַליזירט זייערע טעאָריעס. יעדעס מאָל קום איך צום אויספיר, אַז אין די אַלע מיינונגען איז אָן צווייפל פאַראַן אַ מאָס אמת, אָבער פון אַ פּראַקטישן ווערט זיינען די טעאָריעס גאַנץ ווייט.

דו ווייסט, אַז איך בין דאָ געקומען וועגן צוויי אונטערנעמונגען — וועגן „קעניגג“ און „פּרעזערווירן“ פּרוכטן, וואָס איז אויסשליסלעך אַ פּריי־וואַטע זאַך און איז באַזירט אויף אַ קאָנקרעטן געשעפטס־פּלאַן. די צווייטע זאַך איז אַ קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונג. מיט דעם ערשטן פּלאַן

www.libtool.com.cn

זיינען מיר כמעט פּאַרטיק. אַלץ איז צוגעגאַנגען גלאַטיק און פּלאַנמעסיק. אָבער נישט אַזוי איז מיט דער צווייטער אונטערנעמונג. איך האָב גע־מיינט, אַז איך וועל דאָ אַלץ טרעפן גרייט. מיר האָבן דאָך דאָ אַ „זייאָ־ניסט קאָמישאָן". איך האָב געגלויבט, אַז אין די לעצטע צוויי יאָר פון איר עקסיסטענץ האָט זי אַוודאי עפּעס אויפגעטאָן אויף דעם געביט און אַז אַלץ, וואָס איך וועל דאַרפן טאָן וועט זיין צוצולייגן אַ האַנט צום ראָד, זאָגן זיי, אַז דאָ האָט איר מיין דערפאַרונג מיט מיין געלט און נוצט דאָס פאַר דער טובה פון אונדזער פאָלק און אונדזער לאַנד. איך האָב אַפילו אין מיינע שלאָפלאָזע נעכט אויסגעאַרבעט קאָנקרעטע פּלענער וועגן סיסטעמען פון פאַבריקאַציע און דיסטריבוציע. יאָ, אַזוי האָב איך גע־טראַכט, ביז איך האָב גענומען די זאַך דאָ אונטערזוכן אויפן אָרט. ווען איך בין געקומען פּנים אל פּנים מיט די פאַקטן האָב איך צו מיין באַ־דויערן געזען, אַז דערווייל איז נאָך אויף דעם געביט גאָרנישט געטאָן געוואָרן. עס איז בלויז דאָ אַ קאָמערציעלע ביורא, וואָס האָרף זיך אָפּגעבן מיט קאָמערץ און מיט דער קאָאָפּעראַטיווער פראַגע.

אין לאַנד איז אַ שרעקלעכער יקרות. קיין אַרבעט איז נישטאָ, מענטשן האָבן נישט פון וואָס צו לעבן. וואָלט דאַכט זיך על פּי שכל די פראַגע וועגן שאַפן מעגלעכקייטן צו דערהאַלטן די מענטשן, געדאַרפט זיין די ערשטע אויף דער טאָג־אָרדענונג. וואָס קאָן דען זיין וויכטיקער ווי דאָס? ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז אַלע פאַרשטייען זייער גוט די טעאָרעטישע זייט פון דער פראַגע, אָבער קיינער באַנעמט נישט די פּראַקטישע מיטלען, ווי אַזוי דאָס פּראָבלעם צו לייזן אין דערווירקלעכקייט. יעדער טראָגט זיך דאָ אַרום מיט אַ פּלאַן און ווען ער ווייזט דיר דעם פּלאַן, ווערסטו דערשטוינט פון זיין איגנאָראַנץ. באַלד ווייזט ער דיר, אַז ער האָט אַזוי פיל און אַזוי פיל מיטגלידער, אַז יעדער פון זיי וועט איינצאָלן אַזוי פיל און אַזוי פיל געלט. אָבער, געוואַלד, וואָס וועסטו טאָן מיט דעם געלט? דאָ בלייבט אַלץ שטיין.

די העכסטע אינסטאַנץ אין די ענינים איז דר. א. רופּין. אַב. גאָלד־בערג איז דעריבער געגאַנגען צו אים. אפשר וועט ער זיך מיט אים אַדורכשמועסן, וואָס וועט צו עפּעס דערפירן. איך בין נישט מיטגעגאַנגען, ווייל ער קען נישט קיין יידיש און נישט קיין ענגליש. איך האָב אָפּגע־רעדט מיט גאָלדבערגן, אַז אויב עס וועט זיין נויטיק זאָל ער מיך רופן. אויב עס וועט דערפון עפּעס אַרויסקומען, וועל איך דיר לאָזן וויסן.

**
*

www.libtool.com.cn

זונטיק אין דער פרי.

פון גאָלדבערגס באַזוך ביי רופּינען וועט אפשר יאָ עפּעס ווערן. אָבער אויך בלויז טעאָרעטיש. ער האָט צוגעזאָגט צו פאַרעפנטלעכן אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דעם ענין. דערווייל מוזן מיר זיך מיט דעם באַגנוגענען.

טייערע, נעכטן האָבן מיר זיך אַרויסגעלאָזט זען דאָס אַלטע ירושלים. אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר געקלעטערט צווישן די בערג, געקראָכן אין יעדער הייל, געזען די קברים פון אונדזערע מלכים; פאַרנאַכט, ווען די זון האָט געהאַלטן אין פאַרגיין, האָבן מיר זיך אַוועקגעלאָזט צום קבר פון אונדזער מוטער רחל. איך בין דאָרט געשטאַנען אין אַ הייליקער שטימונג און האָב געטראַכט, אַז ערגעץ ווייט, ווייט, איז דאָ אַ לעבעדיקע לאה, וועלכע איז פונקט אַזוי ריין און אומשולדיק ווי רחל... גאָט האָט מיר געגעבן לאהן און האָט מיך באַשוואוירן זי אָפּצוהיטן ווי דאָס שוואַרץ־אַפּל פון מיין אויג. איך האָב געהערט גאָטס קול און האָב באַנייט מיין שבועה צו זיין אייביק דיין קנעכט. און דאָ, אויפן וועג קיין בית־לחם, ביי דעם קבר פון אונדזער מוטער רחל, בין השמשות, האָב איך מיט טרערן תּפילה געטאָן צו אונדזער הייליקער מוטער רחל און פונקט אַזוי צו מיין הייליקער און לעבעדיקער לאה.

גריס אונדזערע טייערע קינדערלעך און זאָג זיי, אַז איך בעט גאָט פאַר זיי יעדן טאָג.

דיין, ישראל

***

ירושלים, אַפּריל 23, 1920

ליבע, טייערע עליזה!

די לעצטע צוויי טעג איז שטיל, יעדנפאַלס אויסערלעך, אָבער אינערלעך ברענט אַ צאָרן אין יעדנס האַרץ. די פּסח־געשעענישן וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווערן און קיינמאָל נישט פאַרגעבן ווערן. עס איז אָבער דאָ אַ האָפענונג — דאָס איז סאַן־רעמאָ. יעדער וואַרט מיט אומגעדולד אויפן רעזולטאַט. אָפּטימיסטן, ווי אַב. גאָלדבערג, לייגן אַ סך האָפענונגען אויף דער איצטיקער קאָנפערענץ אין סאַן־רעמאָ, פּעסימיסטן מאַכן אַלץ אַוועק מיט דער האַנט. און סתם יידן וואַרטן — גוט צי שלעכט, עס מוז נעמען צו דער שפּיל אַ סוף און וואָס גיכער. איך אַליין פּיל ווי די מערהייט יידן.

נעכטן זיינען מיר ווידער אַרויסגעגאַנגען אָנקוקן דאָס אַלטע ירושלים. מיר זיינען געווען אין רמב״נס שול. דאָ האָבן די ענגלענדער ערשט יענע וואָך אַרויסגעגראָבן ר׳ יוחנן בן זכאיס שול, וועלכע איז פאַררעכנט פאַר דער עלטסטער שול זינט דעם חורבן בית שני.

www.hbtool.com.cn

מיר זיינען נאָך אַמאָל געווען ביי דער כותל מערבי און זיך ווידער אָנגעזאָפּט מיט דעם אויסזען פון די שטיינער. מיר זיינען אויך געווען אין דער חסידישער שול. צום סוף האָט אונדז אונדזער מנהיג פּראָפעסאָר סלושץ געפירט צו די איבערגעבליבענע קאַראַאימער. דאָס איז אַ סעקטע, וואָס האַלט זיך פאַר די אמתדיקע יידן. אַממייסטן געפינט מען זיי אין קרים, אין רוסלאַנד. דאָ אין ירושלים זיינען נישט געבליבן מער ווי פיר פרויען און צוויי מענער. זיי וואוינען אין אַ הויז. מיר זיינען דאָרט אַהינ־געגאַנגען און האָבן אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. אַן אַלטע פרוי איז אַרויס־געקומען. זי רעדט שפּאַניש און מיר האָבן איר, דורך אונדזער מנהיג געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מיר ווילן זען זייער שול. זי האָט אונדז גע־פירט אַרונטער דורך פאַרדרייטע טרעפּלעך און מיר זיינען אַריין אין דער שול. דאָס בית מדרש איז נישט מער ווי אַ קליין צימערל מיט אַ פענצטערל אין דאַך. אַלץ שמעקט דאָ מיט הונדערטער יאָרן. די פרוי האָט אַרויסגענומען די ספר תורה, וועלכע איז פּונקט ווי אונדזערע אין פאָרמאַט, אָבער זי האָט נקודות און איז געבונדן אין טאָוול. אויך די סידורים זיינען כמעט ווי אונדזערע. אַלע אויפשריפטן אויף די ווענט און אויפן אָרון קודש זיינען פּסוקים פון דער תורה. זי האָט זיך באַקלאָגט, אַז דער שניי וועלכער איז דעם לעצטן ווינטער געפאַלן אין ירושלים האָט אָנגעמאַכט אין שולעכל אַ חורבן. עס האָט אַריינגערונען און האָט גע־מאַכט נאַס די ווענט, די ספרים און די ספר תורה.

מיר זיינען צוריק אַרויס אויפן הויף און האָבן געבעטן אַ דערלויי־בעניש אַריינצוגיין אין איר הויז. אינעווייניק האָב איך מיך געפילט ווי אין אַ קדשי קדשים. עס זיינען דאָ געווען צוויי קלענערע, נידעריקע צימערלעך. דאָס מעבל איז פון שטיין. די ווענט זיינען באַדעקט מיט האַנט־געוועבטע טעפּיכער. זי האָט אונדז געוויזן די בילדער פון אירע קינדער. טיפּישע יידישע פּנימער. מיר האָבן איר געזאָגט, אַז ביי גאָט זיינען אַלע גלייך, אָבער זי האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ, זי ווייסט בעסער. ווען אירע אַ טאָכטער זאָל וועלן חתונה האָבן מיט אַן אונדזעריקן ייד, קאָן זי נישט. לויטן יידישן דין מוז זי פריער ווערן אַ קריסטין און ערשט דערנאָך קאָן זי זיך מגייר זיין. זיי ווילן אָבער נישט ווערן קיין קריסטן און דערפאַר שטאַרבן זיי ביסלעכווייז אויס.

דאָס הויז, דער הויף, די שול, אַלץ איז דאָ ציכטיק און ריין. די ווענט זיינען ווייס געקאַלעכט, די דילן זיינען ריין. איך בין אַוועק פון דאָרט פול מיט סימפּאַטיע צו זיי. מיר דאַכט זיך, אַז ווען איך וואָלט

www.libtool.com.cn

געדאַרפט וואוינען אין ירושלים וואָלט איך מיט פאַרגעניגן ביי זיי גע־וואוינט.

מיר האָבן זיך אָנגעהויבן נאָכצופרעגן אויף בילעטן צוריק קיין טריעסט און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ביז דעם 27טן מאַי איז אַלץ אויספאַרקויפט. אפשר וועלן מיר קריגן אויפן 11טן יוני. דאָס הייסט, אַז אויב מיר וואָלטן באַשלאָסן צו פאַרלאָזן ארץ ישראל, קאָנען מיר איצט נישט, ווייל דער אַרויספאָר פון לאַנד איז גרעסער ווי דער אַריינפאָר.

גריס אונדזערע ליבע קינדערלעך און יעדן איינעם פון אונדזער משפחה.

דיין, ישראל

***

ירושלים, אַפּריל 24, 1920

ליבע, טייערע עליזה!

דעם לעצטן בריוו האָב איך געענדיקט אין דער פרי. עס שלאָפט זיך נישט — שרייבט מען. אַרום אַכט אַזייגער קלאַפּט עמיצער אין טיר. עס קומט אַריין אַ באַקאַנטער און זאָגט: וואָס שלאָפט איר? איר ווייסט גאָרנישט, וואָס עס טוט זיך אין שטאָט? אַלע קלייטן, אַלע משרדים (אָפיסעס) זיינען געשלאָסן. קיינער האָט זיי נישט אָרגאַניזירט. פאַרקערט, מען האָט געוואָלט צוריקהאַלטן דעם פּראָטעסט אויס מורא פאַר אַ פּראָ־וואָקאַציע. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. קיינער האָט נישט געעפנט דאָס געשעפט. די קינדער זיינען נישט געגאַנגען אין די חדרים. אָרעמע און רייכע, אַלטע און יונגע, אַלע האָבן געוואָרפן די אַרבעט אויס פּראָ־טעסט קעגן דעם נעכטיקן משפט.

מיר זיינען אַרויס אין גאַס. יידן האָבן שפּאַצירט רואיק. אויף די עקן פון די גאַסן האָט מען געזען פּאַטרולן מיט באַגנעטן. אויף אַ טייל גאַסן זיינען געשטאַנען קאַנאָנען. אָבער קיין דעמאָנסטראַציעס קומען נישט פאָר. עס איז אַ שטילער פּראָטעסט. דאָס האָט נאָך מער גערייצט די נערוון פון די, וואָס זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם משפט. אַלס ענטפער אויף דעם פּראָטעסט האָט די מאַכט אַרעסטירט נאָך פינף מענטשן. די יידן זיינען אָבער אייניק אין זייער גלויבן, אַז די וועלט וועט אויפ־שטורעמען קעגן אַזעלכע אומרעכטן.

אין מיין צער האָב איך דאָך געהאַט אַ באַפרידיקונג אין דער האַל־טונג פון די יידן. ווען די אַמעריקאַנער וואָלטן אַזוי געהאַנדלט, וואָלט דעבס זיכער איצט נישט געזעסן אין תפיסה.

אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר זיך אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסן. די נערוון זיינען געווען אָנגעצויגן, די הערצער פאַרביטערט. מען ווייסט

www.libtool.com.cn

נישט, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. איך קאָן נישט איינזיצן אין האָ־טעל. איך וויל אַרויס אין גאַס. אפשר איז דאָ עפּעס נייעס.

טייערע, דו ווייסט אַוודאי, אַז ירושלים איז אַרומגערינגלט מיט טויערן. דאָס איז אַן איבערבלייבעכץ פון אַמאָליקע יאָרן. אונדזער האָ־טעל איז אין אַלטן טייל ירושלים און געפינט זיך בלויז אַ פּאָר שפּאַן פון טויער. אַלץ וואָס איז אייראָפּעאיש איז אין דעם נייעם טייל פון דער שטאָט. האָב איך מיך נעכטן געלאָזט גיין צו דער נייער שטאָט. אָבער אַזוי שנעל ווי איך בין צוגעקומען צום טויער, איז מיר אַקעגנגע־קומען אַ סאָלדאַט און האָט מיר אונטערגערוקט די ביקס אין פּנים אַריין. איך האָב געפרעגט, וואָס דאָס באַדייט און ער האָט מיר געענטפערט: „גאָט עלאָוד", נישט דערלויבט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עס זיינען איינ־געפירט געוואָרן מיליטערישע געזעצן, אַז נאָך אַכט אַזייגער טאָר מען זיך נישט געפינען אויף דער גאַס. איך האָב מיך אומגעקערט אין האָטעל אַריין.

היינט בין איך אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי. איך האָב איבערגעלייענט גאָלדבערגס אַרטיקל, וואָס איז געלעגן אויפן טיש. ער אַליין איז געשמאַק געשלאָפן אויפן באַלקאָן. איך האָב אים נישט געוואָלט אויפוועקן. ער דאַרף דאָס ביסל שלאָף זייער נויטיק. ער איז אַ סך נערוועזער ווי איך. דו קאָנסט דיר פאָרשטעלן זיינע געפילן.

שטייענדיק אויפן באַלקאָן האָב איך געזען ווי אויף דער גאַס זיינען אַדורכגעגאַנגען עטלעכע אָפיצירן און מאַטראָזן פון אַן אַמעריקאַנער קריג־שיף. איך בין קיינמאָל פריער אַזוי נישט שטאָלץ געווען פון אַמעריקע ווי איצט. דאָס איז אַ סימן, אַז אַמעריקע ווייסט וואָס עס איז דאָ געשען און האָט באַפוילן, אַז אַ שיף זאָל דאָ קומען און העלפן די אַמעריקאַנער, וואָס געפינען זיך דאָ. גאָט איז מיין עדות, אַז נישט וועגן זיך האָב איך אין דעם מאָמענט געטראַכט. פאַרקערט, וואָס ערגער עס ווערט דאָ די לאַגע, אַלץ שטאַרקער ווערט מיין באַשלוס צו בלייבן ביזן ביטערן סוף. ווען איך וואָלט איצט אַוועקגעפאָרן, וואָלט עס געווען פּחדנות און איך וואָלט עס מיר קיינמאָל נישט מוחל געווען.

מיר האָבן אַ פאַרדאַכט, אַז די צענזור לאָזט נישט אַדורך אב. גאָלד־בערגס אַרטיקלען. עס וואָלט גוט געווען, אַז דו זאָלסט ווייזן מיינע בריוו צו ב. טורקלען. זאָל ער אַרויסנעמען די פאַקטן און מאַכן אַן אַלאַרם. אַלע טעלעגראַמעס ווערן צענזורירט. איך וואָלט אים געשריבן דירעקט, פערזענלעך, אָבער דער קאָפּ איז מיר דערשלאָגן. גריס אים זייער פריינדלעך.

www.libtool.com.cn

איך שיק דיר אַ פּאָר בילדלעך. ווען אויפן האַרץ וועט ווערן אַ ביסל פרייליכער, וועל איך דיר שרייבן, ווער די מענטשן זיינען.

**
*

ירושלים, אַפּריל 27, 1920

ליבע, טייערע עליזה!

מזל־טוב! איך האָב דיר היינט טעלעגראַפירט און איצט לאָז מיך, טייערע, דערציילן וועגן אונדזער שמחה. מער קיין וואָרט ניט וועגן דעם, וואָס עס איז געווען. גענוג זיך געקלאָגט.

מיט עטלעכע טעג צוריק האָט הרב קוק גוזר תּענית געווען צוליב דעם פּאָגראָם. נעכטן איז געווען דער תּענית. נאָכמיטאָג זיינען זיך אַלע פרומע יידן צונויפגעקומען אין אַ שול. דער רב הכולל קוק האָט געהאַלטן אַ רירנדיקע רעדע און האָט געמאַכט אַ הספּד פאַר די קדושים פון פּאָגראָם. פון מיינע פריערדיקע בריוו קאָנסטו דיר לייכט פאָרשטעלן די שטימונג, וואָס ס'האָט דאָרט געהערשט. דער ועד הצירים, וועלכער באַשטייט מייסטנס פון ווייט נישט קיין פרומע האָט זיך באַטייליקט אין דעם טרויער. אין מיטן דעם רבס רעדע איז אָנגעקומען מ. מ. אוסישקין און אַנדערע פירער פון ועד הצירים. ווען הרב קוק האָט געענדיקט די רעדע האָט אוסישקין געבעטן דעם עולם אויסצוהערן אַ טעלעגראַמע. ער האָט די טעלעגראַמע נאָר וואָס באַקומען פון סאַן־רעמאָ.

אין שול האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. מען האָט דערוואַרט צו הערן אַ טויט־אורטייל. אוסישקין האָט געלייענט די טעלעגראַמע: „הזכרת בלפור נכנסה בגוף חוזה השלום". דאָס באַדייט, אַז די באַלפור דעקלאַראַציע איז אַריין אין שלום־טראַקטאַט פון טערקיי. פון אַן עת צרה איז געוואָרן אַן עת שמחה. מען האָט זיך אָנגעהויבן צו האַלדזן און צו קושן. איינער האָט דעם אַנדערן אָפּגעגעבן מזל־טוב. מען האָט באַשלאָסן צו גיין צום כותל מערבי אין אַ שטילער פּראָצעסיע.

דערווייל האָט מען זיך דערוואוסט אין דער שטאָט וועגן דער פרייליכער נייעס און קייט און קינד האָט זיך אַוועקגעלאָזט צום כותל מערבי. מען האָט דאָרט געהאַלטן פייערדיקע רעדעס, געזונגען די „התקווה" און ערשט דעמאָלט איז מען זיך אין אַ גאָר געהויבענער שטימונג צעגאַנגען איבער די שטיבער.

איך בין גראָד ביי דעם אַלעם נישט געווען. איך בין געווען נעכטן אין יריחו. פּראָפעסאָר סלושץ האָט פאַר אונדז מיט עטלעכע טעג צוריק געהאַט אַראַנזשירט אַן אויטאָמאָביל, וואָס זאָל אונדז דאָרט נעמען. מיר האָבן זיך געפילט שולדיק, וואָס מיר האָבן געדאַרפט אַוועקפאָרן אין אַזאַ וויכטיקן

www.libtool.com.cn

טאָג, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט צו מאַכן ענדערונגען.

עס וואָלט גענומען צו לאַנג צו באַשרייבן די רייזע און איך בין איצט צופּיל אויפגערעגט דאָס צו טאָן. מיר האָבן דעם טאָג גוט פאַרבראַכט, איך וועל אים קיינמאָל אין לעבן נישט פאַרגעסן. מיר האָבן זיך געבאָדן אין ים המלח, געזען דעם ירדן, אָנגעקוקט די שטאָט יריחו, געזען פון דער ווייטנס די בערג פון מואב און אויפן וועג צוריק געזען דעם נחל פּרת און אַרום ניין אַזייגער צוריקגעקומען קיין ירושלים.

אַריינקומענדיק אין האָטעל האָבן מיר באַגעגנט דעם בעל־הבית, וועלכער האָט אונדז באַגעגנט מיט אַ מזל־טוב. ער האָט אונדז איבערגעגעבן די לעצטע נייעס. דער האָטעל איז געווען פול מיט מענטשן. יעדער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג און מען האָט געהאַלטן אין דערציילן און רעדן וועגן דער גוטער נייעס. הרב פישמאַן איז אַריינגעקומען פון גאַס און האָט יעדן אָפּגעגעבן מזל־טוב. עסן איז שוין קיינעם נישט געלעגן אין זינען. מיר זיינען אַרויס אין גאַס און האָבן דערזען: גאָר אַן אַנדערע לבנה, אינגאַנצן אַנדערע שטערן. דער עולם האָט שפּאַצירט אַ רואיקער אַ דער־הויבענער. נאָר דער, וואָס האָט דאָ לעצטנס געלעבט האָט געפילט, וואָס די דאָזיקע רואיקייט האָט באַדייט. מען האָט איבערגעלעבט אַ שרעקלעכן קריזיס, אַלץ איז געהאַנגען אויף דער וואָגשאָל: אָדער פאַראורטיילט צו ווערן אויף אַ ווייטערדיקן גלות אָן שום האָפענונג אויפגעריכט צו ווערן אָדער אויסגעלייזט צו ווערן פון אַ צוויי טויזנט־יעריקן גלות און אָנצוהויבן אַ ניי לעבן. דאָס פאָלק איז אויפגעשטאַנען תחית המתים.

מיר זיינען געגאַנגען שפּעט שלאָפן און האָבן נאָך אויף די בעטן לאַנג, לאַנג גערעדט. היינט איז אָנגעקומען די צווייטע וויכטיקע נייעס: ענגלאַנד האָט באַקומען דעם מאַנדאַט איבער פּאַלעסטינע. יעדער האָט דערפילט, אַז אין די נאָענטסטע קומענדיקע טעג יועט אַלץ ווערן דערליידיקט. ענדלעך וועט דאָס פאָלק, וואָס האָט אַזוי לאַנג געליטן, ווערן באַפרייט. איך בין גליקלעך, וואָס איך האָב זוכה געווען צו זיין אין דער צייט פון אונדזער גרעסטער היסטאָרישער באַפרייאונג. איך וויל דיך בעטן, דו זאָלסט האַלטן דעם בריוו ווי אַן אָנדענק פאַר אונדזערע קינדער. זאָלן זיי וויסן, אַז דעם 20 אַפּריל 1920 איז אין סאַן רעמאָ, איטאַליע, באַשטעטיקט געוואָרן די באַלפור־דעקלאַראַציע און פון האָפענונג איז געוואָרן אַ פאַקט. דער ציוניזם איז געוואָרן פאַרווירקלעכט. די יידן האָבן איצט אַ היים ווי אַלע אַנדערע פעלקער, זיי האָבן צוריקגעקראָגן זייער אַלטע היים, אויף וועלכער זיי האָבן אַזוי לאַנג געוואַרט. דאָס וואַרטן איז געווען שווער. די לעצטע פּאָגראָמען האָבן פול געמאַכט דעם ביטערן

www.libtool.com.cn

כוס. יעדער האָט געפּילט, אַז סאַן רעמאָ באַדייט טויט אָדער לעבן. די גערעכטיקייט האָט ענדלעך געזיגט. און דערפאַר מיין טייערע, ווינטש איך דיר, אונדזערע קינדער, דער גאַנצער משפחה און אַלע יידן אַ גרויסן, אַ האַרציקן מזל־טוב!

דיין, ישראל

**
*

ירושלים, אַפּריל 28, 1920

ליבע, טייערע עליזה!

איצט קאָנען מיר מיט אַ לייכט געפיל אָוועקפאָרן. די געשעפטלעכע זייט פון אונדזער רייזע איז געענדיקט. מיר האָבן שוין געקראָגן די נויטיקע אינפאָרמאַציע. מיר האָבן איצט אָנגעהויבן צו זוכן אַ וועג, ווי אַזוי אָוועקצופאָרן קיין רומעניע. דאָס איז איינער פון די שווערסטע פּראָבלעמען אַפילו אין אייראָפּע און אַוודאי דאָ. שיפן און באַנען גייען נישט רעגלמעסיק. מיר האָבן אויסגעפונען, אַז ביז צום צענטן יוני קאָנען מיר נישט קריגן קיין פּלאַץ אויף אַ שיף קיין אייראָפּע. נישט האָבנדיק קיין אַנדערע ברירה האָבן מיר געקויפט בילעטן קיין טריעסט אויפן צענטן יוני. מיר וועלן פאַרלאָזן ארץ־ישראל אַרום דעם ערשטן יוני און וועלן אָנקומען קיין אַלעקסאַנדריע, אין עגיפּטן, פון וואַנען די שיף דאַרף אָפּגיין.

איך האָב איבערגערעכנט דעם געלט־חשבון און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס געלט, וואָס איך האָב מיטגענומען קיין סאַראָקע *) וועל איך נישט האָבן אויסצוצאָלן. דערפאַר זאָלסטו פרעגן ביי דער מיס גודמאַן, וויפל

---

*) איזידאָרס פּלאַן איז געווען, אַז נאָכדעם ווי ער וועט רעאַליזירן זיין מיסיע אין ארץ־ישראל, וועט ער באַזוכן זיינע עלטערן און זיין משפחה אין זיין געבורטשטעטל סאַראָקע, אין רומעניע. ווען דער דאָזיקער פּלאַן איז נאָך בײַ אים רייף געוואָרן אין אַמעריקע האָט ער אָפּגעדרוקט אַן עפנטלעכע מעלדונג אין דער יידישער פּרעסע און האָט זיך געווענדט צו סאַראָקער לאַנדסלייט און צו סאַראָקער אָרגאַניזאַציעס, אַז ער איז גרייט מיטצונעמען געלט פאַר אייגנלעכע פערזאָנען און פאַמיליעס אָדער געזעלשאַפטלעכע שטיצע פאַר סאַראָקער יידישע אינסטיטוציעס. ער האָט דערביי צוגעגעבן, אַז וויפל עס וועט באַטרעפן די מיטגעגעבענע געזעלשאַפטלעכע צדקה, וועט ער דערצו אַליין צוגעבן נאָך אַמאָל אַזוי פיל. אויף דער מעלדונג האָבן זיך אָפּגערופן פיל סאַראָקער לאַנדסלייט און די גרעסטע טייל פון די געזאַמלטע געלטער איז דאָ אַריינגעלייגט געוואָרן אין אַ באַנק. שפּעטער האָב איך אים פון דאַנען, פון אַמעריקע, אַרויסגעשיקט דאָס געלט טעלעגראַפיש קיין רומעניע און ער האָט דאָס דאָרט פאַנאַנדערגעטיילט. איינצלהייטן וועגן דעם געפינען זיך אין איזידאָרס ווייטערדיקן בריוו פון סאַראָקע.

www.libtool.com.cn

געלט עס איז ביי איר פאַרשריבן אויף דעם חשבון. נעם דערפון אַרונ־טער די 325 דאָלאַר, וועלכע איך האָב שוין דאָ אויסגעצאָלט און שיק מיר דאָס איבעריקע טעלעגראַפיש אויף מיין נאָמען צו דער באַנק קיין בוקאַרעשט. לויט מיין חשבון איז אַרום און אַרום געווען די סומע פון 2146 דאָלאַר און 50 סענט. אַזוי ווי איך האָב שוין אויסגעצאָלט 325 דאָלאַר בלייבט 1821 דאָלאַר מיט 50 סענט. איידער דו שיקסט מיר דאָס געלט פרעג דיך אָן אין ניו־יאָרק, צי עס איז דאָ אַ פאָנד און דערנאָך שיק אַלע געלטער צוזאַמען טעלעגראַפיש און אויך אַ ליסטע, פאַר וועמען דאָס געלט איז באַשטימט. איך וויל נישט מישן די „טשאַריטי" געלטער מיט מיינע אייגענע, וועלכע איך נעם אויף דעם קרעדיט בילעט. דערפאַר איז גלייכער, דו זאָלסט מיר שיקן די גאַנצע סומע און איך וועל דערפון אָפּנעמען די סומע, וועלכע איך האָב שוין דאָ אויסגעצאָלט.

שוין צוויי וואָכן, ווי איך האָב נישט געקראָגן פון דיר קיין בריוו און דו קאָנסט פאַרשטיין, ווי איך פיל. מיר וועלן דעריבער מאָרגן פאָרן קיין יפו, אפשר וועלן מיר דאָרט עפּעס טרעפן.

איך שטעל מיר פאָר, וואָס דו האָסט איבערגעלעבט, ווען דו האָסט געלייענט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. אָבער עס איז שוין אַלץ אַריבער און לאָמיר האָפן, אַז אויף מיין וויטערדיקער רייזע וועל איך טרעפן בעסערס. אַ גרוס אונדזערע טייערע קינדערלעך, יעדן איינעם פון דער משפחה, יעדן אין שטאָט אין פילאַדעלפיע און אין רעדינג, אויך מר. סידקאָוו און מאַמיליע.

דו וועסט דורך פּאַקעט־פּאָסט באַקומען פון מיר אַ פּאָר אַנטיקן פון „בצלאל". אַחוץ די פאָר זאַכן, וועלכע געהערן צו מרס. גאָלדבערג, וועסטו איינטיילן די קלייניקייטן לויט דיין איינזען. פאַרגעס נישט דעם אַלטן פינקענזאָנען צו געבן אַ פערזענלעכן בריוו און אַ טאַבאַטשניצע.

זיי מיר געזונט און פריילעך,

דיין, ישראל

***

ירושלים, אַפּריל 30, 1920

ליבע, טייערע עליזה!

מיר האָבן געוואַרט אויף בריוו און האָבן זיי נישט געקראָגן. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן צו פאָרן קיין יפו. ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין יפו האָבן מיר אויסגעפונען, אַז מאַדאַם אַראָנאָוויטש האָט ערשט היינט איבערגעשיקט די בריוו מיט אַ מענטש. נישט האָבנדיק מער קיין געדולד און מורא האָבנדיק, אַז די בריוו וועלן פאַרלוירן גיין, האָב איך גענומען דעם זעלבן אויטאָמאָביל, מיט וועלכן מיר זיינען געקומען, און האָבן זיך

www.libtool.com.cn

אומגעקערט קיין ירושלים. דאָ בין איך אַרומגעלאָפֿן אין אַלע האָטעלן און ענדלעך האָב איך אָפּגעזוכט דעם מאַן מיטן פּעקל. איך האָב אים געגעבן דערפֿאַר 10 דאָלאַר. מאָרגן פֿאַרטאָג וועל איך צוריקפאָרן קיין חיפה און וועל ברענגען די בריוו פֿאַר גאָלדבערגן. אָרעמער גאָלדבערג, ער וועט שוין היינטיקע נאַכט נישט שלאָפֿן.

דיינע בריוו זיינען פּונקט ווי דו רעדסט — פול מיט פייער, האַרציקייט און ענטוזיאַזם. דאָס האָב איך ליב. איך שטעל מיר פֿאָר ווי דו זיצסט ביי פּעני מייערס אָדער ביי עמעצן אַנדערש און דו רעדסט מיט היץ און דיינע באַקן רויטלען זיך און די אויגן ברענען. די מענטשן קוקן דיר אָן מיט קנאה. זיי טראַכטן: אָט דאָס איז אַ גליקלעכער מענטש, וואָס האָט אַן אידעאַלן לעבן, ווערט פֿון אַלע געאַכט און געשעצט. און וואָס האָבן מיר? שיינע קליידער, קאָרטן, קאַבאַרעטן!... זיי זיינען שוין אָבער צופֿיל דערין פֿאַרזונקען און קאָנען מער דערפֿון נישט אַרויס. דו געדענקסט מיין מיינונג וועגן דעם מין לעבן. פֿאַר מיר אַליין האָב איך קיינמאָל נישט געהאַט קיין מורא, איך האָב גוט געוואוסט, אַז אויף מיר קאָן אַזאַ לעבן נישט האָבן קיין ווירקונג. אָבער דעם אמת זאָגנדיק האָט מיר פֿאַר דיר דאָס האַרץ אַ ביסל געקלאַפּט. אַ פֿריי ווערט לייכטער באַאיינפֿלוסט, ווערט פֿאַרכישופֿט פֿון שיין מעבל, פֿון אַ שיין און גלאַט וואָרט. נישט איין מאָל בין איך געלעגן אַ שלאָפֿלאָזער און געבעטן גאָט, ער זאָל דיך פֿירן אויפֿן ריכטיקן וועג. איצט שטאָלציר איך מיטן געדאַנק, וואָס איך האָב אַ חלק אין דיין געפֿינען זיך. דיין שווער לעבן די לעצטע צייט איז מיר שטאַרק צום האַרצן. דאָס איז דאָס, וואָס איך האָב מיר שטילערהייט געוואונטשן אַלע יאָרן. נישט נאָר דיך מאַכט דאָס גליקלעך, נאָר אויך מיך. עס גיט מיר מוט און האָפֿענונג, אַז איך לעב נישט בלויז פֿאַר זיך, נאָר פֿאַר עפּעס העכערס. פֿון מיינע לעצטע בריוו וועסטו פֿאַרשטיין, אַז אויך איך האָב מיך געפֿונען. איך לעב איצט איבער דעם שענסטן פּעריאָד אין מיין לעבן און איך בין גליקלעך, וואָס איך ווייס, אַז אויך דו לעבסט איבער אַזאַ פּעריאָד, אַז דו פֿאַרשטייסט מיך אַזוי גוט. דו ביסט פֿון דעם זעלבן „שטאָף", וואָס איך און איך בין דיר דערפֿאַר דאַנקבאַר.

איך פֿיל דיין צער אין די שטילע נעכט. איך שיק דיר מיין ליבע און מיין הויכע שאַצונג פֿאַר אַ טרייסט. האַלט אויף דיין מוט, די צייט וועט קומען ווען מיר וועלן ווידער גליקלעך זיין צוזאַמען.

איך בין מיד פֿון דעם פֿאָרן אַהין און צוריק. עס איז שוין עלף אַזייגער און מאָרגן גאַנץ פֿרי וועל איך צוריקפֿאָרן קיין יפו.

גריס די קינדער און זאָג אונדזער טייערן אברהם יהושע, אַז איך בין

www.libtool.com.cn

זייער צופרידן, וואָס ער לערנט יידיש. ווען איך וועל אַהיימקומען און זען, אַז ער קען טאַקע יידיש, וועל איך וויסן, ווי אַזוי דאָס אָפּצושאַצן. אַ גרוס דער מאַמען און יעדן איינעם. מאָרגן וועל איך ווידער שרייבן.

דיין ליבנדיקער ישראל.

***

חדרה, מאַי 4, 1920

ליבע, טייערע עליזה!

ווענן חדרה איז נישטאָ קיין סך צו דערציילן. עס איז אַ קאָלאָניע נישט ווייט פון ים. די מערסטע לאַנד־באַזיצער זיינען מענטשן, וואָס וואוינען אין אַנדערע לענדער. די לעצטע צען־פופצן יאָר האָבן זיי גע־קויפט באָדן דורך אַן אַקציע געזעלשאַפט. דאָס ביסל יידן, וואָס לעבט דאָ איז שטאַרק געטראָפן געוואָרן אין דער צייט פון דער מלחמה. איצט וואַרטן זיי, אַז די אייגנטימער זאָלן צוריקקומען און העלפן צוריק אויפ־בויען דאָס פריערדיקע און עס פאַרגרעסערן. און זיי קומען טאַקע ביס־לעכווייז.

אָט זיצט דאָ אַ דאַמע פון דער פּאַלטאַווער גובערניע. דער מאַן איז אַן אַפּטייקער. מיט דריי יאָר צוריק האָבן זיי אַהערגעבראַכט דריי קינדער צו לערנען אין דער היגער גימנאַזיע און אַליין זיינען זיי אַוועק פירן זייערע געשעפטן. די מלחמה האָט זיי דאָרט אָבער פאַרכאַפּט און זיי האָבן אַלץ אַדורכגעלעבט ביז זיי זיינען קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן פון אָדעס מיט דער היסטאָרישער שיף „רוסלאַנד"; דאָ האָבן זיי אויסגעפונען, אַז די קינדער האָבן זיך על פי נס דערהאַלטן ביים לעבן. זיי זיינען איצט אָרעם ווי דער טויט און זיינען געקומען אַהער אויסזוכן דאָס שטיקל לאַנד און זיך דאָ באַזעצן.

איך האָב מיך נאַטירלעך אינטערעסירט מיט דער לאַגע אין רוסלאַנד און איך האָב איר וועגן דעם געוואונען אויספרעגן. זי האָט מיר געענטפערט אויס העפלעכקייט, אָבער איך האָב באַמערקט, אַז זי טוט עס מיט גרויס פיין. עס האָבן איר אַוודאי אויפגעטויכט אין געדאַנק מאָמענטן פון שוועבן צווישן טויט און לעבן, סצענעס פון הונגער און ליידן. זי מיינט, אַז דער באָלשעוויזם ווי אַן אידעאַל איז אפשר גוט, אָבער די אויספירער פון דער אידייע, די באָלשעוויקעס, זיינען אומדערטרעגלעך. איך האָב נישט גע־וואָלט ביי איר מער אַרויסרופן קיין שווערע דער־נערונגען און האָב גע־ביטן דאָס געשפּרעך אויף ארץ ישראל. איצט איז זי געוואָרן לעבעדי־קער. ווען מען איז געגאַנגען עסן זיינען אַלע געווען מער האָפּערדיק.

אַ יונגער קאָלאָניסט מיט אַ ברוין פנים און געזונטע מוסקולן, הויך

www.libtool.com.cn

ווי אַ סאָסנע, האָט פאַרגעלייגט, אַז ער וועט אויף היינט אין דער פרי געבן זיין וואָגן מיט דריי פערד און מיר וועלן אַרומפאָרן באַזוכן די אומגעגנט. ער האָט געהאַלטן וואָרט. באַלד אין דער פרי איז ער געקומען מיטן גע־שפאַן. די זון האָט געברענט ווי אַ קאַלך־אויוון. מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אויפן גראָז, וואָס דער אָנטרייבער האָט צוגעגרייט. דער וואָגן איז עט־לעכע מאָל אַריין אין טיפע זאַמדן און מיר האָבן געמוזט אַרונטערגיין און גיין צופוס.

ענדלעך זיינען מיר אָנגעקומען קיין „חפציבה”, אַ קאָלאָניע פון אַרום זעקס הייזער, ביים ים. כאָטש די געגנט איז אַ זאַמדיקע, איז זי אָבער באַפלאַנצט מיט אָראַנזשן־גערטנער, מאַנדלען, אַרבוזן און קאַרטאָפל. מיר זיינען געגאַנגען ביים ברעג ים און האָבן זיך געוואונדערט, ווי אַזוי יידן האָבן פון אַ מדבר געמאַכט אַזאַ פרוכטבאַר לאַנד. אַוודאי איז נאָך די אַרבעט נישט געווען אַ פאַרענדיקטע, אָבער דער אָנהייב איז געמאַכט געוואָרן. די קרבנות, וועלכע דאָס לאַנד האָט געפאָדערט, זיינען שוין געבראַכט געוואָרן. אַ סך זיינען אויסגעשטאָרבן פון פיבער.

איך האָב דאָ היינט איינגעקויפט הונדערט אתרוגים פאַר אונדזער טייערן אַלטן פינקענזאָן. איך האָב איינגעצאָלט זעקס פונט און עס וועט אפשר קאָסטן נאָך עפעס פאַר דער פאָסט. אָבער זיי וועלן זיין פון שענסטן און בעסטן. מען וועט זיי שיקן אין צייט, ער זאָל זיי האָבן אויף סוכות. מען זאָגט מיר דאָ, אַז פאַר פערזענלעכע זאַכן צאָלט מען נישט קיין שטייער, איבערהויפט ווען עס קומט דורך דער פאָסט. לאָז מיר וויסן, ווי אַזוי עס איז אַדורך.

איך בין זייער צופרידן פון דער נייעס, אַז די ציוניסטישע קאָנווענשאָן וועט פאָרקומען אין אַטלאַנטיק סיטי. וועסט האָבן אַ שטיקל טרייסט פאַר דיינע אַלע צרות. דו וועסט דיך באַגעגענען מיט אַ סך באַקאַנטע ציוניסטן און פון מיינע בריוו וועסטו זיי קאָנען איבערגעבן נייעס, וועלכע זיינען נישטאָ אין די צייטונגען. קאָנסט זיי איבערגעבן אַז די פאָליטישע לאַגע איז דאָ אַ גלענצנדע. דאָס לאַנד איז נישט פול מיט מאַלאַריע און מיט אַנדערע קראַנקהייטן, ווי אונדז האָט זיך געדוכט, נאָר פאַרקערט, עס איז אַ געזונט און שיין לאַנד. די אַלע מעדיצינען, וועלכע דו האָסט מיר מיטגעגעבן, האָב איך נאָך נישט אויסגעפאַקט. איך בין איבערצייגט, אַז יעדער, וואָס וועט קומען אַהער מיט אַ ביסל געלט און ענערגיע, וועט מיט דער צייט ווערן רייך. דאָס לאַנד נויטיקט זיך אין אַלץ. וואָס פאַר אַ געשעפט עמעצער זאָל נישט אָנהייבן וועט ער האָבן דערפאָלג, ווייל עס איז נישטאָ נאָך קיין קאָנקורענץ. עס נויטיקן זיך נאָר מענטשן און דווקא פון

www.libtool.com.cn

אַמעריקע. זאָלן דאָ קומען אַלערליי פּאַכלייט, פּאַבריקאַנטן, האָטעל־אייגנטימער, רעסטאָראַן־אָנפירער, בויער. אַרבעטער זיינען דאָ גענוג און עס וועלן זיין נאָך מער ווען דאָס רוסישע פּראָבלעם וועט ווערן געלייזט.

פּאַרגעס נישט צו שרייבן מיר אַלץ וועגן דער קאָנווענשאָן. קאָנסט זאָגן יעדן, אַז גאָלדבערג און איך האָבן דאָ באַשלאָסן אָנצוהייבן דאָס געשעפט. דאָס „קעניגג"־געשעפט איז דאָ זייער נויטיק און יעדער וויל קויפן אַקציעס, איבערהויפּט די קאָלאָניסטן אַליין. איך האָב גערעדט מיט דער „אַנגלאָ־פּאַלעסטיין" באַנק און זיי וועלן אונדז זיכער שטיצן. קומענדיקע וואָך וועלן מיר זיין אין ירושלים און דאָרט וועלן מיר בלייבן ביז דעם ערשטן יוני. דורך דער צייט וועלן מיר אויסאַרבעטן אַלע אונדזערע פּלענער וועגן דער „קעניגג" פּאַבריק. מיר וועלן אויך אויסאַרבעטן אַ באַשטימטן פּלאַן פּאַר פּאַבריצירן קונסט־אַרטיקלען ווי קאַרפּעטס, ראָגס און אַנדערע קונסט־זאַכן, וועלכע מען קאָן אויסאַרבעטן אין פּריוואַטע היימען. אַזאַ אינדוסטרי איז זייער נויטיק פּאַר דער אויסהאַלטונג פון פיל פּאַמיליעס. דערוויל איז דער פּלאַן אונדזערער, מיר זאָלן זיךביידע אומקערן קיין אַמעריקע און דאָרט אַלץ אין אַ קורצער צייט אָרגאַניזירן. שפּעטער זאָל איך דאָ צוריק אַהערקומען אַזוי שנעל ווי מעגלעך מיט אַ טייל פון געשאַפענעם קאַפּיטאַל און אָנהייבן צו אַרבעטן. גאָלדבערג וועט דורך דער צייט בלייבן אין אַמעריקע ביז עס וועלן פּאַרקויפט ווערן אַלע „שערס". ערשט דעמאָלט וועט ער אויך קומען און וועט נעמען אין דער אַרבעט אַ דירעקטן אָנטייל. דער גאַנצער פּלאַן איז נאַטירלעך אָפּהענגיק דערפון, צי דו וועסט דערוויל אויסקומען אָן מיר אין די ביזנעס, ווייל מיר טאָרן דערוויל נישט אויפגעבן אונדזער געשעפט אין פילאַדעלפיע. איך האָף, אַז דו וועסט קאָנען אָנפירן מיטן געשעפט און איך בין גרייט צו נעמען אויף מיר די ראָלע פון נע ונדניק פּאַר די נאָענטסטע פּאָר יאָר.

הלוואי זאָלן אַלע אונדזערע אַמעריקאַנער ציוניסטן טאָן פּראַקטישע אַרבעט, ווייל מיט רעדן אַליין קאָן מען דאָס לאַנד נישט אויפבויען.

דאָס איז אַן ענטפער אויף דיין בריוו פון ערשטן אַפּריל. די סצענע פון דעם טרויעריקן אָוונט, ווען דו ביסט געקומען פון דעם ווירדזשיניאַ־טעאַטער איז פּאָרגעקומען גענוי אין דער זעלבער צייט, ווען עס איז אויך ביי אונדז געווען זייער טרויעריק. ווי עס ווייזט זיך אויס האָט דער „ראַדיאָ" פון מיין האַרץ איבערגעגעבן צו דיר דעם היגן צושטאַנד. איך קריג אָפּט דיינע „ראַדיאָ"־טעלעגראַמעס...

איך האָב באַקומען דיינע בילדלעך אָבער איך בין פון זיי נישט

www.libtool.com.cn

צופרידן. ווען מען איך ווייז זיי מוז איך צוגעבן די ווערטער: „דאָס בילד איז נישט גוט, זי איז פיל שענער". איז שיק־זשע מיר טאַקע אַ בילד, וואָס זאָל „רעדן". איך דאַנק דיר זייער, וואָס דו דערמאָנסט אין בריוו אונדזער גאַנצע חברה און איבערהויפּט, וואָס דו האָסט צוגעלייגט זייערע האַנט־שריפטן. זאָג זיי, אַז איך טראַכט וועגן זיי יעדע מינוט און אַז איך האָף צו זיין מיט אייך אַלע אין אויגוסט. זאָלן זיי מיר שרייבן. איבערהויפּט הערבערט — ער קאָן דאָך. פאַרוואָס שרייבט ער נישט?

מאָרגן אין דער פרי פאָרן מיר פון דאַנען קיין זכרון יעקב. שבת וועלן מיר זיין אין חיפה און וועלן פון דאָרט צופאָרן קיין עכו. אויב מעג־לעך וועלן מיר באַזוכן זשאַבאָטינסקין און די איבעריקע ניינצן אַרעס־טירטע. אין עכו איז די תפיסה. מיר האָפן צו זען זיי פולשטענדיק באַ־פרייט נאָך אין דער צייט פון אונדזער זיין אין לאַנד.

גריס יעדן איינעם אין שאָפּ און זאָג זיי, אַז איך דאַנק זיי פאַר דעם לעצטן בריוו און בעט זיי שרייבן מער און גרעסערע בריוו.

דיין, ישראל.

***

חיפה, מאַי 8, 1920

ליבע, טייערע עליזה!

גאָלדבערג האָט געקראָגן אַ דערלויבעניש צו זען זיך מיט זשאַבאָטינ־סקין און איז געפאָרן מיט מאַדאַם זשאַבאָטינסקי קיין עכו, וואו ער און נאָך ניינצן זיינען איינגעשפּאַרט אין תפיסה.

דאָנערשטיק אין דער פרי, ל"ג בעומר, האָבן מיר פאַרלאָזט חדרה. מיט אַן אָוונט פריער, מיטוואָך, איז געקומען דער קאָלאָניסט גורעוויטש, וועלכן איך האָב דערמאָנט אין מיין לעצטן בריוו און האָט אונדז איינגע־לאַדן אויף טיי צו איינעם אַ קאָלאָניסט לאַוויטשקי. ער איז איצט דער מילנער פון דער אומגעגנט.

די פאַמיליע באַשטייט פון די עלטערן — טייערע און פשוטע מענטשן, גאַסטפריינדלעך ווי נאָר אידעאַליסטן קאָנען זיין. די עלטסטע טאָכטער שושנה איז אַ מיידל פול מיט יידישן חן מיט פאַרחלומטע בלויע אויגן, זי רעדט ווייניק אָבער פאַרשטייט גאָר אַ סך. דאָס צווייטע מיידל, בעלאַ, איז העפלעך, באַרעדעוודיק, באַלעזן און ווען זי וואָלט נישט געזאָגט אַז זי איז געבוירן אין חדרה וואָלט מען געמיינט, אַז זי האָט איר גאַנץ לעבן געלעבט אין אַ גרויסער שטאָט. צבי, אַ ייִנגל פון אַ יאָר 15, טראָגט אַ סקויטיש מונדיר, ווייל ער געהערט טאַקע צו דער סקויטן אָרגאַניזאַציע פון לאַנד. עס איז נאָך דאָ דאָרט אַ מיידעלע פון אַ יאָר צען, וואָס קאָן

www.libtool.com.cn

נישט עפּעס אַנדערש ווי העברעאיש, זי לערנט אויך אַ ביסל ענגליש. מיר האָבן אין אָט דער ליבער היים פֿאַרבראַכט אַ פּאָר שעה. די לבנה, אַ ליכטיקע, האָט אַריינגעשיינט דורך דער אָפֿענער טיר. גאָלדבערג האָט געפּרואווט שאַפֿן אַ פֿריילעכע שטימונג אָבער דאָס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן. מען האָט פֿאָרגעשלאָגן צו גיין אויף אַ שפּאַציר און דאָ האָב איך אויסגעפֿונען די סיבה פֿון דער געדריקטער שטימונג. מיט אַ פּאָר טעג פֿריער זיינען בעדואינער באַפֿאַלן אַ דערבייאיקע קאָלאָניע, האָבן דערהרגעט אַ מענטש און צוגערויבט די בהמות. דאָ, אין חדרה, ריכט מען זיך יעדע מינוט אויף אַן ענלעכן „באַזוך". מיר האָבן זיי געמוטיקט און געגעבן האָפֿענונגען אויף בעסערע צייטן.

מיר האָבן אַ שטיקל צייט שפּאַצירט ביז מיר זיינען דערגאַנגען צום לערער פֿון דער שולע. פֿון דער ווייטנס האָבן זיך דערהערט טרויעריקע יידישע טענער פֿון אַ פֿידל. דאָס האָט דער לערער געשפּילט פֿאַר אַ גרופּע יונגוואַרג, וואָס האָט זיך ביי אים פֿאַרזאַמלט. מיר האָבן דאָרט געטראָפֿן די יונגוואַרג פֿון דער קאָלאָניע, עטלעכע מיידלעך מיט עטלעכע יונגעלייט אין מיליטערישע קליידער. אַלע צוזאַמען האָבן זיך געמאַכט הארץ, מען האָט געזונגען און געשפּילט, אָבער ווי איז צו אַזאַ שמחה. אַלע ווילע איז אַן אַנדערער געלאָפֿן צום אָפֿענעם פֿענצטער, האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און האָט זיך איינגעהערט — טאָמער...

איך האָב זיך אין זיי גוט איינגעקוקט. אויף זייערע טרויעריקע און ערנסטע פּנימער איז נישט געווען קיין סימן פֿון פּחד.

גייענדיק צוריק אין האָטעל אַריין האָב איך מיר געטראַכט, ווער עס זיינען די אמתדיקע ציוניסטן. צי די, וואָס וועלן קומען דעם דריי־סיקסטן מאַי קיין אַטלאַנטיק סיטי, איינשטיין אין ברעיקערס האָטעל, אויס־פּוצן זיך אין די שענסטע קליידער, האָבן אַ „גוד טאַים", זיין ביי אַ פּאָר זיצונגען, שטימען אויף אַ פּאָר רעזאָלוציעס, פּאַטשן בראַוואָ און זינגען די „התקווה", צי די מענטשן פֿון חדרה — מענטשן, פֿון וועלכע די וועלט ווייסט אינגאַנצן נישט. מענטשן וואָס האָבן אין די לעצטע דרייסיק־פֿערציק יאָר געלעבט אין דער מדבר און האָבן מיט זייער פֿלייש און בלוט אויפֿגעבויט דאָס ביסל, וואָס עס איז דאָ. מענטשן, וועמענס מאָטאָ איז, אַז „לעבעדיקע וועלן מיר פֿון אונדזער לאַנד נישט אַוועק". איך האָב זיך געפֿילט אַ ביסל שטאָלץ, וואָס מיין ציוניזם איז נישט דער מאָדע־ציוניזם. איך וועל מיך רופֿן „ציוניסט" בלויז דאַן, ווען איך וועל עפּעס אויפֿטאָן פֿאַר מיין פֿאָלק און לאַנד.

דעם צווייטן אינדערפֿרי זיינען מיר אָפּגעפֿאָרן קיין זכרון יעקב.

www.libtool.com.cn

אויפן וועג האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ שעה אין דער קבוצה „גן שמואל". זיי באַאַרבעטן שוין אַכט יאָר אַ שטיק לאַנד אויף אַ פולשטענדיק קאָמוניסטישן אופן. צוואַנציק יונגעלייט באַאַרבעטן דעם באָדן. עטלעכע מיידלעך פירן די ווירטשאַפט, קאָכן, וואַשן א. אַז. וו.. אַלע קריגן אַ גלייכן חלק און זיינען צופרידן.

איך האָב געהערט, אַז עס זיינען דאָ מערערע אַזעלכע קאָאָפּעראַטיוון און איך בין געווען זייער צופרידן, וואָס איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו זען „גן שמואל". נאָכמיטאָג זיינען מיר אָנגעקומען קיין זכרון יעקב. דאָס איז אַ שטעטעלע פון אַרום זיבעציק פאַמיליעס, אַלע רומענישע יידן. דער האָטעל־אייגנטימער, גראַף, איז געווען אַמאָל אין אַמעריקע. ער האָט אונדז דערציילט וועגן די לאָקאַלע צרות. אויך דאָ איז מען נישט זיכער פון אַן איבערפאַל. אָבער קיינער פילט זיך נישט געפאַלן. קינד און קייט איז אָרגאַניזירט. אָרעם און רייך באַוואַכן די קאָלאָניע. שפּעט ביי־נאַכט, האָט ער אַליין, הער גראַף, זיך אָנגעטאָן אַ ביקס און איז אַוועק אויף זיין פּאָסטן. דאָס איז געווען דער אָוונט, ווען זיין גרופּע האָט געדאַרפט האַלטן וואַך.

דעם זעלבן טאָג האָבן מיר באַזוכט דעם וויין־קעלער פון באַראָן. דער פאַרוואַלטער האָט אונדז אַדורכגעפירט דורכן גאַנצן קעלער, האָט אונדז אַלץ דערקלערט, ווי אַזוי די מאַשינען קוועטשן, רייניקן און אַרבעטן אויס די טרויבן אויף אַ מאָדערנעם און וויסנשאַפטלעכן אופן. ער האָט אונדז געגעבן צו פאַרזוכן אַ גוט גלעזל וויין, האָט געשיקט אַ גרוס צו די אַמע־ריקאַנער יידן און האָט צוגעלייגט אַ פראַגע: „צי דענקט איר, אַז עס איז דאָ וואָס צו האָפן אויף די אַמעריקאַנער יידן? עס איז דאָך דאָס איינציקע יידנטום, וואָס איז געבליבן אומבאַשעדיקט נאָך דער מלחמה". „עס איז אמת, האָט ער געזאָגט, אַז אויך זייער געלט איז נויטיק, אָבער נאָך מער נויטיק זיינען זייערע פעאיקייטן, זייער נאָרמאַלער אַרט לעבן".

מיר האָבן געגעבן האָפענונגען, אַז דאָס אַמעריקאַנער יידנטום וועט טאָן זיין חוב, ווען עס וועט קומען דער קריטישער מאָמענט. אָבער אין האַרץ האָט מיך גענאָגט די פראַגע: צי וועט דאָס געשען? ווער קאָן וויסן?

מיר זיינען אויפגעשטאַנען זייער פרי. אויך דאָ, איז ווי אין חדרה, דורך דער נאַכט גאָרנישט געשען. לעבן האָטעל האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן עטלעכע עלטערע קאָלאָניסטן און האָבן געשמועסט. גאָלדבערג האָט זיך געזעצט שרייבן אין זיין צימער און איך האָב פאַרפירט אַ שמועס מיט די קאָלאָניסטן. זיי האָבן אַלע, יעדער אויף זיין אופן, דערציילט די גע־

www.libtool.com.cn

שיכטע פון זכרון יעקב, ווי זיי זיינען מיט פערציק יאָר צוריק געקומען פון רומעניע, געזונטע יונגען, און ווי זיי האָבן מיט בלוט און שווייס אָנגעהויבן צו פאַרוואַנדלען די פאַרלאָזענע שטיינערנע בערג אין אַ פרוכט־באַרן טרויבן־גאָרטן, ווי אַזוי זיי האָבן זיך געפּלאָגט און געבראַכט קרבנות פאַר יעדן שטיקל ערד, פאַר יעדן ביימעלע. דער קאַמף איז געווען אַ ביי־טערער. פון איין זייט האָט מען געקעמפט מיט די ווילדע בעדואינער און פון דער צווייטער זייט מיט דעם געלן און שוואַרצן פיבער. איינער האָט מיר מיט אַ שטעקן אָנגעוויזן אויף אַ בית הקברות: „אָט דאָרטן ליגן אונדזערע פרויען, אונדזערע קינדער, די אַלע, וועלכע האָבן נישט געקאָנט אַריבערטראָגן די מגפות. דאָרטן ליגן אויך אונדזערע דערמאָרדעטע, וואָס זיינען געפאַלן וואַכנדיק איבער אונדזער האָב און גוטס". אָבער — האָבן אַלע צוגעגעבן — עס טוט זיי נישט באַנג. דאָס ערגסטע איז שוין אַריבער. אונטערן טערק האָט מען איבערגעלעבט ערגערע צייטן. „איצט פילן מיר זיך שטאָלץ, וואָס מיר זיינען געווען די פּיאָנערן. מיר האָבן דער־צויגן אַ פרייען דור. אונדזערע קינדער זיינען ערלעכע און געזונטע ערד־אַרבעטער. זיי האָבן פאַר קיינעם נישט קיין מורא".

איך האָב זיי דערציילט, אַז אויך מיר, די פּיאָנערן פון אַמעריקע האָבן אונדזערע בית הקברותן אין דענווער, קאָלאָראַדאָ, אויך מיר האָבן זיך אַדורכגעשלאָגן דורך אַ שווערן וועג און געבראַכט קרבנות. אָבער וואָס האָבן מיר דערפון? קיין אָנערקענונג אַוודאי נישט. דער שמועס האָט זיך געענדיקט מיט גוטע וואונטשן פאַר אַלע יידן איבער דער גאָרער וועלט.

נאָכדעם ווי גאָלדבערג האָט געענדיקט שרייבן האָבן מיר געמאַכט אַ שפּאַציר איבער דער אומגעגנט. מיר האָבן באַוואונדערט די שטרע־קעס לאַנד, די שיינע בערג, דעם ים פון דער ווייטנס און מיר האָבן זיך אָנגעשעפּט מיט פרישער, רייכער אַרץ־ישראלדיקער לופט. נאָכמיטאָג האָבן מיר גענומען אַ וואָגן און זיינען געפאָרן באַגעגענען די באַן. די באַן־סטאַציע האָט זיך געפונען אַן ערך אַ שעה רייזע פון דער קאָלאָניע. אויפן וועג האָבן מיר זיך נאָך אָפּגעשטעלט אין אַ צווייטער קבוצה און האָבן דאָרט געזען כמעט דאָס זעלבע, וואָס אין „גן שמואל", נאָר אויף אַ גרעסערן מאַסשטאַב. צום סוף זיינען מיר איינגעשטיגן אין דער באַן.

אין דער באַן האָבן מיר געטראָפן עטלעכע באַקאַנטע פון יפו און אַ ניו־יאָרקער דאָקטאָר, וואָס אַרבעט פאַר דער „הדסה". עטלעכע מינוט פאַר חיפה האָט איינער פון די פּאַסאַזשירן אויסגערופן: „זעט, אָט איז דער הר הכרמל!". איך האָב אַרויסגעקוקט פון פענצטער און פאַר די אויגן

www.libtool.com.cn

מײַנע האָט זיך אַנטוויקלט אַ פּאַנאָראַמע, וועלכע איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן. אויף איין זייט — דער ים מיט אַ שײַנעם, זאַמדיקן ברעג ווי אין אַטלאַנטיק סיטי; אויף דער צווייטער זייט דער כרמל מיט די הייזער אײַנגעפּאַסטע אין באַרג ווי דימענטן אין אַ קרוין.

אין חיפה האָבן מיר גענומען אַ האָטעל און האָבן זיך געזען מיט עט־לעכע מענטשן. אין אָוונט בין איך אַ מידער געגאַנגען שלאָפן און ווען איך האָב, ליגנדיק אין בעט, געטראַכט פון ברעג ים, האָב איך געזען דיך און די קינדערלעך שפּאַצירנדיק אויפן באָרדוואָק. און כאָטש דער ברעג ים בײַ וועלכן איך געפין מיך איצט איז איצט טויזנטער מייל ווייט פון דעם ברעג וואו דו שפּאַצירסט, האָב איך דאָך געפילט אַזוי נאָענט, אַז כאָטש שטרעק אויס די האַנט און וועק דיך אויף פון חלום.

איך דערמאָן מיך ווי מיט יאָרן צוריק פלעג איך לערנען אין סאַראַ־קער בית מדרש בײַ אַ ליכטל. איך פלעג אָפט טראַכטן ווי גליקלעך איך וואָלט זיך געפילט, ווען איך וואָלט פאַרמאָגט מײַן מאַמעס גרויסע פּאָר ליכט. זינט דעמאָלט זײַנען שוין אַוועק אַ סך יאָרן. מײַנע חלומות פון דעמאָלט זײַנען שוין פאַרווירקלעכט געוואָרן און אויף אַ גרויסער מאָס. צוערשט האָט מיר גאָט געגעבן איין ליכט, אַ ליכט וואָס שײַנט ווי אַ דימענט און גיט נישט נאָר ליכטיקייט נאָר וואַרעמט אויך ווי די שטראַלן פון דער זון. דאָס ליכט האָט דערנאָך אויסגעטיילט פון זיך אײַנציקווייז פיר קליי־נע ליכטלעך. און פּונקט ווי די מאַמע־ליכט שײַנט, אַזוי שײַנען אויך די פיר קליינע ליכטלעך. און אַלע פינף צוזאַמען באַלייכטן מיר מײַן וועג פון לעבן און ווייזן מיר דעם ריכטיקן וועג. אין מײַן איצטיקער רייזע טראָג איך נאָענט צום האַרץ די בילדער פון די פינף ליכט און עס דאַכט זיך מיר, אַז דאָס איז אַ שמירה, אַז איך זאָל חלילה נישט געשעדיקט ווערן.

אָפט, ווען עס ווערט מיר שווער אויפן האַרצן, זאָג איך אַ תפילה צו מײַנע פינף ליכט און עס ווערט מיר אַזוי גרינג, אַזוי גוט. איך דערזע דעם ריכטיקן, דעם גלייכן וועג. בײַ יענעם ליכטעלע אין סאַראָקע האָב איך אויך אַנדערע חלומות געהאַט און אויך זיי זײַנען טיילווייז געוואָרן פאַרווירקלעכט. איך פלעג טראַכטן, אַז ווען כ׳וועל אויסוואַקסן וועל איך מיך לאָזן אין דער ווייטער וועלט אַרײַן, וועל עפּעס אויפטאָן פאַר זיך, פאַר אַלע מײַניקע, פאַר דער וועלט. און דערנאָך צוריקקומען צו מײַנע עלטערן און זיי ווייזן, ווי אַזוי איך האָב אויסגעפילט זייער וואונטש. אַ סך מאָל, ווען מײַן מאַמע פלעגט מיר זאָגן „וואָס וועט זײַן פון דיר?״ פלעגט זיך מיר זייער שטאַרק וועלן זאָגן: וועסט זען, מאַמע, וועסט נאָך האָבן כבוד צוליב מיר״. נו, בין איך אויסגעוואַקסן, בין געוואָרן דערפאָלגרייך אין

www.libtool.com.cn

געשעפט און איצט האַלט איך ביים לעצטן פּונקט און איך האָף, אַז איך וועל נישט פאַרשעמט ווערן און וועל פאַרווירקלעכן אויך אַ טייל פון די אַנדערע חלומות.

איך בין היינט אויפגעשטאַנען זייער פרי און האָב לאַנג געקוקט אויף עכו, וואָס איז אַקעגנאיבער חיפה. די טערקישע רעגירונג האָט פון עכו געמאַכט אַ מין סיביר. פאַר מיר איז דער עכו באַרג מאָפּלט שיין. ערשטנס איז די פּאַנאָראַמע אַליין זייער אַ שיינע, צווייטנס ווייס איך, אַז אויף דעם באַרג, דאָרט וואו דער הימל קומט זיך צונויף מיט דער ערד, איז דאָ אַ פעסטונג און דאָרט זיינען איינגעשפּאַרט אונדזערע העלדן, אונדזער גרעסט פאָלקס־פאַרמעגן. איך בין אויף דער זייט ים, אָבער מיין האַרץ איז מיט זיי, אויף יענער זייט. עס וועט לאַנג נישט נעמען און זיי וועלן זיין אויף אונדזער זייט.

מיטוואָך אין דער פרי האָבן מיר באַשלאָסן צוריקצופאָרן קיין ירושלים. מיר וואָלטן זייער געוואָלט זען דעם גליל, וועלכער איז, ווי מען זאָגט אונדז, די שענסטע טייל פון לאַנד. אָבער די צייט איז קורץ און מיר מוזן זען ברענגען אַלע אונדזערע פּלענער צו אַ טאַלק, אַזוי אַז מיר זאָלן וויסן, מיט וואָס מיר פאָרן אַוועק. און דאָס אַלץ קאָן געטאָן ווערן נאָר אין ירושלים.

אַ גרוס אונדזערע טייערע קינדערלעך, דער מאַמען און יעדן פון דער משפּחה און אויך פון שאַפּ און אויך די סטיקאָווס, די עלפּנשטיינס, אויך אַלע וואָס אינטערעסירן זיך מיט ציוניסטישער אַרבעט, איבערהויפּט די געסט, וואָס זיינען געקומען צו דער קאָנווענשאָן.

דיין, ישראל.

**
*

ירושלים, מאַי 13, 1920

ליבע, טייערע עליזה!

נעכטן, אויפן וועג קיין ירושלים, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין לוד, נישט ווייט פון יפו און איך האָב דאָרט באַקומען דיינע דריי בריוו. איך און אונדזער ליבער גאָלדבערג פילן זיך זייער גוט, פּונקט ווי מיר האָבן זיך געפילט ביים אַהערקומען. אונדזער גוטע שטימונג נעמט זיך פון די גוטע נייעס, וועלכע קומען אַהער פון סאַן רעמאָ. אַחוץ דעם בין איך זייער צופרידן פון דיינע בריוו. איך בעט דיך, דו זאָלסט אָנהאַלטן דאָס שרייבן. ווי דו זעסט, טו איך דאָס זעלבע.

איך בין זייער צופרידן וואָס דו שרייבסט וועגן די קינדער. פאַרוואָס שרייבסט אָבער ניט הערבערט אַליין? זאָג אים, אַז איך וויל, ער זאָל דאָס

www.libtool.com.cn

טאָן. דאַנק אין מיין נאָמען מר. טאַפּקינס פאַר אַלץ, וואָס ער טוט פאַר דיר.

די לאַגע דאָ אין לאַנד האָט זיך אינגאַנצן באַרואיקט און איר דאַרפט גאָרנישט איבערטראַכטן. עס איז בלויז אַ ביסל אומרואיק אין אויבערשטן גליל, ביי דער פראַנצויזישער גרענעץ. אָבער מען גיט דאָרט גוט אַכטונג און אינגיכן וועט דאָס אויך נישט זיין נויטיק. קאָנסט שרייבן צו מרס. גאָלדבערג, זי זאָל זיך גאָרנישט זאָרגן, ווייל אַלץ איז אין אָרדענונג און מיר גיבן גוט אַכטונג איינער אויפן אַנדערן. מיר זיינעןביידע שטאַרק אָפּגעברענט פון דער ארץ־ישראלדיקער זון, עס איז אַ סך אַ געזינטערע קאָליר ווי מיר האָבן געהאַט אין אַמעריקע.

צי האָסטו געקראָגן בריוו פון סאַראָקע זינט איך בין אַוועקגעפאָרן? פאַרוואָס שיקסטו זיי מיר ניט איבער? פאַרגעס נישט צו טעלעגראַפירן דאָס פאָנד־געלט קיין בוקאַרעשט צו דער באַנק, ווי איך האָב דיר געשריבן אין פריערדיקן בריוו. קאָנסט איצט אָנהייבן צו שרייבן קיין סאַראָקע.

גריס די גאַנצע משפחה.

דיין, ישראל.

***

ירושלים, מאַי 18, 1920

ליבע, טייערע עליזה!

איך בין נאָר־וואָס צוריקגעקומען פון גאַס. איך האָב געזען דר. ליווי, דעם פרעזידענט פון דער אַנגלאָ־פּאַלעסטינער באַנק. איך האָב מיט אים געהאַט אַ שמועס וועגן דעם געשעפט, וואָס מיר ווילן אָנהייבן. איך בין אויך געווען ביי דער „סינגער מאַשין קאָמפּאַני" און האָב באַקומען אַ ביסל אינפאָרמאַציע וועגן מאַשינען. ווי עס זעט אויס, וועט אין די קו־מענדיקע עטלעכע טעג עפּעס פאַרענדיקט ווערן. מיר וואַרטן נאָך אויף דר. רופּין, וועלכער דאַרף די טעג קומען קיין ירושלים. אויב ער וועט צושטימען צום פּלאַן, וועט דער ענין זיין געשלאָסן. איך וויל דיר דאָ איבערגעבן אין וואָס דער פּלאַן באַשטייט.

די „בצלאל"־שולע איז דאָס אייגנטום פון דער ציוניסטישער אָרגאַ־ניזאַציע. ביז צו דער מלחמה האָט די שולע געהאַט אַן אָפּטיילונג צו מאַכן אָריענטאַלישע טעפּיכער. איז געקומען די מלחמה און האָט, ווי אַ סך אַנדערע זאַכן, אויך רואינירט די שול. דער הויפּט־מעכאַניק איז אַוועק אין דינסט, די אַרבעטער זיינען זיך צעגאַנגען און אַלץ איז פאַרלאָזן גע־וואָרן.

www.libtool.com.cn

מיט עטלעכע חדשים צוריק איז דער פירער פון דער טעפּיכער־אָפּ־טיילונג צוריקגעקומען און האָט מיט גרויס מי אָנגעהויבן צוריקברענגען אָרדענונג אין דער אָפּטיילונג. ער האָט זיך אָבער איבערצייגט, אַז עס האָט נישט קיין זינען איינצופירן דעם אַלטן סיסטעם פון אַרבעט. צוליב דעם האָט ער אונדז פאָרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן אָפּקויפן די מאַשינען, איבער־נעמען אַלץ אין פּריוואַטע הענט און אָנפירן דאָס געשעפט אויף אַ גע־שעפטלעכער באַזע, אָן פילאַנטראָפּיע. די רויע מאַטעריאַלן זיינען דאָ אין לאַנד, שפּינערס זיינען דאָ פון ביאַליסטאָק און פון לאָדזש. אַזוי שנעל ווי די פּעדים ווערן פאַרטיק קאָן מען זיי דאָ פאַרבן און מאַכן טעפּיכער. די אַרבעטער, וועלכע באַשטייען פון תימנער, בוכאַרער און דמשקער יידן, זיינען אויך דאָ און זיי זוכן צו פאַרדינען אַ שטיקל ברויט.

לויט אַלע אויסרעכענונגען האַרף דאָס זיין אַ געשעפט, וואָס וועט זיך באַצאָלן. אויב דר. רופּין וועט איינשטימען צו פאַרקויפן די מאַשינען, איז דאָס געשעפט געשלאָסן. מיר וועלן דאַן אָרגאַניזירן אַ קאָרפּאָרעישאָן ביז אַ פערטל מיליאָן דאָלאַר. איך וועל אַריינלייגן פינף טויזנט דאָלאַר פאַר זיך און פינף טויזנט פאַר גאָלדבערגן. עס זיינען דאָ פאַראַן נאָך צוויי, וואָס ווילן אַריינלייגן צען טויזנט דאָלאַר. מיט די צוואַנציק טויזנט וועלן מיר אָנהייבן. מעגלעך, אַז איך וועל דיר טעלעגראַפירן, דו זאָלסט אַרויס־שיקן צו דער באַנק טויזנט פונט אָנצוהייבן דאָס געשעפט. אַזוי שנעל ווי די זאַך וועט ווערן אָרגאַניזירט וועט גאָלדבערג אָנהייבן צו פאַרקויפן די „שערס". דאָס וועט דערווייל זיין זיין אַרבעט. איך וועל דערווייל איינשטעלן אַ פאַראַנטוואָרטלעכן מענטש צו אָרגאַניזירן דאָס געשעפט מיט דער הילף פון אַ טעכניקער. איך וועל מיך דאַן אומקערן אויף אַ פּאָר חדשים קיין אַמעריקע. ערשטנס, צו עטאַבלירן מיין אייגן געשעפט אין פילאַדעלפיע אויף אַן אופן, אַז איך זאָל קאָנען זיין רואיק. און צווייטנס, איינצוקויפן אין אַמעריקע אָדער אין ענגלאַנד אייניקע נויטיקע זאַכן. אַחוץ דעם — אויך צוריקברענגען מיט זיך אַ ביסל נויטיק קאַפּיטאַל.

ווען איך וועל מיך דאָ אַהער אומקערן און איבערנעמען דאָס געשעפט אין מיינע אייגענע הענט, וועל איך קאָנען אַכטונג געבן נישט בלויז אויף דער פאַבריק פון די טעפּיכער נאָר אפשר אויך אונטערנעמען אַנדערע זאַכן, ווי צום ביישפּיל דאָס „קעניגנג"־געשעפט. און אפשר וועט דער אָריגינע־לער פּלאַן קאָנען פאַרווירקלעכט ווערן. אָדער אפשר גאָר שניידעריי, וואָס וועט זיך דאָ מיט דער צייט אַן צווייפל גוט אַנטוויקלען.

וואָס עס טרייבט מיך צו דער טעפּיכער פּראָדוקציע איז דאָס פאָלגנ־דיקע: ערשטנס קען איך זייער גוט די „זייאָן קעניגנג קאָמפּאַני" און איך

www.libtool.com.cn

צווייפל אין זייערע מענטשן. אויב אַפילו דער ענין זאָל יאָ ווערן אַדורכ־געפירט, וועט דאָס נישט געשען אַזוי גיך. דערווייל שטאַרבן מענטשן פון הונגער. צווייטנס איז די טעפּיכער־אינדוסטרי שוין אָן אויסגעפּרואווטע און האָט אַ יסוד. די רוי־מאַטעריאַלן זיינען דאָ אין לאַנד און מען קאָן גלייך אָנהייבן די אַרבעט. ווען גאָלדבערג וועט קומען קיין אַמעריקע מיט אַ פּאַרטיקער זאַך, האָפן מיר, אַז דער פאַרקויף פון שערס וועט צוגיין אַ סך שנעלער ווי אין פאַל, ווען מען קומט מיט אַ זאַך, וואָס איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן. גאָלדבערג וועט קאָנען אָנווייזן, אַז דאָס געשעפט איז נישט אין דער סטאַדיע פון טעאָריע, פון עמעצנס אַ חלום, נאָר געפינט זיך אין די הענט פון אַ געשעפטמאַן, וועלכער האָט אַ גוטן רעקאָרד פון לאַנגע יאָרן דערפאַרונג. ווי געפעלט דיר דער פּלאַן?

מיין קומען אַהער וועט זיין אַ צייטווייליקס. דאָס הייסט, אַז נאָכדעם ווי איך וועל דאָ אָפּזיין, לאָמיר זאָגן, אַ האַלב יאָר און וועל האָבן אַוועקגע־שטעלט דאָס געשעפט אויף אַ פעסטן באָדן, וועלן מיר זיך בייטן. גאָלדבערג וועט קומען אַהער און איך וועל פאָרן קיין אַמעריקע. מיט דער צייט וועל איך במילא דאַרפן זיין דער דרויסנדיקער מענטש ביז דאָס געשעפט וועט זיין פולשטענדיק אָרגאַניזירט און וועט ווערן דערפאָלגרייך, אַזוי אַז עס וועט לוינען צו ליקווידירן דאָס געשעפט אין פילאַדעלפיע און אַריבער־נעמען די פאַמיליע. וואָס לענגער איך בין דאָ, אַלץ מער בין איך איבער־צייגט, אַז דאָס לאַנד האָט אַ גרויסע אינדוסטריעלע צוקונפט. מיט אַ פינף און צוואַנציק יאָר צוריק האָט זיך די אַמעריקאַנער וועלט געפונען אין דער זעלבער לאַגע. אין תל־אביב איז שוין איצט „ריעל עסטעיט" טייערער ווי אין פילאַדעלפיע, ווייל די מענטשן האָבן געקויפט דעם באָדן מיט צען־פופצן יאָר צוריק.

דאָס זעלבע וועט אויך אָן ספק זיין מיט דער אינדוסטרי. דאָס לאַנד האָט אַרום זיך אַ גרויסע פעריפעריע. און ווען די טירן וועלן ווערן גע־עפנט וועלן די פאַלעסטינער געשעפטסלייט האָבן קונים אין עגיפּטן און סיריע, וועלכע זיינען נאָענט און אויך פון איראָפּע, וואָס איז אויך נישט ווייט. די מעגלעכקייטן פון לאַנד זיינען נאָך נישט פאַרכאַפּט פון „טרעסטס" און פון איינצלנע מאַגנאַטן. ווער עס וועט זיך אין דער נאָענטער צוקונפט נעמען צו וועלכער עס איז נישט אינדוסטרי וועט זיין דערפאָלגרייך. נעכטן האָב איך גערעדט מיטן דירעקטאָר פון דער אַליאַנס־שולע. ער האָט מיר געוויזן ביינוול־סחורה, וועלכע ער קאָן מיט דער הילף פון אַמערי־קאַנער געלט פּראָדוצירן פאַר פערציק סענט אַ יאַרד. היינט האָב איך גערעדט מיט אַ דירעקטאָר פון אַ סינדיקאַט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן

www.libtool.com.cn

אין ענגלאַנד צו פּראָדוצירן מענער־קליידער. עס אַרבעטן שוין אַרום צוואַנ־ציק מענטשן און דאָס אויפּנייען אַ מענערשן „סוט" פון דריי טיילן קאָסט נישט מער ווי צוויי דאָלאַר. איך האָב באַרעכנט, אַז פון דעם שטאָף, וואָס כ'האָב געזען אין דער אַליאַנס קאָן מען אויפנייען אַ סוט, וואָס זאָל קאָסטן אַרום און אַרום פינף דאָלאַר. מען קאָן זיי פאַרקויפן אין די טויזנטער מיט אַ גוטן ריווח. מען דאַרף נאָר האָבן די פּאַכלייט, וואָס זאָלן דאָ קומען און אָנווייזן דעם וועג. איך האָף צו זיין איינער פון זיי.

גריסט אונדזערע קינדערלעך און יעדן איינעם.

דיין, ישראל.

***

ירושלים, ב־סיון 1920 — 5/19

ליבע, טייערע עליזה!

היינט ב' סיון איז די יאָרצייט פון אהרן ארונסאָן, דאָס איז איינער פון די גרעסטע פּאַלעסטינער יידישע פיגורן, וועלכער איז דערטרונקען גע־וואָרן פליענדיק מיט אַ וויכטיקער מיסיע איבער דעם ים. אין די פּאָ־גראָמען־טעג, ווען דאָס בלוט פון פּאַלעסטינער יידן האָט געקאָכט, האָב איך ניט איינמאָל געהערט דעם נאָמען פון ארונסאָן. עס איז געווען אַ גאַנצע רייע יידישע העלדן, וועלכע האָבן זיך מקריב געווען פאַר ענגלאַנד, זי זאָל באַזיגן דעם טערק, צווישן זיי האָט אַרויסגעשיינט די פיגור פון ארונסאָן. דערום איז געווען נאַטירלעך, אַז אין דער צייט פון צער, זאָל מען דערמאָנען זיין נאָמען ווי אַ טענה: מיר האָבן אייך געגעבן ארונסאָנען מיט זיינע חברים, און איר גיט אונדז פּאָגראָמען.

די שלעכטע ביטערע טעג זיינען פאַריבער, היינט, אין טאָג פון ארונסאָנס יאָרצייט, האָבן די יידן פון דעם לאַנד, פאַר וועלכן ער האָט זיך מקריב געווען, ניט פאַרגעסן אין זייער העלד, זיי האָבן איינגעאָרדנט אַ פּאַסיקן יאָרצייט אין דעם היכל פון דער „לעמיל שוהלע", וואָס איז געווען פּראַכטפול דעקאָרירט אין שוואַרצן, מיט ארונסאָנס בילד אין אַ ראַם פון שוואַרצן קרעפּ, צווישן צוויי גרויסע ליכט אַרומגעבונדן מיט שוואַרצע בענדער. איןביידע זייטן פון קליינעם בינהלע, זיינען גע־שטאַנען 500־600 מענטשן, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען דער גאָווערנאָר סטאָרס און אַנדערע ענגלישע אָפיצירן. זיי זיינען געזעסן מיט ערנסטע פּנימער און האָבן זיך איינגעהערט צו דעם ערשטן רעדנער אין העברעאיש. דאָס איז געווען „בן יהודה", דער „יידישער וועכטער". ער איז געקומען מיט 40 יאָר צוריק און האָט באַגריפן, אַז דער דור הפלגה פון שפּראַכן וואָס האָט דאַן געהערשט צווישן דעם ביסעלע יידן וואָס

www.libtool.com.cn

ער האָט דאָ געטראָפן, וועט קיינמאָל ניט דערציִען אַ יידישן דור, האָט ער מיט דער גאַנצער עקשנות פון זיין פאָלק אָנגעפאַנגען אַ קאַמף פאַר העברעאיש. עס איז געווען אַ ביטערער, שווערער קאַמף. אָבער ער האָט געזיגט. איצט איז די העברעאישע שפּראַך אַ פאַקט. זי איז געוואָרן די שפּראַך פון דעם יונגן דור. ער האָט גערעדט אויך אַנדערע שפּראַכן, אָבער העברעאיש האָט ער גערעדט אם בעסטן. זי איז געווען זיין מוטער־שפּראַך. איצט, מיט 35 יאָר שפּעטער שטייט בן־יהודה אַן אַלטער שטאָלצער מאַן און רעדט פון זיין תלמיד ארונסאָן מיט ליבע און אַכטונג. ער איז ניט קיין אָראַטאָר, אָבער דער עולם פילט אַז ער רעדט פון האַרץ און הערט זיך צו, צו יעדן וואָרט מיט גרויס דרך־ארץ.

***

ירושלים, 1920 — 5/25

ליבע, טייערע עליזה!

איך וואַרט אויף אַ לאָנדאָנער ייד, מיט וועלכן מיר דאַרפן היינט זיין ביי ד״ר רופּין, און מאַכן אַ סוף צום קאַרפּעט־געשעפט, כאַפּ איך דערווייל אַ שרייב.

נעכטן, דעם צווייטן טאָג שבועות, האָבן מיר געהאַט דאָ אין האָטעל אַ חתונה, אונדזער רב פישמאַן האָט געגעבן אַ תורה צו ר׳ יהודה החסידס שול. חוץ זיין פאָטער, וועלכער האָט די תורה אָנגעשריבן (ער איז אַ סופר) בין איך געווען דער איינציקער קרוב. געסט זיינען געווען זייער פיל, די גאַנצע יידיש־רעליגיעזע סביבה, יעדע ריכטונג איז דאָ געווען פאַר־טרעטן דורך די גרעסטע רבנים. אין דער שפּיץ פון טיש זיינען געזעסן ניט די רייכע, נאָר די געלערנטע פון יעדער גרופּע: יעדער אויסגע־פּוצט אין זיינע קליידער: דער אשכּנזי אין זיין שטריימל, דער ספרדי אין זיין „דראַפּירטן" היטעלע, דער תימנער אין זיין רויטער פּעסע מיט דעם שוואַרצן טראָלד אויף דער זייט. אויך די נאַציאָנאַלע ריכטונג איז געווען פאַרטרעטן דורך מאָדערן־געקליידעטע אייראָפּעער. די שטימונג איז געווען אַן ערנסטע. דער זאַל איז געווען געפּאַקט מיט מענער. דער טיש איז געווען געדעקט מיט לעקעך און בראָנפן. אין דעם אויבערשטן זאַל האָבן זיך געפונען די פרויען. אַן אָרקעסטער האָט געשפּילט יידישע מוזיק. עטלעכע יידישע פּאָליסלייט אין אוניפאָרמס האָבן געהאַלטן אָרד־נונג. דער ערשטער רעדנער איז געווען רב הכולל קוק. ער האָט גערעדט לאַנג און ווען ער האָט זיך צעוואַרעמט האָט זיין שטימע געקלונגען הויך און שטאַרק ווי די שטימע פון אַ נביא. דער צווייטער רעדנער איז געווען

www.libtool.com.cn

דער חכם באשי פון תל־אביב, אַ ספרדי מיט אַ טיף ברוין געזיכט, אַ שיינע שוואַרצע באָרד און גרויסע, טיפע, שוואַרצע אויגן. ער האָט געטראָגן אַ קאָלירטן טורבאַן און אַ שוואַרץ זיידענעם מאַנטל. ער האָט גערעדט און געווינט. ווען מיינע אויגן האָבן געוואָנדערט פון אים אויף דעם פּובליקום און פון זיי צוריק אויף אים, האָב איך פאַרשטאַנען פאַרוואָס איך האָב מיך אַלע יאָרן געהאַלטן ווייט פון דער יידישער רעליגיע אין אַמעריקע. אַזאַ טיפע רעליגיעזע נאַטור ווי איך האָב ניט געקענט פאַרנעמען די געשעפטס־מעסיקע אַמעריקאַנער רעליגיע. דער דריטער רעדנער איז געווען הרב פישמאַן אַליין. אויך ער איז געווען האַלב מאָדערנע געקליידט. ער האָט געטראָגן אַ קאַפּאָטע ביז די קני און אַ שוואַרצן זיידענעם „סטאָוופּאַיפּ״. אויך ער האָט גערעדט זייער וואַרעם און האָט אַרויסגערופן גרויס רעס־פּעקט. ווי דער אָפּיציעלער פאַרטרעטער פון דער מזרחי, די פּאַרטיי וועלכע געפינט זיך צווישן דעם אַלטן און נייעם יידנטום, וואָס איז אי מאָדערן רעליגיעז אי מאָדערן נאַציאָנאַליסטיש, געניסט פון רעספּעקט פון אַלע טיילן יידן. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן, האָט זיך אָנגעפאַנגען דאָס אויפרופן צו דער תורה. ווי עס פירט זיך פילט יעדער אויס איין אות און איז עפּעס מנדר. אין דעם פאַל גייט דאָס גאַנצע געלט אויף דעם נאַציאָנאַל פאָנד. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס מען האָט געמאַכט אַ נאַציאָנאַל פאָנד־וואָך. נעכטן האָט זיך דאָס אָנגעפאַנגען. יעדער גיט מער ווי ער קען. די באַפעלקערונג איז אָרעם, אָבער פּראָפּאָרציאָנעל גיבן זיי פיל מער ווי די אַמעריקאַנער יידן. איך האָב געגעבן 100 דאָלאַר פאַר אויספילן איין אות י׳. זאָלסט דורך דער באַנק שיקן אַן אָנווייזונג צו י. אמדורסקי וועלכער איז אַ פאַראַנטוואָרטלעכער מענטש, און ער וועט דאָס שוין איבערגעבן אין ריכטיקן פּלאַץ. שרייב אים אַז די 100 דאָלאַר זיינען פאַר דעם נאַציאָנאַל פאָנד, אַז דאָס איז דאָס געלט, וואָס איך האָב מנדר געווען. פון דעם האָטעל איז דער גאַנצער עולם געגאַנגען מיט מוזיק אין שול אַריין. די גאַס איז געווען פול מיט מענטשן. די רביצין, אַן אויסגעפּוצטע אין די שענסטע קליידער, דער קאָפּ פאַרדעקט מיט אַ טיכל, איז נאָכגעגאַנגען אין די לעצטע רייען. איך, גאָלדבערג און פּראָפּ. סלושץ האָבן זי באַגלייט.

איך בין שוין געווען ביי ד״ר רופּין. ער שטימט איין אויף אונדזער פּלאַן. ער וויל אָבער 2 טעג צייט זיך איבערצולייגן אויף וועלכע אופנים דאָס זאָל געשלאָסן ווערן. ער איז אַ פאַרשטייער פון די יידן, ער וויל ניט, די וועלט זאָל אים דערנאָך קריטיקירן. אָנפאַנג קומענדיקע וואָך פאָרן מיר אָפּ קיין עגיפּטן און מיט דער צייט וועט זיכער אַלץ דערליידיקט

www.libtool.com.cn

ווערן צו דער צופרידנקייט פון אַלע צדדים. גריס אונדזערע טייערע זיסע ליבע קינדערלעך און יעדן איינעם.

דיין, ישראל

***

ירושלים, זונטאָג — שבועות

ליבע, טייערע עליזה!

דער נעכטיקער בריוו איז נאָך ניט אַוועקגעשיקט, און ווייל איך האָב די געלעגנהייט וויל איך צושרייבן נאָך אַ בלעטל. נעכטן אָוונט נאָך אָוונטברויט, זיינען מיר געגאַנגען מיט אונדזער רב, הערן זאָגן תיקון שבועות, אין דער עלטסטער שול פון ירושלים. דאָס איז ר׳ יוחנן בן זכאיס שול. דאָרטן דאַווענען בלויז ספרדישע יידן. אין דער פינצטער, דורך פאַרשיידענע שמאָלע געסלעך, אַ סך טרעפּ אַרונטער, האָבן מיר גע־פונען די שול. מענער, אין אַראַבישע קליידער, זיינען עגעזעכן און האָבן געשמאַק געזאָגט. זייענדיק דאָרט האָב איך געפילט אַז איך געפין זיך אין אַלטערטום. יעדע זאַך וואָס דאָס אויג זעט, יעדע זאַך וואָס די האַנט טאַפּט אָן, שמעקט מיט הונדערטער יאָרן. פון דאָרט זיינען מיר אַוועק צו די מקובלים. געדענקסט דאָך געוויס אַז ביי יידן איז דאָ אַזאַ זאַך ווי די קבלה, זוהר. אין ירושלים איז דאָ אַזאַ שול פון די מקובלים. דאָרט האָבן מיר געטראָפן אַ פּאָר מנינים יידן. אַלע ספרדישע — בו־כאַרער — תימנער, און בלויז איינעם אַן אונדזעריקן. דער חכם האָט געזאָגט אין דער הויך אויף זיין נוסח, און די איבעריקע האָבן נאָכגעזאָגט. דער רב איז מיט זיי באַקאַנט און צוליב אים האָבן מיר געקראָגן כבוד. לויט זייער מנהג האָט מען דערלאַנגט שוואַרצע קאַווע. ווען מיר זיינען אַוועקגעגאַנגען האָט אונדז דער שמש, (אַ יונגער פּרענקישער ייד, וואָס איז אויך אַ שוסטער אין וואָכעדיקע טעג) אַרויסגעפירט אויף אַ גלייכן וועג מיט אַ לאַמטערן פּונקט ווי אין סאַראַקע. איך האָב זיך געלייגט שלאָפן, און האָב לאַנג געטראַכט פון די יידן, וואָס כ׳האָב געזען אין די צוויי שולן. עס איז מיר טיילווייז פאַרענטפערט געוואָרן דער נס, ווי אַזוי יידן האָבן זיך אויפגעהאַלטן פאַר אַזאַ לאַנגע צייט צווישן אַזוי פיל פיינד. קיין וואונדער, וואָס דער יידישער בוים האָט זיך אויפגעהאַלטן. די וואָרצ־לען זיינען פיל טיפער און ברייטער, ווי עס קען זיך אויסדוכטן אויף דער אויבערפלאַך.

היינט פון 8 אין דער פרי ביז 12 האָבן מיר פאַרבראַכט אויף דעם הר הבית. דאָס איז דער פּלאַץ וואו אַלע היילינקטימער זיינען געווען, דאָס בית־המקדש, מיט אַלע אָפּצווייגן. פרומע יידן גייען ניט אַהין, ווייל

www.libtool.com.cn

זייט עס איז חרוב געוואָרן און זייט די מאַכמעדאַנער האָבן דאָרט אָוועק־געשטעלט זייער מאָסק־אָמאַר (אַזאַ מין קלויסטער) האָבן זיי טמא געמאַכט דעם פּלאַץ. דער מאסק שטייט שוין דאָרט אַ 1200 יאָר און עס איז איינע פון די שענסטע געביידעס וואָס די וועלט פאַרמאָגט.

פון דאָרט זיינען מיר אַוועק צו די קריסטלעכע הייליקייטן. כ׳בין געווען אין די עלטסטע קלויסטערס וואָס די קריסטלעכע רעליגיע פאַר־מאָגט. כ׳האָב געזען די אַלע פּלעצער וואו ער אַליין איז געשטאַנען, גע־רעדט, און איז געמשפּט געוואָרן. די 4 שטונדן בין איך געווען אין דעם געבורט־פּלאַץ פון אַלע דריי רעליגיעס, וואו מענטשלעך בלוט האָט זיך געגאָסן במשך פון הונדערטער יאָרן און גיסט זיך נאָך היינט. איך האָב געפילט אַ געוויסן שטאָלץ וואָס איך באַלאַנג צו אַ פאָלק, וואָס איז געווען דאָס ערשטע צו געבן דער וועלט אַ רעליגיע און וואָס האָט געהאַט מוט צו קעמפן אַזוי לאַנג פאַר זיין איבערצייגונג. אין אויסלאַנד דיסקוטירט מען וועגן יידן, צי מיר זיינען יאָ אָדער ניט אַ פאָלק. ווען מען קומט דאָ, אויף דעם פּלאַץ, פאַרגעסט יעדער אין דיסקוסיעס. יידן, קריסטן אָדער מאַכמעדאַנער, יעדער פילט אַז ער טרעט אויף יידישער ערד. אָפּ־לייקענען דאָס וואָס מען זעט מיט די אויגן, קען קיינער ניט.

דיין, ישראל

**
*

ירושלים (ניט דאַטירט)

ליבע, טייערע עליזה!

עס איז איצט אַרום 6 נאָכמיטאָג. איך האָב זיך גאָר־וואָס אויפגעכאַפּט פון שלאָף, צוגערוקט דאָס טישל נאָנט און שרייב ליגנדיק. אין דער פרי בין איך געווען ביי דער „כותל מערבי" און קומענדיק צוריק אין האָטעל אַריין האָב איך געפילט אַז איך ברעך צוזאַמען. שטעל דיר פאָר די וויי־טיקן, וואָס כ׳האָב איבערגעלעבט זינט איך בין דאָ. אַ טאָג נאָך אונדזער אָנקומען אין לאַנד, נאָך איידער מיר האָבן צייט געהאַט אַרומצוקוקן זיך האָט זיך אָנגעפאַנגען דער היסטאָרישער דריי־טאָגיקער פּאָגראָם אין ירושלים. טאָמער איז נאָך דאָס נישט געווען גענוג, האָבן זיך אָנגעפאַנגען אַרומצוטראָגן קלאַנגען, אַז מען האָט אונדז אָפּגענאַרט, אַז דאָס אַלץ וואָס מען האָט גערעדט וועגן אַ יידישע היים, איז בלויז געווען אַ פּאָ־ליטישער מאַנעווער אונדז אויסצונוצן, אין דער צייט ווען מען האָט זיך אין אונדז יידן געניטיקט. זיצנדיק איין מאָל מיט דעם האָטעל־אייגנטי־מער אין תל־אביב, אַ ייד אַ געבוירענער אין לאַנד, האָט ער מיר מיט אַ ציטערנדיקער שטימע דערציילט ווי אַזוי יידישע קינדער האָבן זיך

www.libtool.com.cn

מקריב געווען אין דער צייט פון דער מלחמה, ער האָט גערעדט און מיין בלוט האָט געטריפט פאַר שמערץ. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ צעטל פון טעג פול מיט צער, פון ביטערער אַנטוישונג, פון שמערצלעכער דער־וואַרטונג. היינט אין דער פרי זייענדיק ביי דער כותל מערבי, שטייענ־דיק פנים אל פנים מיט דעם וואָס האָלט אונדז אַזוי לאַנג געבונדן ווי אַ פאָלק, האָב איך געפילט, אַז דאָס לעצטע ביסל כוחות גייט מיר אויס, עס זיינען אָנגעקומען עטלעכע יידישע פרויען בעטן פאַר אַ מאַמע, וואָס איז שטאַרק קראַנק און זייער גרויס געווין האָט מיר פשוט צעריסן דאָס האַרץ. שוין גענוג געשטראָפט, שרייט אַ מיטל־יאָריקע פרוי. און גיסנדיק מיט טרערן האָלט איך מיט מיט איר, טאַקע וויפיל איז דער שיעור ? כמעט דאָס גאַנצע רוסישע יידנטום איז חרוב געוואָרן. פוילן — גאַליציע און אוקראַינע זיינען פאַרטרונקען אין יידיש בלוט. און איצט דאָ אויך ? איז שוין נישטאָ קיין גערעכטיקייט אויף דער וועלט ? איך גיי צוריק און באַזוך אייניקע שטיבלעך. גאָט, וואָס פאַר אַ עלנט. מיר שטייען לעבן אַ הויז, און וואַקלען זיך, צי מיר זאָלן אַריינגיין צי נישט עס קומען אַרויס עלטערע פרויען און זאָגן אונדז אויף אַ פשוטן יידיש : קומט אַריין. מיר זעען פאַר זיך עטלעכע טירן, און מיר גייען אַריין אין דער ערשטער. אַ נידעריק צימער, אָרעמע בענקלעך, אַ טישל, אין ווינקל ליגט אַ קינד פון 2 יאָר איינגעוויקלט אין שמאַטעס, די בעל־הביתטע, אַ ספרדישע פרוי וואָס האָט זיך אויסגעלערנט רעדן אַ גוטן יידיש, דערציילט אַז זי האָט נאָך אַ קינד פון אַ יאָר 10. עטלעכע זיינען געשטאָרבן. דער מאַן באַקט אַזעלכע טאָרטן־לעקעכלעך און גייט זיי אַרום פאַרקויפן ; נאָר עס פאַרקויפט זיך ניט. נישטאָ פון וואַנען אַ שטיקל ברויט זאַט צו עסן. מיר גייען אַריין אין אַ צווייט הויז. אַן אַלטע פרוי צייגט אונדז איר צימער, ניין, איר קבר. איך שלעפּ זיך צוריק אין האָטעל אַ צעבראָכענער אין גייסט און אין קערפּער. מיט אונדז גייט דער אַלטער לעווין עפּשטיין פון וואַרשע און דערציילט ווי אַזוי פּוילישע גלחים האָבן צוזאַמענגענומען יידישע מיידלעך פון אוקראַינע און שמדן זיי אָפּ. איך האָב עפּעס אָפּגעגעסן און ציטערנדיק ווי פון פיבער האָב איך זיך גע־לייגט אין בעט.

איך בין לאַנג ניט געלעגן און פרוי אַראָנאָוויטשעס יינגל האָט מיר געבראַכט דיינע צוויי בריוו. איך האָב דורכגעלייענט און באַלד אָנגעפאַנגען דעם ענטפער. אָבער מער ווי „ליבע, טייערע עליזה" — האָב איך ניט געקענט אָנשרייבן. אין די אויגן האָט מיר געשווינדלט, דער קאָפּ האָט זיך מיר געדרייט, האָב איך מיך געלייגט, און בין איינגעשלאָפן. איצט

www.libtool.com.cn

בין איך אויפגעשטאַנען אַ ביסל פרישער און שרייב. פון זאָל הערט זיך דאָס שפּילן פון אַ פּיאַנע, דאָס שפּילט אַ כלה אויף איר האָניק־חודש. איין גאָט ווייס וואָס פאַר אַ האַרצרייסנדיקע טענער! דער מצב האָט יעדן טרויעריק געמאַכט, אפילו אַ כלה. איך פיל מיך עטוואָס בעסער. עס זיינען געקומען צוויי טעלעגראַמען פון לאָנדאָן, אין וועלכע עס זיינען דאָ פריי־לעכע נייעס. די שטימונג האַלט זיך זיין בעסערן. גאָלדבערג איז אַוועק צו אוסישקינען האָבן אַן אינטערוויו. אפשר וועט ער ברענגען גוטע נייעס. מען רופט עסן אָונט־ברויט, איך גיי אַרונטער אין עס־זאַל, אָבער וואָס טוט זיך דאָרט? יעדער האַלט דעם קאָפּ געבויגן. מען זעט ניט קיין שמייכל אויף אַ געזיכט. איז עפּעס נייעס געשען? ווענד איך זיך צום בעל־הבית. יאָ, זאָגט ער, דער משפט איז פאַרטיק, דאָס ענגלישע געריכט האָט אַרויס־געטראָגן דעם אורטייל, 15 יאָר שווערע אַרבעט פאַר זשאַבאָטינסקין, צו 3 יאָר פאַר יעדן פון די 19 אַנדערע און 4 וואָרטן נאָך. פאַרשטייסט דאָך ווי די נייעס האָט מיך געטראָפן. מען דאַרף אויסזוכן גאָלדבערגן. אפשר ווייסט ער איינצלהייטן. איך לויף ווי אַ משוגענער אים זוכן, און טרעף אים אין גאָס מיט סינגערן, אַ יידישער פּאָליציאַנט, אַן אַמעריקאַנער יונגערמאַן פון יידישן לעגיאָן, וועלכער איז שוין לאַנג דעמאָביליזירט געוואָרן, נאָר ער קען ניט פאָרן צוריק. דאָס האַרץ לאָזט אים ניט. ער קען ניט אי־בערלאָזן די שוואַכע אומבאַשיצט, ווען די פּאָגראָמען ברעכן אויס, שליסט ער זיך אָן אין דער פּאָליציי, אַרבעט נאַכט און טאָג, און פאַסט אויף אויף יעדן ייד. ביידע זיינען דערשלאָגן, זיי דערציילן, אַז ווען מען האָט די פאַר־משפטע געפירט איבער די גאַסן, פון דעם אַרעסט צום געפענגעניש, האָבן זיי געזונגען יידישע לידער, האָבן זיך געהאַלטן שטאָלץ און בראַוו. איך בייס די ליפּן ביז בלוט פאַר ווייטיק. זשאַבאָטינסקי, 15 יאָר. פאַר וועלכן פאַרברעכן? בלויז דערפאַר וואָס ער האָט אויף זיך גענומען די גאַנצע שולד פון דער זעלבסט־פאַרטיידיקונג. עס האָט ניט געהאָלפן וואָס טויזנט פרומע יידן האָבן אין די שולן פון ירושלים דעם לעצטן טאָג פסח אונטערגעשריבן אַ פּעטיציע אַז די שולד איז ניט זיינע, אַז זיי נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט. צו דריי יאָר יעדן פון די 19? פאַר־וואָס? ווייל זיי האָבן באַלאַנגט צו דער אָרגאַניזאַציע פון זעלבסט־פאַרטיידיקונג? וועט די וועלט שווייגן פאַר אַזאַ פאַרברעכן? איך האָב דאָס געפיל אַז איידער עס ווערט ליכטיק מוז שטאַרק פינצטער ווערן, און פינצטערער קען שוין דוכט זיך ניט זיין.

גריס די קינדער, אונדזער משפחהלע און יעדן איינעם.

דיין טרויעריקער, דערשלאָגענער ישראל

www.libtool.com.cn

ירושלים, 1920 — 5/30

ליבע, טייערע עליזה!

אין צוויי־דריי טעג אַרום פאַרלאָז איך אונדזער לאַנד, אַלץ וואָס איז מעגלעך געווען פאַר מיר צו טאָן, איז כמעט ווי געענדיקט. היינט נאָכמיטאָג האָב איך זיך פאַרקליבן אין מיין צימערל אין ליגנדיק אין בעט האָב איך אונטערגעצויגן דעם חשבון פון מיינע איבערלעבענישן אין די לעצטע עטלעכע חדשים. איך בין געקומען צום שלוס, אַז ווען איך האָב פאַרלאָזן אַמעריקע, האָב איך צווישן אַנדערע געהאַט דריי הויפּט־פראַגן, וועלכע זיינען געווען דירעקט פאַרבונדן מיט דער איצטיקער רייזע. די ערשטע פראַגע איז געווען, ווי אַזוי? וועל איך זיך פילן אַזוי ווייט פון מיין אייגן געשעפט? עס האָט דאָך מיר גענומען אַזוי פיל צייט און אַזוי פיל מי אַויפצובויען דעם בנין, איצט לאָז איך דאָס אַלץ איבער אין (געטרייע אָבער דאָך פרעמדע) און ניט פּראַקטישע הענט.

די צווייטע פראַגע איז געווען, ווי אַזוי וועל איך מיך פילן אין פּאַלעסטינע? אמת, אין מיין קינדהייט האָבן מיינע עלטערן איינגעפלאַנצט אין מיר שטאַרקע נאַציאָנאַלע געפילן, צו מיין לאַנד און צו מיין פאָלק. אָבער זינט דאַן זיינען דאָך שוין אַוועק אַזוי פיל יאָרן. די גאַנצע צייט האָב איך געדינט אַ סך פרעמדע געטער. איז ניט אַמאָל מעגלעך אַז אָט דאָס נאַציאָנאַלע געפיל איז ביי מיר אָפּגעטעמפּט אָדער גאָר אפשר געשטאָרבן. זייענדיק אמת צו זיך אַליין, האָב איך געוואוסט, אַז מיין לעצטער שטויס צו דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג איז ניט געקומען דורך אינערלעכע איבערצייגונג, נאָר דורך דעם צוואַנג פון נישט געוויינלעכע אומשטענדן, ווי די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. און כאָטש די אומשטענדן האָבן אויף מיר געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג, האָב איך אָבער ניט געקענט זאָגן אויף זיכער, צי דאָס איז נישט בלויז אַ צייטווייליקע ווירקונג, וועלכע גייט שנעל פאָריבער, אָדער צי איז די ווירקונג אַ פּערמאַנענטע, וואָס וועט טיף אַריינדרינגען אין מיין וועזן? איך האָב געפילט אַז כדי צו בייטן אַ גאַנצן אופן פון לעבן, אַ גאַנצן וועלט־באַנעם, איז ניט גענוג באַאיינפלוסט צו ווערן דורך אַ צופאַל. זייענדיק אויף דעם וועג פון ניו־יאָרק, האָב איך זיך מערערע מאָל געפרעגט, צי איך גענאַר מיך אַליין ניט אָפּ? איבערהויפּט ווען איך האָב געטראַכט וועגן מיין מיסיע, האָב איך זיך געפרעגט, צי גלויב איך טאַקע אין דער זאַך? ווייל כדי צו באַאיינפלוסן אַנדערע מוז מען אַליין דערין גלויבן. איך האָב געוואוסט אַז אין די אַלע פראַגן בין איך ביי זיך ניט זיכער, און אַז ערשט זייענדיק אויפן אָרט, וועלן די פראַגן מוזן פאַרענטפערט ווערן. דעריבער האָב איך מיך גע־

www.libtool.com.cn

פרעגט, ווי אַזוי פּאַלעסטינע וועט אויף מיר ווירקן? מערערע מאָל האָב איך זיך שטאַרק געשראָקן, ווייל כ׳האָב ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ ווענדונג מיינע געדאַנקען וועלן אָננעמען. וועל איך פאָרן אַהיים אַ גליקלעכער, מיט אַ נייעם וועג אין לעבן? אָדער וועל איך געצוואונגען זיין אומצוקערן זיך אַן אַנטוישטער און פאַראומערטער? אָט מיט אַזעלכע געדאַנקען באַהאַלטן טיף אין זיך האָב איך זיך אַרומגעטראָגן דעם גאַנצן וועג. און ווען דער באַן פון קאָנטאַרע קיין לוד האָט זיך געטראָגן אין דער מדבר, און ווען איך האָב פון דער ווייטנס דערזען די בערג פון יהודה, האָבן מיך געשטיקט טרערן און איך האָב ווייטער ניט געוואוסט, צי איז דאָס אַ סימן פון אַ קורץ דויערנדיקער אָדער פּערמאַנענטער ווירקונג. איך בין געקומען אין לאַנד און דאָ האָט באַלד פּאַסירט דאָס אומדערוואַרטע. פון אָנהייב האָב איך ווייטער ניט געוואוסט וואו איך האַלט מיט זיך. געוויס, איך האָב געפילט פאַר די ליידנדע. אָבער וואָלט איך דען ניט געפילט פאַר זיי ווי אַן אינטערנאַציאָנאַליסט?

איצט, זייענדיק דאָ 8 וואָכן, און נאָך אַ גרינדלעכע איבערטראַכטונג אויף אַלע אופנים, בין איך גליקלעך דיר צו זאָגן, אַז מיין צווייטע פראַגע איז פאַרענטפערט געוואָרן צו מיין פולשטענדיקער צופרידנקייט. איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אינטערנאַציאָנאַליזם היינט־צו־טאָג איז אַ נאַרישע פראַזע. אַז יידן, אויב זיי מיינען ערנסט אויפצוהאַלטן זייער פאָלק, מוזן האָבן אַ לאַנד. אַז דער צופאַל פון דער לעצטער מלחמה, וועלכער האָט צוריקגעגעבן די יידן זייער אַלט לאַנד, וואַרפט אַרויף אַ חוב אויף יעדן ייד צו טאָן אַלץ, וואָס איז נויטיק, צו העלפן דאָס לאַנד בויען. אַלע צווייפלען, וועלכע האָבן מיך געמוטשעט, זיינען פאַרשוואונדן. ניט נאָר גלויב איך אין דער נויטיקייט פון מיין אַרבעט, נאָר אויך אין דער אויספירבאַרקייט פון אַלע פּלענער. עס וועט זיין אַ שווערע, אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט, אָבער דאָס שרעקט מיך ניט אָפּ. ווען איך טראַכט וועגן די קרבנות, וואָס אַנדערע יידן האָבן דאָ געברענגט אין לאַנד פאַר די 40־50 יאָר, ווען איך טראַכט וועגן די הונדערטער יונגע לייט, וואָס זיינען מקריב היינט צו טאָג אַלץ, וואָס זיי האָבן, צוזאַמען מיטן לעבן, אַבי אויפצוהאַלטן דעם ישוב, דאַן פאַרשווינדט יעדער שאָטן פון שוועריקייט. שאַפן אַן אינדוסטריע איז שווער, אָבער שאַפן אַ ישוב צווישן אַ ווילד פאָלק איז פיל שווערער. און דאָס האָבן געטאָן מיט גרויסע קרבנות די יידן דאָ אין לאַנד. היינט טרעפט מען דאָ אויף טריט און שריט סימנים פון אַ ציווילזאַציע, וועלכע איז דאָ נישט געוועזן פריער. ווען ניט די יידן מיט זייער עקשנות, וואָלט איצט די ענגלישע רעגירונג ניט געהאַט וועמען

www.libtool.com.cn

אַפּצוגעבן דאָס לאַנד. און איך בין דאַנקבאַר דעם צופאַל וואָס האָט מיך צוזאַמענגעבראַכט אָט מיט די מענטשן. לעבנדיק מיט זיי צוויי חדשים האָב איך פאַרשטאַנען, וואָס ס׳הייסט זיין אַ ציוניסט. דאָס לעבן דאָ אין לאַנד האָט פאַרענטפערט אַלע פראַגן. איצט ווייס איך באַשטימט, וואָס איך בין, וואָס איך וויל, און וואָס עס איז מיין ציל.

די דריטע פראַגע איז געווען, און איז נאָך ביז היינט, ווי אַזוי וועל איך טרעפן מיינע עלטערן? מיט איבער 22 יאָר צוריק, ווען איך האָב זיי פאַרלאָזן, בין איך נאָך געווען צו יונג צו האָבן אַ מיינונג וועגן זיי. עס איז נאַטירלעך, אַז קינדער זאָלן ליבן זייערע עלטערן, אפילו ווען זיי זיינען ניט פון די בעסטע מענטשן. עס איז דאָך אייגן פלייש און בלוט. מיט מיר איז דאָס אָבער ניט געווען דער פאַל. איך האָב זיי די אַלע יאָרן ניט בלויז געליבט ווי אַ קינד ליבט די עלטערן, נאָר איינפאַך פאַרגעטערט. און ווי מיר דוכט זיך ביז היינט צו טאָג, ליב איך זיי דערפאַר, ווייל זיי זיינען טאַקע אידעאַלע מענטשן. ווען איך טראַכט פון מיין פאָטער — מוטער — ברודער און שוועסטער זע איך פאַר זיך ניט בלויז 4 אייגענע מענטשן, נאָר 4 סימבאָלן פון דעם העכסטן וואָס מענטשן קענען דער־גרייכן. איז אַזוי לאַנג ווי די אויסזיכטן זיי צו זען זיינען געווען וויט, האָב איך ניט אַריינגעטראַכט, צי מיין מיינונג איז געווען אַ פּינקטלעכע צי ניט. אַזוי שנעל אָבער ווי איך האָב פאַרלאָזט אַמעריקע, און ווען די אויסזיכט זיי צו זען איז געוואָרן אַ פראַגע פון וואָכן, האָב איך זיך גע־פרעגט, צי איז ניט אַמאָל מיין מיינונג וועגן זיי דער רעזולטאַט פון לאַנגע יאָרן בענקשאַפט; די פראַגע בלייבט נאָך פאַרענטפערט צו ווערן. און דאָס האַרץ שרעקט זיך פאַר דער מעגלעכקייט צו טרעפן זיי אַנדערש ווי איך האָב זיי אַלע יאָרן געדענקט. עס ווילט זיך ניט אַראָפּפאַלן פון עפּעס גרויס פון אויסערגעוויינלעכן. פאַר מיר וואָלט דאָס געווען אַ טראַ־געדיע.

גריס די קינדער און יעדן ג״פ.

דיין, ישראל

www.libtool.com.cn

## קאַפּיטל ניין

# איזידאָרס בריוו פון סאָראָקע

סאָראָקע, אויגוסט 18, 1920

ליבע, טייערע עליזה!

זינט איך האָב פאַרלאָזן ארץ־ישראל מיט דריטהאַלבן חדשים צוריק האָב איך נישט געהאַט קיין צייט און קיין מעגלעכקייט איבערצוגעבן דיר מיינע איינדרוקן פון מיין רייזע. וועל איך מיך באַמיִען צו געבן דיר אַ פול בילד.

ווען איך האָב געזאָגט אין מיינע פריערדיקע בריוו, אַז די רייזע איז אַ שווערע, האָב איך געזינדיקט. באַלד ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין טריעסט און האָבן אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן פאָרן ווייטער, האָבן מיר איינגעזען, ווי ווייט איראָפּע איז געווען רואינירט.

קודם כל איז אונדזער קופערט אָוועקגעשיקט געוואָרן אין אַן אומ־באַקאַנטער ריכטונג. נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשיכטע מיט קריגן וויזעס אין די פאַרשיידענע קאָנסולאַטן, קריגן אַ בילעט אויף דער שיף און אַזוי ווייטער. אין אַמעריקע געהערט דאָס אַלץ צו די קלייניקייטן, אָבער דאָ קומט אָן יעדע זאַך, יעדע וויזע און יעדער בילעט ממש ווי קריעת ים־סוף. אָן כאַבאַר און אָן פּראָטעקציע רירט זיך דאָ קיין שום זאַך נישט פון אָרט. ענדלעך האָבן מיר זיך סוף־כל־סוף אַדורכגעשלאָגן קיין בוקאַרעשט און דאָ האָבן מיר אָנגעטראָפן אַ פיל ערגערע לאַגע ווי אין טריעסט.

די רומענישע רעגירונג האָט איינגעפירט אַזאַ אָרדענונג, וועלכע איז נאָך פיל ערגער ווי אין אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד. יעדער מוז זיך דאָ מעלדן צו דער פּאָליציי, שטיין לאַנגע שעהען אין דער ריי און אויף שריט און טריט געבן כאַבאַר.

דאָס געלט, וואָס דו האָסט אַהער טעלעגראַפירט, איז דאָ נאָך נישט געווען. איך האָב שפּעטער, פאַר מיין אָוועקפאָרן, אויס־געפונען, אַז דאָס איז אַ שווינדל פון דער באַנק צו פאַרהאַלטן אַלע געלטער און זיך דערווייל מיט זיי באַנוצן. קלאָגן זיך איז נישטאָ פאַר וועמען, ווייל עס איז דאָ בכלל נישטאָ כמעט קיין געזעץ. און וואָס שייך מענטשלעכקייט — איז אָפּגערעדט. דער נעכטיקער אָרעמער ציגיינער איז פלוצלונג רייך געוואָרן. וויבאַלד ער האָט באַקומען גרויסע טעריטאָריעס מיט אַ גרויסער באַפעלקערונג, איז ער, דער נייער ביוראָקראַט, פאַרשיכורט געוואָרן פון דעם זיג. ער טוט נישט עפּעס אַנדערש ווי עסט און טרינקט, צאַפּט דאָס בלוט ביי דער באַפעלקערונג און טראַכט נישט וועגן איינ־

www.libtool.com.cn

פירן אין לאַנד אַן אָרדענונג. אויך אין רוסלאַנד פלעגט מען צאָלן „נאַלאָגן”, אָבער אין פאַרגלייך מיט די איצטיקע רומענישע „נאַלאָגן” זיינען יענע געווען אַ שפּאַס.

אין רומעניע צאָלט מען איצט פאַר יעדער זאַך אַ טעקס (שטייער), אַפילו דאָס סאַמע אָרעמסטע ציגיינער־מיידל, וועלכע טראָגט אַ מולטער מיט געזאָדענע פּאַפּשויעס אויפן קאָפּ, פון וועלכע זי דערנערט זיך, מוז אויך צאָלן אַ טעקס. אין רוסלאַנד פלעגט מען געבן שמיץ מיט אַ נאַגייקע בלויז צו פּאָליטישע אָדער קרימינעלע פאַרברעכער, דאָ אָבער האָט מען איינגעפירט צו פינף־און־צוואַנציק שמיץ פאַר יעדן איינעם, פרוי און מאַן; מען דאַרף דערצו נישט זיין קיין פאַרברעכער, עס איז גענוג אַז עמעצער זאָל אויף עמעצן אָנווייזן, אַז ער האָט עפּעס „געזאָגט” און גלייך הייבט אָן צו אַרבעטן די נאַהייקע.

פון דעם ביסעלע, וואָס איך דערמאָן דאָ, איז דיר לייכט צו האָבן אַ פאָרשטעלונג ווי אומאָנגענעם איך האָב מיך געפילט די ערשטע טעג אין רומעניע. אָבער דאָס פאָרן מיינס איז געווען פאַר מיר אַ ציל פון לעבן, אַ חלום, צו וועלכן איך האָב געשטרעבט אין משך פון איבער צוויי און צוואַנציק יאָר און דער חלום מיינער איז געווען צו זען מיינע עלטערן אין סאָראָקע. בלויז צוליב דעם האָב איך געקאָנט לייכטער אַרונטערשלינגען די אַלע באַליידיקונגען, וועלכע אַ מענטש מוז דאָ אויסשטיין און איך האָב מיך מיט די לעצטע כוחות געהאַלטן ביי דעם קאָמפּאַס, וועלכער האָט מיר אָנגעוויזן די ריכטונג: סאָראָקע... נאָך עטלעכע טעג פּלאָגענישן, פון אויסשרייבן זיך און איינשרייבן זיך און פון טויזנטער אַנדערע אומבאַקוועמלעכקייטן, האָב איך מיך ענדלעך אַרויסגעריסן פון בוקאַרעשט קיין יאַססי. אַ מידער און אַ צעבראָכענער פון שטיין פיר און צוואַנציק שעה אויף די פיס אין דער ענגער און שמוציקער באַן, בין איך דערפאָרן קיין יאַססי. איך בין דאָרט פאַרפאָרן אין אַ יידישן האָטעל אַריין, וואו איך האָב מיך גענומען נאָכפרעגן אויף דעם וועג ווייטער. איך האָב מיך דאָרט אָפּגערוט עטלעכע שעה און בין צוריק אַוועק אין דער שמוציקער קאַזאַרמע, וועלכע ווערט דאָ אָנגערופן „באַנהאָף”. דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע שטופּעניש צו באַקומען אַ בילעט און נאָכדעם צו פאַרכאַפּן אַ פּלאַץ אין וואַגאָן.

אויפן באַן־וואָקזאַל האָב איך געהאַט דעם ערשטן גרוס פון סאָראָקע. איך האָב דאָרט באַמערקט אַן עלטערע פרוי מיט אַ ייִנגערער, וועלכע זיינען געשטאַנען ביי דער זייט און האָבן אויף מיר געקוקט. די ייִנגערע איז מיר געווען אַ ביסל קענטיק און איך האָב איר געפרעגט, פאַרוואָס

www.libtool.com.cn

זי האָט זיך אויף מיר אַזוי פאַרקוקט. זי האָט מיר דערויף געענטפערט מיט אַ פראַגע:

— אייער נאָמען איז נישט אַמאָל איזידאָר?

ערשט איצט האָב איך זי דערקענט. דאָס איז געווען רייזע כיטראָן פון דאָברעוועןן, וועלכע האָט אַמאָל געהאַט פאַר אונדז געאַרבעט צוזאַמען מיט אַ שוועסטער אויף 210 ביינברידזש סטריט. אין וואַגאָן האָט זי מיר דערציילט, אַז זי איז אַהיימגעפאָרן פון אַמעריקע מיט אַ חתן, זי וואוינט ביי לייבוש אַנדערזאָן אין סאָראָקע. איצט איז זי קראַנק געוואָרן און זי פאָרט צו אַ דאָקטאָר קיין יאַססי.

אין דעם זעלבן וואַגאָן האָב איך געטראָפן ניסל שוחטס זון, אַ ייד מיט אַ גרויער באָרד. ער האָט מיר אָפּגעגעבן אַ פיל בעסערן גרוס. ווען איך האָב אַ קוק געטאָן אויף זיין גרויער באָרד און אויף זיינע מלבושים האָב איך גוט געוואוסט, וואָס אין סאָראָקע הערט זיך. ער האָט זיך שטאַרק מיט מיר דערפרייט. די באַגעגעניש האָט אים דערמאָנט אין אונדזערע קינדער־יאָרן, ווען מיר האָבן ביידע געלערנט אין זעלבן בית מדרש און ער האָט פאַר מיר געעפנט זיין האַרץ.

— ישראליק — האָט ער געזאָגט — דו קוקסט מיך אָן, האַ? אַן אַלטער ייד געוואָרן, האַ? וואָס איז דער חידוש? שוין צוואַנציק יאָר ווי איך האָב חתונה געהאַט, געוואוינט אין דאָברעוועןן, אַ דאָרף, געווען דאָרט שוחט און געהאַט בכבוד פּרנסה, ביז עס איז געקומען די מלחמה און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטעלעניש צום פּריזיוו. פון די יידן אין דאָרף איז קיינער נישט געבליבן, בין איך דערי־בער אַוועק קיין סאָראָקע און דער טאַטע האָט מיר אָוועקגעגעבן אַ דריטל פון זיין שחיטה. איך האָב אַ שטוב מיט דערוואַקסענע קינדער. פון וואַנען צו מאַכן אַ לעבן איז נישטאָ, האַנדל איך צו ביסלעך אונטער. איך בין איצט געווען מיט מיין שוואָגער אין יאַססי און געקויפט דאָרט אַ ביסל פּאָדעם. אפשר וועט גאָט העלפן און איך וועל עפּעס דערביי פאַרדינען.

איך בין געזעסן אַ דערשלאָגענער, האָב אויף אים געקוקט און האָב מיר געטראַכט, ווי עס זעט אויס מיין טאַטע, מיין מוטער, מיין ברודער. אין וואַגאָן איז דערווייל באַוואוסט געוואָרן, אַז עס פאָרט אַן אַמעריקאַנער און אַ פּאַלעסטינער און די אָפּטיילונג, וועלכע האָט בלויז פּלאַץ פאַר דריי מענטשן, איז געוואָרן געפּאַקט דערשטיקט צו ווערן. יעדער האָט געוואָלט קריגן אַ גרוס פון זיינע קרובים. אַנדערע האָבן זיך נאָכגעפרעגט אויף פּאַלעסטינע.

די באַן, וועלכע איז געווען בלויז אַ פּראָוויזאָרישע, אַ געמאַכטע אין

www.libtool.com.cn

דער צייט פון קריג, איז געפאָרן זייער לאַנגזאַם און האָט זיך אַלע פּאָר מינוט אָפּגעשטעלט. יעדעס מאָל, ווען די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט האָט דער עולם זיך אַראָפּגעכאַפּט, האָט געקויפט אַ ביסל ווײַנשעל פּאַר אַ קערבל, האָבן אויפגעבונדן די פּעקלעך און צוגעגעסן סאָראָקער ברויט.

און אָט איז צוגעפאַלן די נאַכט און מען איז געזעסן אין דער פינצטער און גערעדט וועגן די יידישע צרות. יעדער האָט אַחוץ זײַנע אייגענע בעסאַראַבער צרות געהאַט אויך אוקראַיִנער צרות. און אַזוי איז מען אַרום עלף אַזייגער אָנגעקומען קיין בעלז. אויף דער סטאַציע אין בעלז איז געוואָרן אַ טומל. יעדער האָט אין דער פינצטער געכאַפּט זײַן פּעקל. עס האָבן זיך געהערט רופערייען פון יידישע נעמען. ניִשט זעענדיק זיך אין דער פינצטער האָט מען פון אַלע זײַטן געשריגן:

— יאַנקל! חיים! משה, וואו ביסטו?

— האָסט אַלע פּעקלעך? האָסט גאָרנישט פאַרגעסן אין וואַגאָן?

איך בין געווען צעטומלט. נאָר דאָ האָט דער אַלטער־יונגער אהרן שוחט מיך ניִשט אָפּגעלאָזט, ער האָט באַקומען עפּעס אַ פורל מיט אַ פערד און ער האָט מיך אַוועקגעפירט אין אַ גאַסטיניצע.

אין דער קרעטשמע האָט אַ פרוי מיט אַ קינד אויף דער האַנט געמאַכט פאַר אונדז דעם סאַמאָוואַר. דער בעל הבית מיט נאָך עטלעכע יידן, וועלכע האָבן זיך דערוואוסט, אַז איך בין דער אַמעריקאַנער, זײַנען געזעסן מיט מיר ביי אַ גאַז־לאָמפּ און אַזוי האָט מען גערעדט וועגן אַמעריקע און וועגן פּאַלעסטינע ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אין דער פרי האָט דער בעל הבית געבראַכט דײַן פעטער יודל און בעת מען האָט זיך ווידער צערעדט, פרעגט מיך פלוצלונג די בעל־הביתטע:

— איר זענט ניִשט אַמאָל לאהקעס מאַן?

— יאָ, — האָב איך געענטפערט — פון וואַנען קענט איר לאהקען?

— סטייטש פון וואַנען? איך בין דאָך מלכּה פוקס פון אַזאַרעניץ. איך בין אויסגעוואַקסן מיט אייער פרוי אין איין הויז. טאַטע! — האָט זי גענומען רופן — קום אַרײַן וועסטו זען לאה ברכהס מאַן!

עס איז אַרײַנגעקומען אַן אַלטער און אָפּגעריסענער ייד און האָט מיר דערציילט, אַז דו האָסט געוואוינט אין זײַן הויז. ער האָט מיר אָנגעגעבן אַ סימן: ער האָט דיך ליב געהאַט צו קנייפּן. איך האָב זיי אָפּגעגעבן אַ גערוס פון דיר, פון דער מאַמען און פון היהלען. זייערע דערשלאָגענע אויגן האָבן אויפגעלויכטן. איבער זייערע געזיכטער האָט זיך עפּעס אויסגעשפּרייט אַ שטראַל פון האָפענונג. דער פעטער יודל האָט זיך איינ־

www.libtool.com.cn

געהערט און האָט געקוואָלן. באַלד נאָכדעם האָט ער מיר געשאָפן אַ בעל עגלה צו פאָרן קיין סאָראָקע.

איצט איז צום גאַסטיניעץ צוגעקומען אַ געשפּאַן מיט דריי פערדלעך, אַ געוועזענע „בערזשע”. איינער פון די פּאַסאַזשירן איז געווען אַ יונגער־מאַן, וועמענס פּרוי איז געווען אין סאָראָקע אויף דאַטשע. אויף דער קעלניע איז געזעסן אַן אַלטער ייד אין שטאַרק אָפּגענוצטע מלבושים און נאָך ערגערע שטיוול. דער פעטער האָט מיר פאָרגעשטעלט דעם אַלטן ייד:

— דאָס איז רב משה. ער וועט דיך אם ירצה השם ברענגען קיין סאָראָקע.

דער אַלטער האָט דערביי אַריינגעזאָגט צו זיך אין דער באָרד אַריין:

—אַז גאָט וועט וועלן.

באַלד איז אויך אויסגעוואַקסן אהרן שוחט און האָט געזאָגט, אַז לכתחילה האָט ער געדענקט צו בלייבן אין בעלז עטלעכע טעג, אָבער אַזוי ווי איך פאָר, וועט ער אויך מיטפאָרן. מען האָט פאַר אים געמאַכט פּלאַץ. דער אַלטער האָט גענומען אַ טרונק בראָנפן, האָט געגעבן אַ קנאַק מיט דער בייטש און מען האָט זיך אַרויסגעלאָזט פון דער שטאָט אויף דעם סאָראָקער טראַקט.

דער טאָג איז געווען אַ הייסער. די זון האָט געבאַקן און האָט מיט אירע הייסע שטראַלן אַרויסגעצויגן יעדעס ביסל פאַרב, וואָס איז נאָך גע־בליבן אין די שוין שטאַרק אָפּגעבליאַקירטע מלבושים פון די פּאַסאַזשירן. רב משה האָט געזשאַלעוועט די פערד און האָט זיי געלאָזט גיין לאַנגזאַם. דערפאַר איז דער שטויב נישט געווען אַזוי שטאַרק און דער גלאָק, וועל־כער איז געהאַנגען אויפן מיטלסטן פערד, האָט נישט געמאַכט קיין צו גרויסן ליאַרעם.

צווישן די פּאַסאַזשירן האָט זיך אָנגעהויבן דער אַלטער שמועס — אַמעריקע־פּאַלעסטינע־אוקראַינע און יידישע צרות איבער דער גאַנצער וועלט, איבערהויפּט אין רוסלאַנד. דער אַלטער האָט זיך צו אונדז אומ־געקערט מיט אַן ערנסט פּנים און האָט געזאָגט נאָך אַ לאַנגן שווייגן:

— יידן, איר זעט דעם געשפּאַן? אַחוץ דעם האָב איך אויך אַ שטיקל שטיבל אין בעלז. איך גיב דאָס אַלץ אַוועק, אַבי מיינע זעקס יתומים זאָלן זיך קאָנען אַרויסרייסן פון דעם גיהנום. איך בין שוין אַלט, איך וועל שוין ווי עס איז אָפּפינצטערן די עטלעכע יאָר, וועלכע גאָט האָט מיר געשענקט, אָבער מיינע קינדער — וואָס וועט זיין מיט זיי? די פּרנסה איז די לעצטע יאָרן נישט קיין גוטע, מיין ווייב איז פאַראַיאָרן געשטאָרבן

www.libtool.com.cn

פון די מאַמעליגעס, וועלכע זי האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן און זי האָט מיך איבערגעלאָזט מיט זעקס ווערים. וואָס וועט זיין פון זיי? ווען מען זאָל מיך לאָזן, וואָלט איך דעם געשפּאַן אַוועקגעפירט קיין ארץ ישראל, אפשר וועט דאָרט עפּעס פון זיי ווערן. אָבער דאָ? אַך, מיינע קינדער, קינדער, וואָס וועט ווערן פון אייך?

איך האָב אים געפּרואווט טרייסטן און ער האָט געענטפערט:

— גאָט שטראָפט אונדז, ווייל עס זיינען דאָ צווישן אונדז שלעכטע יידן. פאַר יאָרן האָבן יידן אויסבאַהאַלטן דעם מעל און האָבן דערפאַר פאַרלאַנגט הונדערט און פופציק רובל אַ פונט. אַן אָרעמאַן ווי איך האָב נישט געקאָנט באַצאָלן און האָב געהאָדעוועט מיין ווייב מיט פּאָפּשוי־מעל, האָט זי קראַפּירט. די פערד מוז איך אָפּהיטן ווי דאָס אויג אין קאָפּ און געבן זיי צו עסן, און נאָכן באַצאָלן פאַרן האָבער בלייבט פאַר מיר אַ קרענק. אַמאָל זיינען געווען ערלעכע מענטשן, אָבער היינט זיינען דאָ גראַבעזשניקעס. ווען איך וואָלט נישט מורא געהאַט פאַר גאָט וואָלט איך די גראַבעזשניקעס דערשטאָכן. זיי האָבן דערהרגעט מיין פרוי און האָבן מיך איבערגעלאָזט מיט זעקס יתומים. וואָס וועט ווערן פון זיי?

אויף אַזעלכע טענות האָט קיינער נישט געהאַט קיין ענטפער. עס איז געוואָרן שטיל, יעדער האָט זיך געזען אין זיין וועלטל. דער אַלטער האָט זיך צו אונדז אויסגעדרייט מיטן רוקן, האָט גענומען די לייצעס אין די הענט און האָט לאַנגזאַם געפירט זיין טראַיקע אויף דעם אויסגעטראָטענעם וועג. פון ביידע זייטן האָט מען געזען לאַנגע שטרעקעס מיט הויכע „שאָנעשניקעס”, פּאָפּשויעס און ווייץ. פון צייט צו צייט האָט מען געזען ווי פויערים האָבן אַרונטערגענומען דעם ווייץ און האָבן אים אָנגעלייגט אין קליינע בערגלעך. מאַנכע פויערים, וועלכע האָבן ניט געוואָלט אַרבעטן אין אַזאַ היץ, האָבן זיך געלייגט שלאָפן אין שאָטן פון וואָגן און האָבן געלאָזט די אָקסן זיך פּאַשען.

דער הימל איבער אונדז איז געווען אַ קלאָרער און אַ ביסל אַ בלויַלעכער. מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן עטלעכע קרעניצעס. משה, אַ געניטער מענטש, האָט גוט געוואוסט וואו דאָס וואַסער איז בעסער און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי זיין באַליבטער קרעניצע. ער האָט פריער אָנגעטרונקען די פערד און האָט דאַן אַליין אַ זופּ געטאָן פון זעלבן עמער, האָט אָפּגעווישט דאָס מויל מיטן עק פון זיין רעקל, האָט פאַררויכערט אַ צוזאַמענגעדרייט סיגאַרעטל און מיר זיינען געפאָרן ווייטער.

איך בין געזעסן אויפן וואָגן און פאַר די אויגן מיינע האָט אויפגעשיינט אַ קלאָר בילד, ווי אַזוי איך בין מיט צוויי און צוואַנציק און אַ האַלב יאָר

www.libtool.com.cn

צוריק אָפּגעפּאָרן פון סאָראָקע מיט טוביה בעל עגלה, ווי איך בין געקו־מען קיין אַמעריקע, ווי איך האָב גענומען בענקען נאָך סאָראָקע און האָפן, אַז איך וועל נאָך אַמאָל צוריקקומען, און איך האָב יעדן טאָג פון מיין זיין אין אַמעריקע געטראַכט וועגן סאָראָקע. און איצט פירט מיך רב משה צוריק קיין סאָראָקע — איז עס נישט קיין חלום? איך האָב אים גע־פרעגט, ווי לאַנג דער וועג וועט נאָך נעמען און ער האָט מיר געענטפערט, אַז גאָט וועט וועלן וועלן מיר דאָרט זיין אין אַ צוויי שעה אַרום. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל אויפן וועג זיך אָפּשטעלן אין דאַבריוועץ, ווייל איך דאַרף דאָרט אָפּגעבן געלט צו צוויי מענטשן. באַלד זיינען מיר טאַקע אָנגעקומען אין דער קאָלאָניע דאַבריוועץ.

גלייך ווי עס האָט זיך דערהערט דער גלאָק פון וואָגן האָבן זיך אָנ־געהויבן צו באַווייזן יידישע פּנימער פון זייערע קליינע, מיט שטרוי באַ־דעקטע שטיבלעך. איך האָב מיך געפרעגט אויף מיינעם אַ קרוב שמואל חושך און האָב אויסגעפונען, אַז ער איז שוין פון לאַנג טויט, נאָר אַז זיינע אַ טאָכטער וואוינט אין דעם שטעטל. מען האָט מיר אָנגעוויזן דאָס שטיבל און איך בין דאָרט אַרונטער. די אָרעמע קרובה האָט נעבעך נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. זי האָט מיך געוואָלט מכבד זיין מיט עסן, טרינקען, אָבער וועמען איז דאָס איצט געלעגן אין קאָפּ?

איר שטיבל איז באַלד געוואָרן באַלאַגערט און יעדער האָט געוואָלט אַ גרוס פון זיינע אַמעריקאַנער קרובים. דער לערער פון שטעטל, אַן אינטעליגענטער יונגערמאַן, האָט געוואָלט אַ גרוס פון פּאַלעסטינע. און אַזוי אַרום, אַ באַלאַגערטער פון יידן, פרויען און קינדער, האָב איך מיך קוים אַרויסגעריסן פון שטעטל אונטער אַן אַלגעמיינעם רוף: גאָט זאָל אייך ברענגען בשלום און איר זאָלט טרעפן אייערע עלטערן געזונט און שטאַרק.

און ווידער בין איך געזעסן אין וואָגן און האָב זיך אַליין נישט געגלויבט, אַז אין אַ שעה אַרום וועל איך זיין אין סאָראָקע. וועמען וועל איך דאָרט טרעפן? ווי אַזוי וועלן זיי אויסזען? אהרון שוחט האָט מיך אויפגעוועקט ווי פון אַ שלאָף:

— זעסט, ישראליק, דעם באַרג, וואָס קומט אונדז אַנטקעגן? אויף דער צווייטער זייט באַרג וועלן מיר אַדורכפאָרן ציקיניפּקע און פון דאָרט קאָן מען שוין זען פון דער ווייטנס סאָראָקע.

איך האָב פאַררויכערט איין סיגאַרעט נאָכן צווייטן, כדי צו פאַר־טרייבן די צייט. באַלד זיינען מיר געוועזן פון דער צווייטער זייט באַרג און זיינען פאַרבייגעפאָרן ציקיניפּקע. אהרן האָט מיר אָנגעוויזן אויפן שפּיץ

www.libtool.com.cn

פון אַ קלויסטער: „דאָס איז דער קלויסטער, וועלכער שטייט אויפן סאָראָ־קער באַרג". אין דאָזיקן מאָמענט האָט אהרן שוחט זיך אָפּגערופן צו רב משהן:

— איר וועט זיך אָפּשטעלן לעבן באַרג און איך וועל לויפן אָנזאָגן זיינע עלטערן די בשורה.

אָבער רב משה האָט אים געענטפערט:

— דו זעסט די „פּיזשילע"? איך וועל זי צעברעכן איבער דיין קאָפּ, אויב דו וועסט מיר אויסכאַפּן די מצווה. איך גיב נישט אַוועק די מצווה פאַר אַלע געלטער, וועלכע איר באַצאָלט מיר פאַר דעם וועג. די מצווה איז מיינע. גאָט האָט מיר צוגעשיקט אַזאַ פּאַסאַזשיר, וועל איך קיינעם ביי מיר די מצווה נישט לאָזן אויסכאַפּן...

אַלע האָבן צוגעגעבן, אַז משה איז געווען גערעכט. עס איז געבליבן, אַז באַלד, ווי מיר וועלן אַרונטערפאָרן דעם סאָראָקער באַרג, וועל איך אַרונטערגיין פון וואָגן און וועל גיין צופוס און ער וועט מיט די זאַכן צופאָרן צום טאַטנס הויז און וועט אים אָנזאָגן די בשורה, אַז איך קום.

באַלד זיינען מיר טאַקע אָנגעקומען אויפן סאָראָקער וועג. איך האָב דערקענט די הייזער. איך האָב דערקענט פון דער ווייטנס דעם שלאָס, די גרויסע שול, די אָפּראַווע, דעם מאַרק, דעם דניעסטער און דאָס דאָרף פון יענער זייט טייך. לאַנגזאַם האָט זיך דער וואָגן געשלעפּט באַרג־אַראָפּ און מיינע אויגן זיינען געווען צוגעשמידט צו יעדן פּרט. ביי אַרלע־ניקאָווס הויז בין איך אַרונטער פון וואָגן און האָב אָנגעהויבן צו שפּאַנען איבער די שמאָלע טראָטואַרן.

## ס אָ ר אָ ק ע

איך האָב באַלד דערהערט ווי ווייבער האָבן זיך איבערגעשריגן פון די הייזער: „אָט דאָרט, אין וואָגן, פאָרט בערלס זון פון אַמעריקע". איך האָב געזען ווי מען איז נאָכגעלאָפן דעם וואָגן צו כאַפּן אַ קוק. איך האָב זיך פאַרדרייט אין אַ זייטיק געסל און האָב אַ באַרוישטער געשפּאַנט ווייטער. דאָס האַרץ האָט מיר געקלאַפּט ווי מיט האַמערס. צום ערשטן מאָל זינט איך האָב אָנגעהויבן די רייזע האָב איך מיך געפילט אַזוי שטאַרק נערוועז. איך האָב לאַנגע יאָרן געחלומט וועגן די דאָזיקע מינוטן און אָט שטייען מיר די מינוטן פּנים אל פּנים. גאָט! גיב מיר כוח צו קאָנען אַריבערטראָגן דאָס גליק!

איך בין אָנגעקומען אין אַ געסל, וואָס האָט לויט מיין חשבון מיך געדאַרפט אַוועקפירן דירעקט צו מיין פאָטערס קלייט. אָט בין איך ביים

www.libtool.com.cn

עק פון דער גאַס און זע, ווי די גאַס איז פול מיט מענטשן. דאָס הויז איז פולשטענדיק באַלאַגערט. די סצענע האָט מיך נאָך מער אויפגערעגט. איך האָב אַ טראַכט געטאָן וועגן פאָטער, וועלכער איז אַ שוואַכער מענטש און ווי אַזוי די סצענע וועט אויף אים ווירקן. אומבאַמערקט בין איך צוריקגעגאַנגען און האָב באַשלאָסן צוערשט צו גיין צו מיין מומע רחל. ווען איך בין אָנגעקומען צו איר אין קלייט אַריין האָב איך דאָרט געטראָפן אירע קינדער, וועלכע האָבן מיך נישט געקענט און וועלכע איך האָב נישט געקענט. דער פעטער און די מומע זיינען געווען ביי מיינע עלטערן און האָבן אויף מיר דאָרט געוואַרט. איך האָב געזאָגט די קינדער, ווער איך בין און האָב געשיקט רופן די מומע. איך האָב דערווייל זיך אַ ביסל אַרומגעוואַשן און האָב מיך באַרואיקט. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און די מומע איז אָנגעקומען און נאָכן באַגריסן זיך האָט זי מיר אָפּגעגעבן אַ באַריכט, אַז דער עולם איז זיך אַ ביסל צעגאַנגען און אַז דער טאַטע פילט זיך גוט. איך בין באַלד אַרויס און האָב זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון די עלטערנס הויז מיט דער שוסטער־גאַס. אָבער סאָראָקע איז נישט געשלאָפן. איבערהויפּט די יינגלעך. אַ גרויסע חברה מיט יינגלעך האָט מיך באַגלייט ביז אין הויז אַריין.

ווען איך בין אַריין אין הויף האָב איך צום ערשטן דערזען די מאַמע, ווי זי איז געשטאַנען און האָט מיך אָפּגעוואַרט. זי האָט זיך נישט פאַרלוירן. זי האָט מיך אַרומגענומען, צוגעדריקט צום האַרץ און שטיל געזאָגט:

— גאָט האָט דיך צוריקגעבראַכט.

זי האָט מיך אַריינגעפירט אין הויז אַריין, וואו דער טאַטע איז אַקעגנגעקומען אַ בלאַסער און האָט געמאַכט אַ ברכה. באַלד איז צו מיר צוגעקומען מיין ברודער מיט אַ שוואַרצער באָרד און אַ גרויען קאָפּ; ברכה מיט איר חתן און חיים מיט חנהלע, מאָטלס קינדער. איך געדענק איצט נישט גענוי, אָבער די שטוב איז דאַכט זיך פול געווען מיט מענטשן. ווען די מומע רחל איז אָנגעקומען און האָט דערזען, ווי שטאַרק איך בין געווען אויפגערעגט, האָט זי געבעטן, אַז דער עולם זאָל אונדז איבערלאָזן אַליין.

אין אַ פּופּצן מינוט אַרום האָב איך מיך באַרואיקט און האָב מיך אָנגעהויבן צו פילן נאָרמאַל. אויפן טיש זיינען געשטאַנען אָנגעשטעלט פאַרשיידענע זאַכן צום עסן. איך האָב עפּעס גענומען אין מויל אַריין און האָב אָנגעהויבן באַטראַכטן יעדן פון מיין קליין משפּחהלע באַזונדער. יאָ, דאָס איז געווען מיין מוטער. ווי שטאַרק זי האָט זיך געענדערט! ווען איך האָב זי פאַרלאָזן איז זי געווען אַ מיטליעריקע פרוי פון אַ יאָר פערציק,

www.libtool.com.cn

שלאַנק מיט אַ גלאַט געזיכט. היינט איז זי געבויגן, מיט ווייניק ציין אין מויל, דאָס פּנים געקנייטשט, די אויגן מאַט. ווי אַ קינד, וואָס לערנט זיך ערשט רעדן, האָב איך געזאָגט „מאַמע", וואָס איך האָב שוין אַזוי לאַנג נישט געזאָגט. ווען איך האָב דאָס געזאָגט, האָב איך מיך שטאַרק אין איר איינגעקוקט און עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז איך רעד אין חלום. קוקנדיק אויף איר האָב איך געזען, וואָס זי האָט איבערגע־לעבט אין די לעצטע צוויי און צוואַנציק יאָר. מיט מיין אַוועקפאָרן איז זי איבערגעבליבן כמעט אַליין, ווייל בלויז פּאַר מיר פלעגט זי זיך קאָנען אויסרעדן דאָס האַרץ. מיט אַנדערע איז זי געווען צו שטאָלץ. פון דעמאָלט אָן האָט זיך פאַר איר אָנגעהויבן אַ לאַנגע ריי יאָרן פון שווייגן, בלויז פון צייט צו צייט איז געקומען אַ קורצער איבעררייס, ווען זי האָט פון מיר דערהאַלטן אַ בריוו. זי פלעגט אים לייענען אין אָוונט, ווען אַלע זיינען שוין געשלאָפן און האָט אים באַנעצט מיט טרערן. זי האָט אַלע מאָל געבעטן גאָט, ער זאָל מיך נאָך אַמאָל צו איר צוריקברענגען. פון אַלע אירע צען קינדער זיינען בלויז געבליבן דריי און איינער פון זיי איז פאַרוואָרפן געוואָרן ווייט, ווייט, איבער אַ ים. דערנאָך איז געקומען דאָס אַוועקפאָרן פון ברכה. זי האָט קעגן דעם אַלעם נישט רעוואָלטירט, זי האָט אַלץ אָנגענומען ווי אַ באַשערטע זאַך.

דערנאָך איז געקומען נאָך אַ שווערערע צייט. דער טאַטע איז קראַנק געוואָרן. די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז ער האָט אַ ראַק. זי איז מיט אים געפאָרן קיין אָדעס און עס איז געשען אַ נס — זי האָט אים פון דאָרט צוריקגעבראַכט אַ געזונטן. אָבער באַלד דערנאָך איז געקומען דער קלאַפּ, דער טויט פון מיין ברודערס פרוי. מיין מאַמע האָט געמוזט אויף דער עלטער ווערן אַ מאַמע פון דריי קליינע קינדער. דאָס אָנקוקן יעדן טאָג מיין אָרעמען, דערשלאָגענעם ברודער און מיין שוועסטער, די איינציקע טאָכטער, וועלכע איז מיט יעדן טאָג געוואָרן מער פאַרוויאַנעט, האָט איר נאָך מער פאַרצערט, אָבער זי האָט דאָס אַלץ איבערגעטראָגן, ווי נאָר אַ רעליגיעזע נשמה קאָן איבערטראָגן יסורים. די אַלע איבער־לעבענישן האָבן אָבער איבערגעלאָזט טיפע שפורן אויף איר קערפּער און נשמה.

וועגן דעם אַלעם האָט זי מיר נישט געזאָגט קיין וואָרט, כדי מיר נישט צו פאַרשאַפן קיין עגמת נפש. זי האָט מיר דאָס אָבער נישט געדאַרפט זאָגן. איך האָב געקוקט אויף איר און האָב אַלץ געוואוסט. אפילו אין די בריוו האָט זי מיר וועגן דעם אַלץ נישט דערמאָנט. איך האָב אָבער גוט געקאָנט לייענען אפילו דאָס נישט געשריבענע. איך האָב גוט אַרויס־

www.libtool.com.cn

געפילט איר צער און איר האָפענונג, אַז עס וועט קומען אַ טאָג ווען איך וועל צוריקקומען און פאַרזיסן איר ביטערע עלטער. איצט זיץ איך לעבן איר און האַלט איר האַנט אין מיינער. איך קוק אויף איר און זע, וואָס זי טראַכט: אַז גאָט האָט דערפילט איר פאַרלאַנג, אַז ער האָט איר צוריק־געבראַכט איר זון.

און דאָ זיצט דער טאַטע. אויך ער האָט זיך שטאַרק געעלטערט. אַפילו דעמאָלט, ווען איך בין אַוועקגעפאָרן, איז ער נישט געווען קיין גיבור, איצט אָבער איז ער אַ סך שוואַכער ווי דעמאָלט. אויך ער האָט איבערגע־לעבט שווערע צייטן. ער האָט אַלע יאָרן געצויגן דאָס שטיקל ברויט פון קלייטל און האָט נישט געוואָלט געניסן פון קיינעמס אַ קאָפּיקע, אפילו נישט פון מיר, ווען איך בין שוין געווען אַ פאַרמעגלעכער מענטש. איצט איז ער געזעסן און האָט צו מיר געזאָגט:

— אַזוי ווי יעקב האָט זוכה געווען צו זען יוספן אויף דער עלטער, אַזוי האָב איך זוכה געווען דיך צו זען. און פונקט ווי יוסף איז צוריקגע־קומען צו יעקבן אַ רייכער און אָנגעזעענער מענטש, אַזוי ביסטו צוריקגע־קומען צו מיר — רייך און אָנגעזען...

און אָט זיצט מיין ברודער מאָטל. איך דערקען אים קוים. ווען איך בין אַוועקגעפאָרן איז ער געווען אַ ייִנגל פון אַ יאָר אַכצן און איצט זיצט דאָ אַ ייד מיט אַ פּעך שוואַרצע באָרד און מיט אַ גרויען קאָפּ האָר. ער האָט באַקומען צוגעטיילט דעם ערגסטן גורל. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ יונגער קוזינע, מיט אַ פיינער און געראָטענער פרוי. זי האָט אים געהאָלפן טראָגן דעם יאָך פון פּרנסה, האָט אים געבוירן דריי שיינע קינ־דערלעך. אין געשעפט איז ער געגאַנגען אין פוס־טריט פון זיינע עלטערן, אַלע יאָרן געלעבט בלויז פון דעם, וואָס ער האָט געהאַט און איז קיינעם גאָרנישט געווען שולדיק. איז אָבער געקומען די מלחמה און האָט אים רו־אינירט. צום ערשט האָט ער זיך עטלעכע מאָל געדאַרפט צושטעלן צו מיליטער. נאָכדעם איז אים די פרוי יונגערהייט געשטאָרבן און האָט אים איבערגעלאָזט מיט די דריי קינדער. ער האָט געמוזט אויפגעבן דאָס קלייטל און קומען מיט די דריי קינדער צום טאַטן. אויך זיינע האָפענונגען זיינען געווען פאַרבונדן מיט מיר: „ישראל וועט קומען, וועט ער אים נישט לאָזן זיצן און עסן דעם טאַטנס ברויט". און אָט בין איך טאַקע גע־קומען און זיץ מיט אים ביים זעלבן טיש, וואו מיר פלעגן אַמאָל זיצן ווי קינדער. ער רעדט ווייניק, פון די אויגן זיינע פליסן אָבער טרערן און ווערן פאַרשוואונדן אין זיין שוואַרצער באָרד. איך קוק אויף אים און טראַכט, אָרעמער, אייניציקער ברודער מיינער. איך פאַרשטיי דיין צער. זיי זיכער,

www.libtool.com.cn

אַז איך וועל דיך נישט לאָזן פאַלן, איך וועל דיר לייכטער מאַכן דיין שווער מזל".

און אָט איז מיין שוועסטער ברכה. זי האָט זיך אין די אַכט יאָר, וואָס איך האָב איר נישט געזען, זייער ווייניק געביטן. איר פנים שיינט פון גליק. אַ סך יאָרן האָט זי געחלומט וועגן זען איר ברודער, ביז דער טאָג איז געקומען און זי איז טאַקע געקומען קיין אַמעריקע און שפּעטער איז זי צוריק אַוועק צו די עלטערן און האָט זיי געבראַכט פון מיר אַ גערוס. באַלד איז געקומען די מלחמה מיט אַלע אומגליקן און זי האָט אויך מיטגעמאַכט דאָס גרויסע אומגליק, וואָס האָט געטראָפן מיטן ברודער. דערווייל איז אַוועק אַ יאָר נאָך אַ יאָר, די עלטער האָט זיך גערוקט, אַלע אַנדערע באַ־קאַנטע מיידלעך האָבן שוין חתונה געהאַט און זי האָט נאָך אַלץ געוואַרט אויף איר באַשערטן. זי האָט שטיל געליטן און האָט געהאָפט און גאָט האָט איר טאַקע נישט פאַרלאָזן. צוערשט איז געקומען דער באַשערטער אירער, אברהם, פון לעקסינדרען. דערנאָך איז געקומען מיין בריוו, אַז איך קום צו פאָרן. זי האָט זיך געזען אין איר פאַנטאַזיע, ווי זי גייט געאָרעמט איבער די גאַסן מיט איר באַשערטן פון איין זייט און מיט דעם אַמעריקאַנער ברודער פון דער צווייטער... און אָט איז דער חלום מקוים געוואָרן. זי זיצט איצט ביים טאַטנס טיש מיטן חתן און ברודער און איר פנים שיינט פון גליק. קוקנדיק אויף איר בין איך נישט ווייניקער גליקלעך ווי זי. דאָס איז דאָך אויך געווען מיין חלום, צו זיין ביי איר אויף דער חתונה!

און אָט איז דודל, אַ יינגל פון פופצן יאָר, מיט אַן אידל געזיכט. ער טראָגט דעם נאָמען פון מיין זיידן דוד, וועלכן איך פאַרגעטער ביזן היינ־טיקן טאָג. אויך דודל האָט געהאַט זיין חלק. ער איז געוואַקסן ביי זיין אָרעמען טאַטן, האָט איבערגעלעבט דער מוטערס טויט. האָט זיך אויך פאַר אים איצט אָנגעצונדן אַ שטראַל פון האָפענונג. ער שטייט ביי דער זייט און נעמט נישט אַראָפּ פון מיר דאָס אויג. איך פאַרשטיי אים זייער גוט. מיט איבער צוויי און צוואַנציק יאָר צוריק האָב איך אויך געהאָפט און געוואַרט, אַז מיין פעטער אהרן זאָל קומען פון אַמעריקע און זאָל מיך אַרויסגענומען פון סאַראָקע. האָב נישט קיין מורא, טייערער דוד, איך וועל דיך נישט פאַרלאָזן.

און אָט איז חימל, אַ יינגל פון אַרום זעקס יאָר, אַ ברונעטער, מיט טיפע, שוואַרצע אויגן. ער איז געזונט און רירעווודיק ווי קוועקזילבער. ער געדענקט עפּעס יאָ, אַז ער האָט געהאַט אַ מאַמע ריווע, אָבער ער איז איצט צופיל פאַרנומען מיטן פעטער ישראל. אויף דער וואַנט הענגט מיין

www.libtool.com.cn

בילד און די באָבע האָט אים דערציילט, אַז דאָס איז זיין פעטער פון אַמע־ריקע, ער איז איצט פאַרנומען מיטן גאַסט. ער וויל וויסן, פאַרוואָס איך טראָג ברילן און אַחוץ דעם האָט ער נאָך טויזנט אַנדערע פראַגן.

און אָט איז חנהלע, אַ מיידעלע פון פיר יאָר. אויך זי איז אַ ברונעטע און האָט אויגן, וואָס דערמאָנען אין אַן אַראַבערין. זי איז שעמעוודיק און שאַרט זיך לעבן מיר. איך נעם זי אויף דער שויס און וויז איר דיין בילד און דאָס בילד פון אונדזערע קינדער. זי ווייסט יעדנס נאָמען. פאַר אַ חתן געפעלט איר דוד משה.

איצט איז אין הויז אַריינגעקומען דער פעטער לייב מיט די קינדער: רייזל, שיינע, עטעלע, יאַסקע און חנהלע, מיט וועלכע איך האָב נאָך גע־שלאָסן באַקאַנטשאַפט פריער, ווען איך בין געווען ביי דער מומע רחל אין הויז. דערנאָך האָבן אָנגעהויבן אַריינצוקומען שכנים מיט באַקאַנטע און דאָס הויז איז ווידער געוואָרן פול. איך האָב כמעט יעדן דערקענט און אַלע האָבן זיך געחידושט. סטייטש, נאָך אַזוי פיל יאָרן! עס איז צוגעפאַלן די נאַכט און דער טאַטע האָט געזאָגט צו מיר:

— קום מיט מיר אין טאַלנער קלויז אַריין. די קלויז איז גרויס און לופטיק. דאָרט וועסטו קאָנען ענטפערן יעדן אויף זיינע פראַגעס.

אויפן וועג צו דער קלויז בין איך אַריינגעגאַנגען אָנקוקן זיין קלייט. עס איז דאָרט געווען זייער ווייניק סחורה, די פּאָליצעס זיינען כמעט געווען ליידיק. דער טאַטע האָט געזען מיין פאַרוואונדערונג און ער האָט געזאָגט: דו וואונדערסט דיך, וואָס די פּאָליצעס זיינען כמעט ליידיקע, אָבער פונדעסטוועגן באַטרעפט היינט די קלייט מער ווי אַמאָל. אַ קלעצל מאַקעריי קאָסט היינט פופציק רובל, אַ טוץ פון די דאָזיקע קנעפּלעך — גאַנצע צען. אַחוץ דעם איז איצט גלייכער צו האַלטן וואָס ווייניקער סחורה אויף די פּאָליצעס, ווייל מען קאָן קיינמאָל נישט וויסן, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. פאַראַיאָרן נאָכן פּאָגראָם האָב איך אַלץ באַהאַלטן. אין אוקראַינע וואָלט מען מיך דערפאַר גערופן שפּעקולאַנט און דערשאָסן. דאָ איז נאָך מיט חסד. דו זעסט דאָס קעסטעלע? דאָס איז נאָך דיין אַרבעט, האָסט עס אַליין געמאַכט...

נאָכן אַרויסגיין פון דער קלייט האָב איך צום ערשטן מאָל באַטראַכט די גאַס, וואו איך בין געבוירן געוואָרן און וואו איך בין געוואָרן דער־צויגן. דאָ, אויף דער דאָזיקער גאַס, האָב איך פאַרבראַכט די יאָרן פון מיין קינדהייט. איך האָב געקוקט אויף די הייזער, אויף די צעדרייטע שטיינער, אויף דיביימער, וועלכע איך האָב איבערגעלאָזט אַזוי יונג און דין. די שכנים זיינען געזעסן אין דרויסן און איך האָב געפילט אויף זיך

www.libtool.com.cn

זייערע אויגן. איך האָב געשפּאַנט איבער דער גאַס מיטן טאַטן און יעדער בליק איז געווען אויף אונדז אָנגעהעקלט. בלויז אַ קלײנער טייל הייזער האָט זיך געביטן, עפּעס איז געוואָרן איבערגעבויט אָדער איבערגעפאַרבט, אָבער די שול־גאַס איז געבליבן די זעלבע. די זעלבע איז אויך געווען די אַלטע, גרויסע שול, אין װעלכער עס האָבן, לויט אונדזערע קינדערישע לעגענדעס, ביינאַכט געדאַוונט די מתים. דאָס זעלבע איז אויך געבליבן דאָס גרויסע בית מדרש, אין וועלכן איך האָב פאַרבראַכט אַזוי פיל יאָרן לערנענדיק גמרא און חלומענדיק, אַז ווען כ'וועל אויפוואַקסן וועל איך ווערן אַ מגיד...

די זעלבע טאַלנער קלויז, אין וועלכן עס האָט געדאַוונט מיין זיידע, מיין פאָטער און איך. דאָ האָב איך, אַן אַרומגעהילטער מיט מיין זיידנס טלית, געפילט מיט יעדן נערוו, אַז איך בין אַ ייד. דאָ האָב איך אָנגעהויבן צו לייגן תפילין, און האָב דערפילט, אַז פון איצט אָן בין איך אַ ייד פאַר זיך אַליין און אַז פון איצט אָן דאַרף איך אָפּגעבן אַ חשבון פאַר מיינע אייגענע מעשים. אַלץ געפינט זיך דאָ ווי געווען, דאָס זעלבע קליינע בית המדרשל, דאָס זעלבע שניידערשע שולעכל. בלויז איין זאַך האָט זיך געביטן — אַמאָל האָט מען דאָ, אויף דער גאַס, געהערט די שטימען פון לומדים, דעם ניגון פון גמרא, היינט איז דאָ שאַ, שטיל. איך האָב דאָ געטראָפן בלויז די שיריים פון אַלטן דור, אַ ביסל פון דעם דור, וועמען די לעצטע פאַר יאָר האָט אַלט געמאַכט פאַר דער צייט, און כמעט קיינעם נישט פון יונגן דור.

איך בין אַריינגעגאַנגען אינעווייניק אין קלויז. דער טאַטע האָט גראָד יענעם אָוונט געהאַט יאָרצייט נאָך דער באָבען. ער האָט זיך אָוועקגעזעצט לערנען אַ פּרק משניות. אַרום מיר האָט זיך באַלד אָנגעקליבן אַן עולם. צווישן דעם עולם איז אויך געווען מיין רבי, דער יאַרשעווער מלמד, רב יצחק סופר. זיין פּנים האָט אין משך פון די יאָרן באַקומען די קאָליר פון דעם פאַרמעט, אויף וועלכן ער שרייבט. ער איז געווען דערשטוינט, וואָס ער האָט מיך באַלד דעם ערשטן טאָג פון מיין קומען קיין סאָראָקע געזען אין קלויז.

— דו האָסט נאָך — האָט ער געפרעגט — צייט פאַר דער אַלטער וועלט ?

אָבער פּלוצלונג האָט עמעצער אויסגערופן, אַז עס ברענט. איך האָב אַ קוק געטאָן דורכן פענצטער פון קלויז און האָב טאַקע דערזען אַ רויך. אין אַ רגע אַרום איז קיינער נישט געבליבן אין קלויז. אויך דער טאַטע איז פאַרשוואונדן. איך בין אויך אַרויס אין דרויסן און אַזוי שנעל ווי

www.libtool.com.cn

איך בין אַריין אין דער שוסטער גאַס האָב איך דערהערט קולות פון פרויען און קינדער. יעדער האָט עפּעס געטראָגן אין דער האַנט, אַ מולטערל מיט זאַכן, אַ פּאַרענטש פון אַ בעט. עלטערע פרויען האָבן געבראָכן מיט די הענט פון פאַרצווייפלונג און האָבן געוויינט אויפן קול. די מענער זיינען אַרומגעלאָפן און האָבן געשריגן: „וואסער, וואַסער! וואו נעמט מען וואַסער? די גאַנצע שטאָט וועט אַוועק מיטן פייער!"

ווען איך בין צוגעקומען נענטער האָב איך דערזען אַ גרויסן פלאַם, וואָס איז געקומען פון ערגעץ אַ הויז, נישט ווייט פון מיינע עלטערנס וואוינונג. אַרום איז געשטאַנען אַ גרויסע מאַסע מענטשן. דאָס ערשטע וואָס איז מיר געקומען אויפן געדאַנק איז געווען די עלטערן. איך בין שנעל אַריינגעלאָפן אין הויז און האָב דערזען, אַז אַלץ איז פון דאָרט שוין געוואָרן אַרויסגעטראָגן און באַהאַלטן אין אַ קעלער אַקעגנאיבער. עס האָט געברענט די וואוינונג הינטער דעם הויז פון די עלטערן. עס האָבן זיך אָנגעצונדן די „סטרוזשקעס", וועלכע עס האָט דאָרט געהאַלטן דער סטאָלאַר. איך האָב אינמיטן פון דעם טומל אָפּגעזוכט די טאַטע־מאַמע און האָב זיי אַוועקגעפירט אין אַן אַנדער הויז און אַליין האָב איך מיך צוריקגעקערט זען, ווי עס האַלט מיטן פייער. אויף אַלעמענס דערכער האָט זיך געפונען יונגוואַרג און האָט געקעמפט, אַז דאָס פייער זאָל זיך נישט פאַרשפּרייטן. אַנדערע, אונטן, האָבן געטראָגן עמערס מיט וואַסער, עס האָט געדויערט אַ שעה צייט ביז דאָס פייער איז געוואָרן איינגעלאָשן.

איך בין אַוועק צו די עלטערן און האָב זיי געטרייסט, אַז אַלץ וועט זיך ענדיקן צום גוטן. און אַזוי איז טאַקע געווען. די זעלבע גוטע מענטשן, וואָס האָבן אַרויסגעראַטעוועט פון זייער הויז די זאַכן, האָבן אַלץ צוריקגעבראַכט. עס האָט נישט געפעלט קיין האָר. דער טאַטע, מאָטל און דוד האָבן ביז שפּעט אין דער נאַכט סאָרטירט די קנעפּלעך, וועלכע האָבן זיך צעשאָטן און האָבן זיי פאַרפּאַקט אין די זעק. יעדער האָט געדאַנקט גאָט און האָט זיך געפרייט, וואָס מיינע עלטערנס שמחה איז נישט צעשטערט געוואָרן. די יונגע האָבן זיך געוויצלט, אַז דאָס האָט סאָראָקע מיך אויפגענומען מיט אַזאַ פייערלעכן פּאַראַד. מען האָט אויסגעשטעלט בענקלעך מיט קעסטלעך לעבן קלייט און באַלד איז געוואָרן אַ רעדל מיט מענטשן. מען האָט מיך אויסגעפרעגט, צי איך האָב געזען די קרובים פון אַ סך סאָראָקער איינוואוינער, וואָס געפינען זיך אין אַמעריקע, ווי עס גייט זיי און צי מען קאָן פון זיי באַקומען שטיצע.

עס איז געוואָרן שפּעט אין אָוונט. די מומע רחל האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך אין הויז אַריין, איך זאָל זיין איר טאַסט אַזוי לאַנג ווי איך

www.libtool.com.cn

וועל בלייבן אין סאָראָקע. יעדער פון דער פאַמיליע האָט מיך באַגלייט פון טאַטנס הויז צום פעטער. דאָרט האָבן די קינדער שוין געהאַט צו־געגרייט דעם סאַמאָוואַר און די גאַנצע פאַמיליע האָט ביי אַ גלעזל טיי פאַרבראַכט ביז גאָר שפּעט אין דער נאַכט. נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל האָט מען זיך דערציילט וועגן די שווערע איבערלעבענישן פון די לעצטע צוויי און צוואַנציק יאָר און איבערהויפּט פון די לעצטע מלחמה־יאָרן. עס האָבן נישט געפעלט קיין טרערן, ווען מען איז געקומען צום טויט פון זיידן, פון דער באָבען, פון ריוועלע, פון משהן. עס האָט אויך נישט געפעלט קיין געלעכטער, ווען מען האָט דערמאָנט די קאָמישע איינצלהייטן, ווי אַזוי די מאַמע האָט מיר איינגעפּאַקט די פּלעצלעך, ווען איך בין אַוועק־געפאָרן; ווי אַזוי איך בין געווען צעטומלט, ווען איך בין צוריקגעקומען; ווי אַזוי איך האָב זיך פאַרגעשטעלט פאַר דער מומעס קינדער. יעדער האָט באַדויערט, וואָס דו, מיין טייערע, און אונדזערע טייערע קינדער זיינען דאָ נישטאָ מיט מיר. אָבער נעמענדיק אין באַטראַכט, ווי שווער עס איז מיר געווען דאָ צו דערשלאָגן זיך, זיינען אַלע געווען צופרידן, וואָס איר האָט נישט אונטערגענומען די ריזיקאַלישע רייזע. מען האָט זיך געוואונטשן, אַז עס זאָל זיין שלום אויף דער וועלט און אַז מיר זאָלן זיך אַלע צוזאַמענקומען אויף אַ גוטן אופן און דאַן וועלן מיר פייערן אונדזער אמתדיקע שמחה.

אַזוי האָט זיך געענדיקט דער ערשטער טאָג פון מיין צוריקקומען אין מיין אַלטער, ליבער היים, צו מיינע אַלטע, ליבע טאַטע־מאַמע, צו מיין ליב און ערלעך משפּחהלע. איך בין געגאַנגען שלאָפן אָבער איך בין נישט גע־שלאָפן. איך בין געלעגן אויפן געלעגער און האָב איבערגעלעבט יעדן מאָמענט פון די לעצטע צוועלף שעה. איך האָב מורא געהאַט איינצושלאָפן, איך זאָל זיך נישט אויפכאַפּן און זען, אַז דאָס אַלץ איז נישט געווען מער ווי אַ חלום. און בכלל — ווי אַזוי האָב איך געקאָנט פאַרשלאָפן די גליק־לעכסטע מאָמענטן פון מיין לעבן? מיינע טרערן פון פרייד האָבן נאָס גע־מאַכט דאָס קישן. דאָס איז געווען דאָנערשטיק, אויף דער נאַכט פון ערשטן יולי 1920.

אויף צו מאָרגנס בין איך שנעל צוריקגעקומען אַהיים. באַלד האָבן אָנגעהויבן צו קומען געסט — יונגע און אַלטע, מענטשן, וועלכע איך האָב געקענט און מענטשן, וועלכע איך האָב קיינמאָל נישט געזען. אַפילו נייע איינוואוינער פון דער שטאָט, וועלכע האָבן געקענט מיינע עלטערן און האָבן געוואוסט, אַז זיי האָבן אַ זון אין אַמעריקע, זיינען איצט געקומען מיך מקבל פּנים זיין. כמעט יעדער איינער האָט באַטאָנט, אַז דאָס איז בלויז אַ קורצער וויזיט, אַז שפּעטער וועט ער קומען נאָך אַמאָל און רעדן מיט מיר

www.libtool.com.cn

פּריוואַט. איך האָב פאַרשטאַנען, וואָס יעדער וויל — אַז ער וויל זיך אויס־רעדן דאָס האַרץ און פרעגן מיך אַן עצה, צי עס איז אפשר אַ פּלאַן פאַר אים צו פאָרן קיין אַמעריקע אָדער פּאַלעסטינע.

אין שטוב איז אַריינגעקומען אַ הויכער יונגערמאַן, חסידיש געקליידט, מיט אַ טונקל ברוין בערדל. ער האָט מיר אָפּגעגעבן אַ ברייטן שלום עליכם און האָט מיך געפרעגט: „דו דערקענסט מיך נישט, ישראליק?". איך האָב זיך נענטער אין אים איינגעקוקט און האָב אים דערקענט. דאָס איז געווען מיין יוגנט־פריינד אברהם, יוסף יצחק דעם שוחטס זון. זיין זיידע און זיין פאָטער זיינען שוין לאַנג געווען אויפן עולם האמת און ער האָט איבער־גענומען חזקה און איז געוואָרן שוחט. און אָט איז אַריינגעקומען אָשר קאָלקער, מיין קינדהייט־פריינד. צוזאַמען האָבן מיר זיך געשפּילט ביי זיין טאַטן אויפן בוידעם. אויך זיין פאָטער איז שוין לאַנג געווען טויט. ער האָט איבערגענומען דעם פאָטערס געשעפט און האָט עס איצט געפירט פונקט ווי דער פאָטער זיינער — מיט דער זעלבער ראַיעלקייט. קוקנדיק אויף אים האָב איך מיך דערמאָנט, אַז ווען איך בין פאַרן אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע געקומען מיך געזעגענען מיט זיין פאָטער, האָט ער מיך אַוועק־גענומען אין אַ זייט און האָט מיר געזאָגט: „ישראליק, דער סוד פון דער־פאָלג איז ערלעכקייט"...

און אָט איז מיין יוגנט־פריינד איציק כוטראַן, מיט וועלכן איך האָב אַמאָל שטאַרק געאַרבעט צו שאַפן א דייטשן ווערטערבוך. איצט איז ער אַ טאַטע פון דריי קינדער. ער האָט אַלע יאָרן געוואוינט אין סאָראָקע און ער געהערט צו דער אינטעליגענץ פון דער שטאָט. ער איז אַן איבערגע־געבענער ציוניסט און איינער פון די וויכטיקסטע כלל־טוער אין בעסאַ־ראַביע.

אָט אַזוי זיינען אַ גאַנצן טאָג געקומען כסדר געסט איינער נאָכן אַנ־דערן. ברכה האָט מיר דערלאַנגט אַלע בריוו, וואָס זיינען פאַר מיר אָנ־געקומען. איך האָב זיי געעפנט און האָב זיי געלייענט צווישן איין גאַסט און צווייטן. די מאַמע איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיט צוגרייטן דעם גרויסן שבת. פון קליין האָט זיך געהערט דער קלאַנג פון שטויסל, מיט וועלכן דודל האָט צעשטויסן דעם ציטמרינג פאַרן קוגל.

ביי טאָג האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט פון שטוב, כדי זיך אַ ביסל אָפּצו־רוען. איך בין אַוועק אויפן בולוואַר, אָבער אויך דאָרט האָב איך געטראָפן באַקאַנטע, וועלכע האָבן מיך געהאַט וואָס צו פרעגן. און אָט בין איך געזעסן אויף אַ באַנק און האָב אויסגעהערט, וואָס שלמה קאַרטושניק האָט געהאַט צו דערציילן. איך האָב אים אויסגעהערט, געטרייסט און בין אַוועק מיט

www.libtool.com.cn

אים שפּאַצירן. איך האָב באַטראַכט דעם אַלטן בולוואַר און האָב אין מיר איינגעזאַפּט דעם פרישן און געזונטן ריח. איך האָב געקוקט אויף די אַרו־מיקע בערג, וואָס זיינען געווען באַדעקט מיט וויינטרויבן, אויף דעם אַלטן בית הקברות, אויף דער פּאָטשט. ווען עס איז צוגעפאַלן נאַכט זיינען מיר אַהיימגעגאַנגען. אין גאַס האָט זיך געפילט דאָס אָנקומען פון שבת. קרע־מער האָבן זיך געאײַלט צו פאַרמאַכן די קלייטן, דאָס יונגוואַרג איז שוין געווען אויסגעפּוצט אין די שבתדיקע מלבושים, יעדע באַלעבאָסטע האָט שוין געהאַט אויסגעקערט איר שטיקל גאַס. איך האָב זיך איבערגעטאָן אין אַן אַנדערן אָנצוג און בין צוזאַמען מיטן טאַטן, ברודער און חתן אַוועק אין טאַלנער קלויז. וואָס פאַר אַ אונטערשייד איז דאָרט געווען פון נעכטן ביז היינט!

די מעשענע לייכטער זיינען געווען ריין אויסגעפּוצט, די לאָמפּן האָבן אַלע געברענט און די מענטשן פון נעכטן האָבן היינט אויסגעזען ווי ניי. לייב שוחט, וועלכער איז איצט געווען חזן אין טאַלנער קלויז האָט געדאַווענט מיט זיין זיסער שטימע. עס איז מיר איצט געוואָרן קלאָר, פאַרוואָס איך האָב די אַלע יאָרן געפילט אַ פרעמדקייט אין די אַלע שולן אין אַמעריקע.

באַלד נאָכן דאַווענען איז געוואָרן אַרום מיר אַ רעדל און מען האָט מיך אָנגעהויבן צו פרעגן, ווי אַזוי מען דאַוונט "אין ארץ־ישראל. נאָכן דאַווענען זיינען אַלע צוזאַמען אַהיימגעגאַנגען. פון די הייזער האָבן אַרויסגעלויכטן די שבתדיקע ליכט. אין דער היים האָט יעדער לויטן עלטער געמאַכט קידוש. איך האָב געמאַכט קידוש אין דעם זעלבן בע־כערל, וואָס אין מיין קינדהייט און געזונגען דעם זעלבן „כל מקדש“. נאָך איידער מיר האָבן געענדיקט, איז דאָס הויז שוין געווען געפּאַקט. די מענער זיינען געזעסן אַרום טיש, די פרויען אין צווייטן צימער און דאָס יונגוואַרג אין קלייט. מען האָט געבראַכט אַ פּאָר פלעשער וויין און מען האָט אַזוי פאַרבראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט. און ערשט דאַן האָט מיך די גאַנצע פאַמיליע אַוועקגעפירט צו דער מומע רחל, וואו מיר האָבן פאַרגעזעצט דעם שמועס ביז פאַרטאָג.

אין דער פרי האָט מיר די מומע אַריינגעבראַכט אַ יאַרמולקע און חיימל איז געקומען מיך נעמען אין שול אַריין און האָט געטראָגן מיין טלית. צום ערשטן מאָל אין לעבן האָב איך אָנגעטאָן אַ טלית מיט אַ יאַרמולקע און איך בין געזעסן אויפן זיידנס אָרט און געהאַלטן דעם סידור אויפן זיידנס שטענדער. יעקב איצי מעראַכאַווערס זון, מיין יוגנט פריינד און דער איצטיקער גבאי האָט מיך מכבד געווען מיט אַ

www.libtool.com.cn

פעטער עליה אין דער סדרה בלק. זיין פּאַטער, מיין געוועזענער רבי, האָט פאַר מיר געלייענט די פּרשה און געמאַכט אַ מי שברך. ווען עס איז געקומען צום בעבור שנדר און איך האָב מנדר געווען הונדערט רובל האָט דער בלינדער הירש לייב קירזשניער, שיינדל גרינבלאַטס אַ ברודער, געזאָגט, אַז איך וואָלט געדאַרפט געבן הונדערט און צען רובל, צו פינף רובל אַ יאָר פאַר די אַלע יאָרן, וואָס איך בין געווען אַוועק פון סאָראָקע. איך האָב אים געפאָלגט און האָב געגעבן הונדערט און צען רובל.

פון דער שול זיינען אַלע באַלעבאַטים מיטגעגאַנגען צו מאַכן קידוש ביים טאַטן. ווען מיר האָבן זיך געזעצט עסן האָבן אָנגעהויבן צו קו־מען ייִנגלעך מיט פלעשער וויין און אויך מיט קוגלען. דאָס הויז איז באַלד ווידער געוואָרן פול מיט מענער, פרויען און קינדער. פון דעם ווייבערשן שטיבל האָבן זיך כסדר געהערט שטימען: „ליב אייך מיט אייער גאַסט, חיה שרה". צווישן די מענער האָט מען געהערט: „לחיים, זאָל גאָט שיקן אַ ישועה אויף אַלע ייִדן". פון דער קלייט, פון צווישן דער יוגנט, האָט מען געהערט „פּאָזדראַווליאַיעם".

סאָראָקע האָט אויך אַ מאָמענט אויפגעלעבט. עס איז געוואָרן נאַכט און אַ שטערן האָט זיך באַוויזן אויפן הימל. נאָך די שלוש סעודות איז מען אַוועק אין שול אַריין דאַוונען מעריב. דער טאַטע איז צוריקגע־קומען, האָט געמאַכט הבדלה און האָט געוואונטשן אַ „גוטע וואָך אויף אַלע ייִדן". אָט אַזוי האָט זיך געענדיקט מיין ערשטער שבת אין סאָראָקע, וועלכן איך וועל געדענקען אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבן. אַלע שוועריקייטן, וועלכע איך האָב אַדורכגעלעבט אין מיין רייזע איז געווען אַ נול קעגן דעם פאַרגעניגן וואָס איך האָב געהאַט פון דעם שבת. די מאַמע מיינע איז דאַכט זיך דעם טאָג ייִנגער געוואָרן און דאָס זעלבע אויך דער טאַטע. אַלע האָבן אויפגעלעבט און האָבן באַקומען אַן אַנ־דערע פאַרב.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויע וואָך אין מיט איר די וויזיטן. איך בין געזעסן טאָג איין טאָג אויס אין שטוב און האָב אויסגעהערט די טראַגעדיעס פון די מענטשן. עס זיינען געקומען אַלטע און שוואַכע, אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט קינדער אין אַמעריקע. זיי האָבן מיך גע־בעטן מיט טרערן אין די אויגן, איך זאָל דערמאָנען די קרובים אין די טובות, וועלכע זיי האָבן אַמאָל געטאָן פאַר זיי. איצט ווען זיי זיינען אין נויט, דאַרפן זיי האָבן הילף כדי נישט אָנצוקומען אין אַ מושב זקנים און נישט באַגראָבן צו ווערן אין פרעמדע תכריכים. און אָט האָט

www.libtool.com.cn

די מאַמע אַריינגעפירט ביי דער האַנט די בלינדע שוועסטער פון ישעיה האַניק. זי האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנט און האָט געזאָגט:

— איך קען דיך נאָך אַלס קינד. איך פאַרלאָז מיך פריער אויף גאָט און דערנאָך אויף דיר, אַז דו זאָלסט אויפזוכן מיינע קרובים אין פילאַדעלפיע און זיי זאָגן, אַז עס איז מיר זייער שלעכט. שוין דריי יאָר ווי איך האָב נישט באַקומען קיין וואָרט פון מיינע אַדעסער קרובים. גאָט ווייסט, וואָס עס איז מיט זיי געשען. און איצט קומט דער ווינטער און עס וועט מיר אויסקומען צו ליגן אויף דער גאַס.

נאָך איר האָט דער טאַטע אַריינגעפירט משה ביליאַז. ער איז בלינד געוואָרן אויף דער עלטער און האָט געזוכט אַ זון זיינעם, הערש ווייס־גאַרט אין ניו־יאָרק. אַלץ וואָס ער וויל פון אים איז נישט מער ווי אַ שטיקל ברויט. און אָט קומט אַריין אַ פרוי אָנגעטאָן אין שמאַטעס און די מאַמע שטעלט זי מיך פאָר. דאָס איז משה נחומס אַ טאָכטער. זי דערציילט, אַז זי האָט שוין פאַרקויפט פון זיך דאָס לעצטע קלייד און איצט קומט איר אויס אַרומצוגיין איבער די הייזער. איך דערמאָן מיך אין איר אַלטן טאַטן, דעם חסידישן גרויסן גביר און עס קלעמט מיר ביים האַרץ. און אָט קומט אַריין היגדע צוקערמאַנס אַ טאָכטער, אַ שטומע. זי דערציילט מיר מיט די הענט און מיט די אויגן, אַז איר מוטער איז געשטאָרבן מיט אַ לאַנגער צייט צוריק און אַז זי האָט נישט מיט וואָס איבערצוקומען דעם טאָג. שפּעטער זיינען געקומען סוחרים, גע־וועזענע אין הייניגע, און האָבן מיר שטילערהייט דערציילט, אַז פון די אַלטע מסחרים איז שוין פון לאַנג נישט געבליבן קיין זכר. זינט בעסאַראַביע איז אַריבער צו די רומענער, איז דער דניעסטער געוואָרן פאַרשפּאַרט און עס איז נישטאָ ביי וועמען צו קויפן און וועמען צו פאַר־קויפן. דאָס שטיקל ברויט שלאָגט מען נאָך ווי עס איז אַרויס, אָבער קיין ביי העמד קאָן מען זיך נישט פאַרגינען. איינער האָט צו מיר גע־זאָגט: „איך האָב שוין דערוואַקסענע קינדער, אַלע זיינען זיי געלערנ־טע. זיי וואָלטן שוין פון לאַנג אַוועקגעוואָרפן די בושה און געגאַנגען אַרבעטן, אָבער עס איז נישטאָ ביי וואָס. ברודער, עס איז זייער ביטער. מיר גייען אויס ווי צאַנקענדיקע ליכט".

צווישן די געקומענע זיינען געווען מענער, פרויען און קינדער אַנטלאָפענע פון אוקראַינע. זיי האָבן איבערגעגעבן וועגן זייערע שווי־דערלעכע איבערלעבונגען בעת די פּאָגראָמען. ווי אַזוי מען האָט גע־רויבט, געמאָרדעט און געשענדעט. ביי איינעם האָט מען אויסגעמאָרדעט די גאַנצע פאַמיליע, ביי איינעם אַ טאַטן, אַ ברודער, אַ שוועסטער. ווי

www.libtool.com.cn

אַזוי זיי האָבן זיך מיט ניסים געראַטעוועט פון טויט, ווי אַזוי זיי זיינען טעג און נעכט געלעגן באַהאַלטן אין פעלד צווישן פּאָפּשויעס, ביז זיי האָבן זיך מיט צרות אַריבערגעטראָגן איבערן דניעסטער און איצט וואַלגערן זיי זיך דאָ אַרום. זיי האָבן דערציילט, ווי אַזוי זיי האָבן דאָרט יעדע צוויי וואָכן איבערגעלעבט אַן אַנדער רעגירונג און ווי אַזוי די באָלשעוויקעס רייסן איצט אַרויס דעם לעצטן ביסן ברויט אויף אַ „געזעצלעכן”, לעגאַלן אופן.

צווישן די געקומענע זיינען אויך געווען סטודענטן מיט סטודענטקעס, בעסאַראַבער און אוקראַינער און זיי האָבן דערציילט, וואָס פאַר אַ שווינדל עס איז דער באָלשעוויזם. זייערע באַקאַנטע סטודענטן זיינען אַלע קאָמיסאַרן און זיי זיינען געוואָרן גבירים פון רויבן אַלץ, וואָס עס קומט זיי אונטער די הענט. אַ סך פון זיי זיינען געוואָרן פון דעם אַלעם מיד און זיי האָבן זיך גענומען צו שיכרות און צו מאָרפין. געווען אויך אַנדערע, אַנטוישטע, וועלכע האָבן זיך אַריינגעיאָגט אַ קויל אין קאָפּ אַריין. ווען איך האָב געזאָגט צו זיי עפּעס וועגן סאָציאַליזם, האָבן זיי געשמייכלט: „באַאיווע אַמעריקאַנער! קומט קיין אוקראַינע וועט איר זען, ווי אַזוי די רוסן טייטשן אויס דאָס וואָרט סאָציאַליזם”.

עס זיינען אויך געקומען סאָראָקער אינטעליגענטן, וועלכע זיינען געשטימט ציוניסטיש. זיי האָבן געוואָלט, איך זאָל זיי דערציילן וועגן פּאַלעסטינע. אויף כ׳ תמוז, צו הערצלס יאָרצייט האָבן זיי ריזיקירט און האָבן אָן דער דערלויבעניש פון דער מאַכט געעפנט די גרויסע שול און אויסנוצנדיק וואָס איך בין אַן אַמעריקאַנער בירגער האָבן זיי גערופן אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער איך האָב עפנטלעך אָפּגעגעבן אַ גרוס פון פּאַלעסטינע. דערמיט איז געוואונען געוואָרן אַ ביסל פּאָפּולאַריטעט פאַר זייער אידעאַל און אַ פּאָר קערבלעך פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד.

אַזוי זיינען אַוועק צוויי וואָכן. דורך די טעג בין איך געווען פאַרנומען מיט קהלשע זאַכן — איך האָב איבערגעגעבן גרוסן, אַדרעסן און פאַרשיידענע אויסקונפטן און די אָוונטן האָב איך פאַרבראַכט מיט דער פאַמיליע. שפּעט אין די אָוונטן, ווען איך בין אַוועק צו דער מומע שלאָפן האָט זיך ערשט פאַרזאַמלט די גאַנצע פאַמיליע און מיר האָבן פאַרבראַכט לאַנגע שעהען. איך האָב באַמערקט, אַז עס איז זייער אָפט אַריינגעקומען אַ יונגערמאַן פון יצחק יאַנקלס משפחה. אָנגעטאָן איז ער געווען ווי אַלע סטודענטן, מיט אַ ווייס העמדל איבער די הויזן, אַ גאַרטל מיט אַ קנאָפּ, אַ היטל מיט ווייסע „וויפּוסקעס” מיט אַ גלאַנציקן לעדערנעם דאַשעק. איך האָב מיט אים אַ פּאָר מאָל גערעדט און ער איז מיר זייער געפעלן

www.libtool.com.cn

געוואָרן. פון זיינע אויגן האָב איך דערקענט, אַז ער איז פֿאַרליבט איבער די אויערן אין רייזלען. נאָכדעם ווי איך האָב די זאַך איבערגערעדט מיט דער מומע און האָב באַקומען איר צושטימונג, האָב איך באַשלאָסן דעם בחור אַרויסצוהעלפן און עס איז טאַקע האַלב אָפיציעל געשלאָסן געוואָרן אַ שידוך. איך האָב אים געגעבן אַלס אָנדענק מיין גאָלדענעם זייגער מיט אַ זיידן טליתל. ער וועט מיר אַוודאי אייביק זיין דאַנקבאַר, ווייל רייזל איז זייער אַ פיין קינד.

דורך דער צייט האָב איך באַזוכט אַלע אינסטיטוציעס און אַ ריי פּריוואַטע מענטשן. איך בין געווען אין בית מדרש און האָב זיך אַוועקגעזעצט אויפן זעלבן אָרט, וואו איך האָב אַמאָל געלערנט. איך האָב אַרומגעטאַפּט דעם טיש, די בענק, איבערגעקוקט די ספרים, גערעדט מיט עקיבא דעם שמש, מיט נפתלי מלמד, וועלכער פלעגט מיר אַמאָל אַרויסהעלפן מיט אַ שטיקל גמרא און האָב דאָרט איבערגעלאָזט הונדערט רובל. איך בין געווען אין שפּיטאָל, וואו איך האָב אויך איבערגעלאָזט הונדערט רובל. דערנאָך בין איך געווען אין דער פֿאָלקס באַנק, אין מושב זקנים, אין דער פֿאָלקס־קיך, אין שלאָס. איך האָב מיך עטלעכע מאָל געבאָדן אין דניעסטער. איין מאָל, גאַנץ פרי, בין איך געגאַנגען מיטן טאַטן צום סמי־לער רב. איך האָב אים געטראָפן, ווי ער איז געלעגן אין טלית און תפילין אויף אַ סאָפע. ער איז שוין געווען אַלט און שוואַך און האָט קוים געקאָנט רעדן. ווען איך האָב אים דערציילט, אַז איך האָב געבראַכט אַכט און צוואַנציק טויזנט לי פֿאַר סאָראָקער אַנשטאַלטן, איז ער געווען זייער צופרידן. איך האָב מיט זיין צושטימונג אויסגעקליבן אַ קאָמיסיע פון זעקס מענטשן, ער אַליין איז באַשטימט געוואָרן ווי דער ראש. צוזאַמען האָבן זיי געדאַרפט טאָן מיטן געלט לויט זייער איינזען. ער האָט מיך געבענטשט און האָט מיר מיטגעגעבן אַ בריוו מיט אַ דאַנק פֿאַר די סאָראָקער לאַנדסלייט און מיט אַ ביטע וועגן נאָך שטיצע.

אויפן וועג אַהיים האָט מיר דער טאַטע דערציילט, אַז בעת די אוקראַינער פּאָגראָמען זיינען דערמאָרדעט געוואָרן זיינע צוויי קינדער, אָבער מען האַלט דאָס פון אים בסוד. לויט ווי איך האָב אָבער געזען, האָט דער רב געפילט דאָס אומגליק, כאָטש ער האָט נישט געוואוסט דער־פון אויף זיכער. איך בין נאָך געווען ביים פּאָטער פון דר. וויינבערג. ער האָט געליטן דערפון, וואָס ער איז טויב און מיר האָבן זיך נישט געקאָנט אַדורכרעדן. איך האָב פֿאַר אים געהאַט אַ גערוס. ער האָט מיך אָבער נישט געהערט. איך האָב אויך אָפּגעצאָלט וויזיטן צו מיינע יוגנט־פריינד אברהם שוחט, אשר קאָלקאַ און יצחק כאַטראַן. איך האָב געוואָלט ליקווי־

www.libtool.com.cn

דירן די געלטער, וועלכע דו האָסט מיר געשיקט און בין צוליב דעם אַוועק־געפאָרן קיין בוקאַרעשט. די רייזע האָט גענומען אַ גאַנצע וואָך. איך בין צוריקגעקומען קיין סאָראָקע מיטן געדאַנק צו בלייבן ביז צו ברכהס חתונה און דערנאָך אָנצוהייבן צו טראַכטן וועגן מיין רייזע צוריק.

אין שטאָט איז באַלד באַקאַנט געוואָרן, אַז איך פאָר אַוועק גלייך נאָך דער חתונה. ווידער האָט אָנגעהויבן צו קומען צו מיר אַ שטראָם מענטשן און ווידער אַמאָל בין איך געזעסן יעדן טאָג און האָב פאַרשריבן נעמען, אַדרעסן און די בקשות. איך האָב אַזוי אַרום אָנגעזאַמלט אַ פול ביכל מיט יידישע צרות און מיט דעם פאָר איך צוריק. איך פיר אויך מיט זיך אַ בריוו פון יאַמפּאָלער און מאָהילעווער אויעזדן צו זייערע לאַנדס־לייט. דער בריוו דערציילט אין פשוטע ווערטער דאָס אוקראַינער אומגליק. איך האָב אויך אַ בילד פון טאמאשפילער פּאָגראָם.

דיין, ישראל.

www.libtool.com.cn

# ד ר י ט ע ר ט י י ל

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

## קאַפּיטל צען

איזידאָרס בריוו זיינען געווען פאַר מיר אַ טרייסט אין די לאַנגע וואָכן און חדשים, ווען ער איז געווען אין אַרץ־ישראל און שפּעטער אין סאָראָקע. איך האָב אויף יעדן בריוו זיינעם געוואַרט מיט גרויס בענקשאַפט און ווען זיי זיינען געקומען זיינען זיי נישט בלויז געווען פאַר מיר אַ גרוס פון אים, זיי זיינען אויך געווען דעמאָלט, און אַזוי זיינען זיי אויך פאַרבליבן ביז איצט, גאָר וויכטיקע דאָקומענטן פון אַ היסטאָרישער עפּאָכע אין לעבן פון ארץ־ישראלדיקן ישוב, וואָס האָט זיך געראַנגלט מיט פּאָליטישע און מיט מאַטעריעלע נויטן, כדי פון אַ טערקישער און שפּעטער פון אַן ענגלישער קאָלאָניע צו ווערן אַ יידיש לאַנד. אויך זיין פּאַרטיפּטער בריוו פון סאָראָקע, וואָס איז באמת אַ קונסט־ווערק, איז אַ זעלטן בילד פון לעבן פון אַ קליין יידיש שטעטל אין רומעניע, אין די יאָרן באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. איזידאָר איז געווען אַ גוטער אָבסערוואַטאָר און אַ גוטער שילדערער, און זיין באַשרייבונג פון זיין ביי די עלטערן איז נישט בלויז אַ רירנדיקער דאָקומענט פון אַ זונס ליבע צו זיין טאַטע־מאַמע, נאָר אויך אַ וויכטיק בילד פון אַ מין לעבן, וואָס איז אַוועק און איז מער נישטאָ.

איזידאָר איז צוריקגעקומען פון דער רייזע אַן אויסגעמאַטערטער אָבער אַ גליקלעכער און אַ צופרידענער און מיט אַ פעסטן באַשלוס, אַז די רייזע זיינע קיין ארץ־ישראל איז נישט געווען מער ווי אַן אָנהויב. דערוויל אָבער זיינען ביי אונדז פאָרגעקומען גרויסע און נישט פריילעכע ענדערונגען. אין דער צייט, ווען איזידאָר האָט זיך געפונען אויף דער רייזע, איז דערוויל דאָס געשעפט אונדזערס אין פילאַדעלפיע כמעט אינגאַנצן רואינירט געוואָרן. די פאַבריק האָט געהאַט אויסגעאַרבעט אַ גאָר גרויסע קוואַנטיטעט מיט מענער־אָנצוגן, וועלכע מען האָט דעמאָלט גערופן „וואָר־בעיביס” און וועלכע מען האָט נישט געקאָנט פאַרקויפן אַפילו פאַר אַ האַלבן פּרייז. אין יענער צייט האָבן אַ סך פאַבריקאַנטן, צוליב די שווערע צייטן, באַנקראָטירט. ווען איזידאָר איז געקומען און האָט געזען דעם חורבן אין געשעפט, זיינען די ערשטע ווערטער זיינע געווען: „איזידאָר גרינבלאַט וועט נישט באַנקראָטירן”... און ער האָט געהאַלטן וואָרט; ער האָט אַפילו נישט צוריקגעוויזן די שוין באַשטעלטע

www.libtool.com.cn

סחורות. ער האָט זיי צוגענומען און ער האָט שפּעטער געמוזט אַרבעטן לאַנגע יאָרן כדי צו קאָנען באַצאָלן די חובות. אַזוי אַרום זיינען מיר פּלוצ־לונג געבליבן רואינירט, אָן מיטלען צום לעבן.

פאַרשטייט זיך, אַז אין די דאָזיקע באַדינגונגען האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן זאַמלען געלט פאַר דער טעפּיכער־פאַבריק „מרבדיה" אין ארץ־ישראל. עס האָט אויך נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן פאָרן קיין ארץ־ישראל. איך געדענק אַ נאַכט, ווען איך האָב פּלוצלונג דער־הערט איזידאָרן וויינען. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל ווי איך האָב אים געזען אין אַזאַ מצב פון פאַרצווייפלונג. איך האָב אים געגומען טרייסטן, אַז נאָך אַלעם האָבן מיר נישט פאַרלוירן אַלץ. עס זיינען אונדז פאַרבליבן פינף ברילאַנטן — אונדזערע פינף קינדער. אַחוץ דעם זיינען מיר נאָך יונגע מענטשן און ביז גאָט וועט אונדז העלפן קאָנען מיר דערווייל אַפילו וואוינען אין אַ קעלער־שטוב און איבערוואַרטן די שווערע צייט.

דורך דער צייט איז געבוירן געוואָרן דאָס פינפטע קינד, ווען מיר האָבן אַ נאָמען געגעבן בן־אביב אַ זון פון פרילינג.

...ווען איך זעץ זיך
מיט מאַן און קינד
צו אָרעם מאָלצייט,
דאַנק איך גאָט:
פאַרן הייסן טעפּעלע קאַווע,
פאַרן שטיקל ברויט,
פאַרן ווייסן טישטעך אויפן טיש,
פאַרן שלום בית,
וואָס הערשט ביי אונדז אין הויז...

ווען איך זע דאָס ליכטיקע פּנים
פון מיין קינד —
הער זיין לויכטענדע שטים,
פיל זיינע הענטעלעך
וואָס נעמען מיך אַרום,
זיין האַרציקן קוש —
דאַנק איך גאָט פאַרן שלום בית
וואָס הערשט ביי אונדז אין הויז.

www.libtool.com.cn

ווען איך הער פון מאַן אַ געטריי וואָרט,
אַן ערלעך וואָרט,
פיל זיין אָטעם אויף מיינע ליפּן —
דאַנק איך גאָט פאַרן שלום בית,
וואָס הערשט אין אונדזער שטוב — — — —

און אַזוי איז טאַקע געווען; מיר האָבן זיך גלייך אַרויסגעצויגן פון דעם האָטעל און האָבן אָפּגעזאָגט די גואווערנאַנטקע, וועלכע מיר האָבן געהאַלטן פאַר די קינדער. איך האָב געדונגען אַ קליינע וואוינונג פון דריי צימערן, האָב פאַרקאָשערט די אַרבל און האָב אַליין גענומען אויפפּאַסן אויפן מאַן מיט די קינדער. דערוויילן האָט זיך דאָס געשעפט ביסלעכווייז גענומען פאַרבעסערן און מיר האָבן זיך געקאָנט דערלויבן צו דינגען אַ בעסערע דירה און אויך צוצונעמען אַ פרוי, וועלכע זאָל מיר אַרויס־העלפן אין דער הויז־אַרבעט. אַזוי אַרום האָב איך מיך ווידער געקאָנט פאַרנעמען מיט געזעלשאַפטלעכע אַרבעט.

איזידאָר האָט זיך אינעם געשעפט ביטער געראַנגלט, אָבער אָפּראַ־טעווען עס אינגאַנצן האָט ער נישט געקאָנט. דער סוף איז געווען, אַז ער האָט עס געמוזט אויפגעבן. אייגנס האָט ער אָבער אויסגעפירט: ער האָט רעגולירט אַלע חובות. אין דער צייט, ווען מיר האָבן זיך געמאַטערט ביים אַרויסציען פרנסה פאַר דער פאַמיליע, האָט ער אויך מיט אַלע כוחות געפּרוּווט אויפהאַלטן די „מרבדיה" אין ארץ ישראל. דער עיקר ציל זיינער איז געווען צו געבן אַ מעגלעכקייט די פאַמיליעס, וואָס זיינען געווען דערביי באַשעפטיקט, זיי זאָלן קענען פאַרדינען זייער חיונה. זיין ווייטערדיקע האָפענונג איז געווען, אַז מיט דער צייט וועט אונדז גע־לינגען אָנצוזאַמלען גענוג געלט, אַז מיר זאָלן קאָנען פאָרן און זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל אויף שטענדיק. מיר האָבן דערוויילן באַשלאָסן צו מאַכן אין דער דאָזיקער ריכטונג דעם ערשטן שריט: מיר האָבן דאָרט אַהינ־געשיקט אונדזער עלטערן זון הערבערט, וועלכער האָט דאָ געהאַט פאַר־ענדיקט פּאָבליק־סקול, כדי ער זאָל דאָרט, אין ארץ־ישראל, לערנען אין דער הרצליה־גימנאַזיע, אין תל־אביב.

ביז צום יאָר 1925 האָבן מיר געוואוינט אין אַטלאַנטיק סיטי. מיט דער צייט אָבער, ווען די קינדער האָבן גענומען ווערן עלטער, איז נויטיק געווען זיך אַריבערצוציען קיין פילאַדעלפיע. די קינדער האָבן זיך נישט בלויז גענויטיקט אין העכערער בילדונג, זיי האָבן אויך אָנגעהויבן אַרויס־צואווייזן פעאיקייטן, פאַר וועלכע פילאַדעלפיע האָט געהאַט גרעסערע מעג־



די „הדסה״־גרופּע אין אַטלאַנטיק סיטי — שענקט אַ פאָן דער
ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, 1922

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

לעכקייטן ווי אַטלאַנטיק סיטי. אונדזער צווייטער זון דוד משה האָט נאָך אַלס קינד אָנגעהויבן אַרויסצואווייזן טאַלענט צו שפּילן פֿידל און ווען מיר האָבן זיך אַריבערגעקליבן קיין פֿילאַדעלפֿיע איז ער טאַקע אָנגענומען געוואָרן אין פֿליישמאַנס סימפֿאָנישן אָרקעסטער. ער איז דעמאָלט אַלט געווען נישט מער ווי 15־14 יאָר. אויך אונדזערע צוויי מיידלעך האָבן אַרויסגעוויזן פֿעאיקייטן — גערטרוד צו מאָלעריי און די ייִנגערע, חנהלע־מאַרדזשי, צו טאַנץ. דער שול־דירעקטאָר פֿון אַטלאַנטיק סיטי האָט אונדז אַליין געראָטן צו פֿאָרן אין אַ גרעסערער שטאָט אַריין, וואו עס איז געווען פֿאַר די קינדער בעסערע מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען זייערע טאַלאַנטן. און אַזוי איז טאַקע געווען. גערטרוד האָט געקראָגן אַ סקאַלערשיפּ צו שטודירן אין דער פּרויען־שולע פֿאַר צייכענען און מאַרדזשי האָט באַקומען אַ סקאַלערשיפּ פֿון דער ניו־יאָרקער טאַנץ־שולע פֿון מאַרטאַ גרעהעם.



מיין בילד געצייכנט פֿון מיין טאָכטער גיטעלע אין 1945

www.libtool.com.cn

אין פילאַדעלפיע האָבן מיר פאַר די קינדער צוגענומען אַ פּריוואַטן העברעאישן לערער און אַחוץ דעם האָבן מיר אַלע פיר קינדער געשיקט אין דער יידישער שטיינבערג שולע, וואו איך בין געווען פּאָרזיצערין.

אין יענער צייט האָט אונדזער עלטסטער זון, הערבערט־טשאַרלס, זיך אומגעקערט פון ארץ־ישראל, וואו ער האָט געענדיקט די גימנאַזיע „הרצליה". ער איז צוריקגעקומען מיט אַן אַ שיעור ענטוזיאַזם פאַרן לאַנד און ער האָט אונדז געמאָלדן, אַז ער האָט אָנגענומען אַ באַשלוס, וואָס האָט אין אונדזערע אויערן געקלונגען פרעמד און אויסטערליש: ער האָט באַשלאָסן צו ווערן, נישט מער און נישט ווייניקער ווי אַ מאַטראָז. „מיר האָבן — האָט ער געזאָגט — גענוג טעילאָרס, איצט דאַרפן מיר האָבן סעילאָרס"... היינט, ווען ישראל האָט שוין אַזוי פיל שיפן מיט יידישע ים־לייט קלינגט דאָס שוין מער ניט אויסטערליש, אָבער דעמאָלט איז דאָס וואָרט „מאַטראָז" געווען פאַר אונדז פּשוט אַ סינאָנים פון שיכרות און הפקרות. אונדזער זון איז אָבער אַזוי שטאַרק באַשטאַנען אויף זיין פּלאַן, אַז ער האָט זיינס אויסגעפירט. ער האָט זיך פאַרשריבן אין דער פילאַדעלפיער שולע פון „מוירטשענט מאַרין" און ער האָט פאַרענדיקט דעם לערן־אַנשטאַלט מיט דער שריפט: „הערבערט גריני, דהי ברעינס אָוו דהי מערטשענט מאַרין־סקול". ער האָט אָנגעהויבן זיין דינסט אויף דער שיף „מינעאַפּאָליס", צוערשט ווי אַ דריטער אָפיציר, אָבער ער האָט שנעל גענומען שטייגן העכער, ער איז אינגיכן געוואָרן דער צווייטער אָפיציר און באַלד נאָך דעם — דער ערשטער.

דאָס האָט אים אָבער נישט צופרידן געשטעלט, ווייל נישט דאָס איז געווען זיין פּלאַן. זיין געדאַנק איז געווען אינגאַנצן אַן אַנדערער — צו פאַרן קיין ארץ־ישראל און ווערן דאָרט אַ „יידישער ים־מענטש". דאָס איז געווען אַ גאַר געוואַגטער פּלאַן און מיר האָבן באַשלאָסן צו באַראַטן זיך וועגן דעם מיט אַ קאָמפּעטענטער פּערזענלעכקייט. גראָד איז אין יענע טעג געקומען אויף אַ פּועלי־ציון קאָנווענשאַן קיין אַטלאַנטיק סיטי דער חבר יוסף שפּרינצאַק. מיר האָבן באַשטימט זיך צו באַגעגענען גלייך נאָכן סוף פון דער קאָנווענשאַן און אַרומרעדן דעם ענין. אָבער ווען איזידאָר און איך זיינען צו אים אַרויפגעקומען אין האָטעל אַריין האָבן מיר אים געטראָפן אין אַ דערשיטערטן צושטאַנד. ער איז אַרומגעגאַנגען איבערן צימער און האָט געבראָכן מיט די הענט. ביים טיש איז געזעסן בערל לאָקער מיט זיין פרוי און האָבן געוויינט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז נאָר־וואָס אָנגעקומען די ידיעה וועגן דעם גרויסן אומגליק — אַז חיים נחמן ביאַליק איז געשטאָרבן. מען האָט אין יענעם אָוונט צוזאַ־

www.libtool.com.cn

מענגערופן אַ מנין, געזאָגט קדיש און פאַרבראַכט דעם אָוונט אין גרויס טרויער.

אונדזער צווייטע באַגעגעניש מיט שפּרינצאַקן איז פאָרגעקומען מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער אין ניו־יאָרק. ווען שפּרינצאַק האָט געהערט, וועגן וואָס מיר זיינען געקומען, אַז אונדזער זון דער שיף־אָפיציר, וויל דינען אין ארץ־ישראל, איז ער געוואָרן אומגעהויער באַגייסטערט. ער האָט אונדז גלייך געגעבן דעם אַדרעס פון דעמאָלטיקן שיף־קאַפּיטאַן פון דער יידישער שיף „תל־אביב”. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און נאָכדעם ווי מיר האָבן געקראָגן אַ פּאָזיטיוון ענטפער, איז הערבערט אַוועק קיין ארץ־ישראל און איז געוואָרן קוואָטער־מייסטער אויף דער שיף. זיין קאַריערע אויף דער שיף „תל־אביב” האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. די שיף־געזעלשאַפט האָט נישט געקאָנט דעמאָלט אַריבערטראָגן די מאַטעריעלע לאַסטן און האָט זיך ליקווידירט. הערבערט האָט אָבער באַשלאָסן צו פאַרבלייבן אין לאַנד. ער איז געוואָרן אַ חלוץ אין פּרדס חנה, וואו ער האָט זיך פאַרנומען מיט כלערליי אַרבעטן, מיט בויען, גראָבן, פלאַסטערן וועגן און ער איז געווען איבערגליקלעך. ווען עס איז אין חיפה געעפנט געוואָרן די ערשטע ים־שולע אונטער דער אָנפירונג פון אַ ספּעציעל־אַראָפּגעשיקטן קאַפּיטאַן פון ענגלאַנד, איז אונדזער זון דאָרט באַשטימט געוואָרן ווי ערשטער אָפיציר. דערווייל איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה און ענגלאַנד האָט צוריקגערופן איר קאַפּיטאַן. עס איז געווען נאַטירלעך, אַז הערבערט זאָל איצט פאַרנעמען זיין פּלאַץ. ער האָט נישט בלויז געהאַט דערצו אַלע קוואַליפיקאַציעס, ער האָט אַפילו דעמאָלט אָנגעשריבן אַ טעקסט־בוך אין וועלכן ער האָט איבערגעזעצט פון ענגליש אויף העברעאיש די ים־טערמינען. אָבער ווי עס פאַסירט אַ סך מאָל אין אַזעלכע פאַלן האָבן זיך אָנגעהויבן אַריינצומישן פערזענלעכע זאַכן מיט די אומפאַרמיידלעכע עוולות און אויפן אַמט פון קאַפּיטאַן איז באַשטימט געוואָרן עמעצער אַנדערש מיט אַ סך קלענערע קוואַליפיקאַציעס. דאָס האָט דעם זון אונדזערן שטאַרק געקרענקט און ער האָט פאַרלאָזט די שולע. זיינע תלמידים, ביי וועלכע ער איז געווען באַליבט, האָבן אַלס צייכן פון סאָלידאַריטעט געוואָלט אַרויס אין אַ שטרייק, אָבער הערבערט האָט זיי געעצהט צוריקצוציין. אַליין איז ער אַוועק קיין מעקאָ, וואו ער האָט זיך אַנגאַזשירט ווי אַן אָפיציר אויף אַן אַראַבישער שיף, וואָס האָט געדאַרפט פאָרן קיין אַמעריקע. דאָס האָט אים געגעבן אַ געלעגנהייט צו זען זיך מיט אונדז, מיט זיינע עלטערן און פאַמיליע.

די רייזע איבער די וואַסערן, וועלכע זיינען דעמאָלט פול געווען

www.libtool.com.cn

מיט פײַנטלעכע אונטערוואַסער־שיפן און מיט מינעס, האָט געדויערט עטלעכע חדשים. מיר האָבן די גאַנצע צײַט נישט געהאַט פון אים קיין שום ידיעה און האָבן נישט געוואוסט וואָס איבערצוטראַכטן. אָבער די באַגעגעניש אונדזערע איז פאָרגעקומען ווי אין אַ כּישוף־מעשהלע. ער איז אומגעריכט אַרײַנגעקומען צו אונדז אין שטוב אַרײַן, ווען מיר זײַנען טרויעריקע און פאַרזאָרגטע געזעסן אַרום טיש אין דער נאַכט פון ערשטן סדר. עס האָט זיך דעמאָלט פּלוצלונג דערהערט אַ קלונג בײַ דער טיר און ווען איך האָב געעפנט האָב איך צו מײַן גרעסטער איבעראַשונג דער־זען הערבערטן אין אַ בלאַנקענדיקן מונדיר פון אַ שיף־אָפיציר. פאַר גרויס פרייד בין איך געבליבן שטיין ווי צוגעשמידט צו דער ערד און האָב נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין וואָרט. דאָס איז געווען דער בעסטער אליהו הנביא, וועלכן אַ פּסח־נאַכט האָט אונדז געקאָנט שענקען!

דעם דאָזיקן פרײלעכן סדר האָבן מיר שוין געפּראַוועט אין סיגעיט, אין ניו־יאָרק, וואו מיר האָבן זיך געהאַט אַריבערגעקליבן פון פילאַדעלפיע. די סיבה פון איבערציען זיך קיין ניו־יאָרק איז קודם געווען דאָס, וואָס אי־זידאָרס געשעפטן זײַנען געגאַנגען גאָר שלעכט און מײַן חלום איז שטענ־דיק געווען צו קומען אין דעם גרויסן יידישן ניו־יאָרק, וואו עס האָט געווימלט אַזאַ מעכטיק יידיש לעבן און וואו עס האָבן געלעבט און גע־שאַפן אַזוי פיל יידישע שרײַבער. מיר האָבן געדונגען אַן אַפּאַרטמענט אויף סאַיפּרוס עוועניו. איזידאָר האָט דאָ, אין ניו־יאָרק, נישט געבויט מער קיין אייגן געשעפט, נאָר ער איז געוואָרן אַ דערפאָלגרײַכער סיילס־מען אין אַ ניו־יאָרקער פירמע פון שניט־סחורה.

נאָכדעם ווי אונדזערע מאַטעריעלע אומשטענדן האָבן זיך אַ ביסל פאַרבעסערט האָבן מיר באַשלאָסן צו פאַרווירקלעכן דעם אַלטן טרוים: צו פאָרן און באַזעצן זיך אין ישראל. אין סעפּטעמבער 1952 זײַנען מיר אַהין געפאָרן מיטן געדאַנק צו בלײַבן דאָרט צוערשט אַ שטיקל צײַט בלויז, כּדי צוצוגרייטן דאָס באַזעצן זיך אויף שטענדיק. איזידאָר האָט ווידער־אַמאָל אָנגעהויבן צו רעאָרגאַניזירן די „מרבדיה" און דער פּלאַן זײַנער איז געווען צו פאַרקויפן אַקציעס אין ישראל גופא. אָבער דער פּלאַן האָט אָנגעטראָפן אויף גאָר גרויסע שטערונגען און שוועריקייטן און ער האָט זיך נישט אײַנגעגעבן; און צו דעם אַלעם איז פּלוצלונג געשען אַן אומגעריכטע זאַך, וואָס האָט ענדגילטיק צעשטערט די פּלענער. נאָכן אָפּזײַן אַריבער אַ יאָר אין ישראל האָבן מיר באַקומען אַ טעלעגראַמע פון אונדזער טאָכטער מאַרדזשי, אַז זי איז ערנסט קראַנק און דאַרף אַדורכ־מאַכן אַן אָפּעראַציע. מיט אַ שווער און ביטער האַרץ בין איך גלײַך

www.libtool.com.cn

מיט אַן עראָפּלאַן צוריקגעפלויגן קיין אַמעריקע. איזידאָר איז נאָך געבליבן אין ישראל אַ שטיקל צייט, כדי אויסצוגלייכן געוויסע ענינים, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיט דער „מרבדיה". פאַרן אומקערן זיך קיין אַמעריקע האָט ער איבערגעלאָזט אַ סומע געלט ביי זיינס אַ נאָענטן פריינד פּנחס.

די ערשטע עטלעכע חדשים נאָכן צוריקקומען פון ישראל האָב איך געוואוינט ביי מאַרדושי און איך האָב מיך פאַרנומען מיט אויפפּאַסן אויף אירע קינדער. ווען איזידאָר איז אָנגעקומען האָבן מיר גענומען אַ דירה אין סיגעיט, דאָס מאָל אויף נעפּטיון עוועניו. איזידאָר האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט צו פאַרקויפן „מרבדיה"־שערס איבער אַמעריקע, אָבער עס איז אים נישט געלונגען. ער האָט דאָ ליידער נישט געפונען די געהעריקע צאָל אידעאַליסטן, וועלכע זאָלן באַגרייפן די גאָר גרויסע וויכטיקייט פון אויפשטעלן אַן אינדוסטרי, וואָס זאָל קודם־כל געבן אַרבעט און פּרנסה צו יידישע האָרעפּאַשנע פאַמיליעס אין ישראל. פינף יאָר האָט ער זיך דערמיט פאַרנומען, איינגאַנצן אָן שום באַלוינונג, און מיר האָבן די גאַנצע צייט געלעבט פון גרייטן. אונדזערע פאָנדן האָבן זיך סוף־כל־סוף אויסגעשעפּט און איזידאָר האָט זיך געמוזט אומקערן צו זיין אַרבעט פון אַ סעילסמען. אָבער דאָס אויפגעבן „מרבדיה" האָט אויף אים ביטער געווירקט. די אַנטוישונג האָט אים צעבראָכן דאָס האַרץ. און אַזוי איז ער אין אַ פרייטיק צונאַכטס, אין חודש אַפּריל 1960, אַוועק פון דער וועלט.

איך האָב פאַרשריבן אויף זיין מצבה: געלעבט ווי אַ צדיק און געשטאָרבן ווי אַ צדיק . . .

דורך די אַלע יאָרן איז דאָס געשטאַלט פון איזידאָרן נישט בלאַסער געוואָרן. ער באַגלייט מיך איצט פונקט ווי ער האָט מיך באַגלייט אין אַלע יאָרן פון אונדזער צוזאַמענדיק לעבן.

מיינע טעג —
אַ ברונעם פול מיט צער,
כ'האָב אויסגעוויינט מיין לעצטע טרער.
האָסט מיך געפירט ביי דער האַנט
ווי אַ טאַטע זיין ערשטלינג,
האָסט געהיט מיינע קינדערשע וואַקלדיקע טריט,
איך בעט ביי גאָט איך זאָל ווערט זיין
צו גיין אין דיינע שטיל־ערלעכע טריט.

www.libtool.com.cn

איך קוק אויף די קליינע שפּראָצונגען,
וואָס וואַקסן ביי מיין פּלויט.
איך טראַכט: זיי איז בעסער פון מענטש —
זיי ווייסן נישט פון טויט.
ווען בייזער ווינטער פאַרגייט —
שטייט שוין פרילינג גרייט...

— — — — — — — — — — — — — —

מיין מאַנס טויט איז געווען פאַר מיר אַ קלאַפּ, נאָך וועלכן איך האָב אַ לאַנגע צייט נישט געקאָנט צו זיך קומען. איך האָב געפונען אַ טרייסט קודם־כל אין מיינע קינדער, אָבער אויך אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, פאַר וועלכער איזידאָר האָט געהאַט געווידמעט זיין לעבן. דאָס האָט ער, באַלד נאָך אונדזער ערשטער באַקאַנטשאַפט, מיך אַריינגעצויגן אין דער טעטיקייט פאַר זיינע אידעאַלן, וואָס זיינען אויך געוואָרן מיינע. אין אַטלאַנטיק סיטי בין איך אַ צייט געווען פּרעזידענטין פון דער „טריי־פיסטערס״־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך פאַרנומען מיט העלפן נויטבאַדערפטיקע. נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע האָב איך מיך דאָרט באַטייליקט אין אויפבויען אַ ציוניסטישע באַוועגונג. איך האָב אַליין באַוויזן צו ווערבירן און אַריינצוברענגען אין דער נייער אָרגאַניזאַציע טעלעכע און צוואַנציק מיטגלידער. די אָרגאַניזאַציע האָט זיך ביסלעכווייז אַנטוויקלט און האָט גענומען פירן אַ גרויסע טעטיקייט, דער עיקר אויפן געביט פון זאַמלען געלט פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד. די אָרגאַניזאַציע האָט אויך אַנטוויקלט אַ קולטור־טעטיקייט און עס זיינען אָפטמאָל איינגעאָרדנט געוואָרן גרעסערע פאַרזאַמלונגען, צו וועלכע מיר האָבן אַראָפּגעבראַכט פּראָמינענטע ציוניסטישע פירער און רעדנער.

איזידאָר האָט אין יענער צייט אָנגעפירט מיט די שבת־צו־נאַכטיקע קולטור־פאַרזאַמלונגען, צו וועלכע עס פלעגן קומען ביז הונדערט מענטשן. שפּעטער איז אין אַטלאַנטיק סיטי געגרינדעט געוואָרן אַ צווייג פון יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. אונטער דער פאָן פון פאַרבאַנד האָבן מיר אויפגעבויט אַ בנין, וואָס איז געוואָרן דער צענטער פאַר פאַרשיידנאַרטיקייטן, איינשליסנדיק אַ פאָלקסשולע מיטן חבר לעווין אַלס לערער. אונדזערע אייגענע קינדער זיינען געווען צווישן די הונדערט תלמידים, וואָס האָבן דאָרט געלערנט.

ווען איזידאָר האָט זיך אומגעקערט פון ארץ־ישראל האָט ער מיר דערציילט וועגן אַן ארץ־ישראלדיקער פרויען־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אויף אים געמאַכט אַ גאָר גרויסן איינדרוק. דאָס איז געווען די „הדסה״,


www.libtool.com.cn

דאָס לעצטע בילד פֿון איזידאָר, 1952

www.libtool.com.cn

וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט שפּיטאָל־אַרבעט, דער עיקר פאַר אָרעמע קראַנקע. ער האָט פאַרגעלייגט, אַז מיר זאָלן גרינדן אַ „הדסה״־אָרגאַני־זאַציע אין אַטלאַנטיק סיטי, און דער פּלאַן זיינער איז גלייך געוואָרן פאַרווירקלעכט. איך האָב צוזאַמענגערופן אין אונדזער האָטעל־דירה אַ גרופּע פרויען און האָב זיי דאָס פאָרגעשלאָגן. דער פאָרשלאַג איז אויפ־גענומען געוואָרן מיט אַ סך באַגייסטערונג, און דער פּלאַן איז געוואָרן אַ יש.

דערביי איז כדאַי צו פאַרצייכענען אַן אינטערעסאַנטן אינצידענט. ביי אַ פאַרזאַמלונג פון דעם ציוניסטישן פאַראיין, האָט איינער פון די חברים, מר. פּערסקי, אַ באַקאַנטער מאָלער „געטשאַלענדזשד״: ווער וועט זיין די ערשטע יידישע בעטסי ראָס — אויפצונייען די יידישע פאָן?

איך בין געווען די דאָזיקע וואָס האָט זיך גלייך אָפּגערופן.

מיר האָבן אין יענער צייט געטאָן אַ טאַך, וואָס איז געווען פאַר יעדן איינעם פון אונדז אַ גרויס איבערלעבעניש און פאַר מיר איז עס געווען אַ דערפאַרונג, וואָס איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן. מיר האָבן באַ־שלאָסן אויפצונייען די יידישע פאָן אויפן אופן, ווי עס ווערט געניית אַ פּרוכת: יעדע פרוי פון דער אָרגאַניזאַציע האָט זיך באַטייליקט מיט אַ פּאָר שטעך. מיר האָבן געקויפט זייד און האָבן מיט גרויס פּיעטעט אויפ־געניית די פאָן.

ווען די פאָן איז פאַרטיק געוואָרן האָבן מיר איינגעלאַדן די גאַנצע שטאָט אין דער גרויסער שול אַריין און דאָרט בעת דער גרינדונג פון דעם הדסה־פאַראיין איז פאָרגעקומען די רירנדיקע צערעמאָניע פון אי־בערגעבן די פאָן צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דאָס איז געווען אַ צערעמאָניע, וועלכע געהערט נישט בלויז צו דער געשיכטע פון דער „הדסה״, נאָר ממש צו דער געשיכטע פון גאַנצן יידישן ישוב. עס זיינען נאָך פאַרבליבן פון יענער צייט גרויסע און רירנדיקע בילדער און ווען איך קוק היינט, נאָך אַזוי פיל יאָרן אויף יענע בילדער און זע די געזיכ־טער פון די אַלע פרויען און מענער, די שול, די פאָן, די פייערלעכקייט, דערפיל איך ווידער אַמאָל ממש דעם אָנריר פון יענע היסטאָרישע מי־נוטן.

אין יענער צייט האָבן מיר געהאַט די זכיה צו האָבן ווי אַ גאַסט־רעדנער אונדזער גרויסע הענריעטאַ סאָלד. אונדזער אַרבעט איז געווען אַ פּרוכטבאַרע און האָט געבראַכט נישט בלויז פינאַנציעלע רעזולטאַטן, נאָר זי האָט אויך געהאַט אַ גייסטיקן און דערציערישן כאַראַקטער פאַר אונדז אַליין. איך וועל דאָ דערמאָנען אַ פּרט, וואָס וועט וואַרפן אַ כאַ־

www.libtool.com.cn

ראַקטעריסטיש ליכט אויפן שטייגער פון אונדזער אַרבעט. אויף דער ערשטער זיצונג פון אונדזער קאָמיטעט איז פאָרגעלייגט געוואָרן איינצואָרדענען אַ קאָרד־פּאַרטי, וואָס איז איינע פון די „רוטין״־אונטערנעמונגען, וואָס ברענגען געוויינלעך אַריין געלט. נישט אַלע אָבער פון אונדזערע פרויען איז דאָס שפּילן אין קאָרטן געווען צום האַרצן און איך האָב דעריבער פאָרגעלייגט ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט, אַז מיר זאָלן אָנשטאָט אַ קאָרד־פּאַרטי אָרגאַניזירן אַ מין „אָריענטאַל טי״ און טאַנץ ערגעץ אין אַ געדונגענעם לאָקאַל און מיר זאָלן צום דאָזיקן אָוונט איינלאַדן קינסטלערישע כוחות. דאָס מאַכן אַזאַ אונטערנעמונג איז געווען פאַרבונדן מיט אַ ריזיקע, ווייל ס׳איז נישט געווען זיכער, צי מיר וועלן נישט צולייגן קיין געלט. אָבער מיר האָבן געדונגען, געדענק איך, דעם „ברעיקערס האָטעל״ אויפן „באָרדוואָק״ און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער „אָריענטאַל טי״ איז געווען אַ פּיל גרעסערער דערפאָלג ווי אַ קאָרד־פּאַרטי. עס האָט אַריינגעבראַכט אַ סומע פון טויזנט דאָלאַר. אין יענער צייט איז דאָס געווען אַ גאַר גרויסע סומע געלט. מיט אַ צייט שפּעטער איז פאָרגעקומען אַ לאַנד־קאָנפערענץ פון „הדסה״ און איך בין איינגעלאַדן געוואָרן פון הויפּט־אָפיס ווי אַ דעלעגאַטין פון אונדזער אָפּטיילונג.

אין יענער צייט איז אונדזער הויז געווען דאָס אָרט, וואו עס האָבן זיך אָפּגעשטעלט די געסט, וועלכע זיינען געקומען ווי רעדנער צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און צום „פאַרבאַנד״. ווען מיר האָבן זיך אַריבערגעצויגן קיין פילאַדעלפיע, האָב איך פאַרגעזעצט מיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אויף די זעלבע געביטן. עס האָט זיך דעמאָלט אָרגאַנירט דער ערשטער פרויען־פיאָנערן קלוב און איך האָב פאַרנומען דעם אַמט פון פרעזידענט. אונדזער קלוב האָט באַשטימט אַ קוואָטע פון 25 דאָלאַר, וואָס יעדע פון די חברות האָט געדאַרפט שאַפן. די קוואָטעס זיינען געשאַפן געוואָרן אויף פאַרשיידענע אופנים: דורך פאַרקויפן אייגן־געמאַכטע געבעקסן, דורך אַרומגיין איבער די הייזער און פאַרקויפן נאָזטיכלעך. איך געדענק אַפילו, ווי איינע פון די חברות, וואָס האָט געהאַט קליינע קינדער און האָט נישט געקאָנט טאָן דאָס, האָט זי אָנשטאָט דעם אָנגענומען אַרבעט פון ראַמען ביינאַכט אָפיסעס און וואַשן דילן. צווישן די באַאַמטע פון יענער צייט געדענק איך גוט די שטילע און די פיינע פרוי מאַגיל, וואָס איז געווען אונדזער סעקרעטאַרשע און האָט אויך געשריבן לידער. אויך געדענק איך גוט די איבערגעגעבענע אַרבעט פון די חברות מילער, פיינמאַן און בן־עמי.

נאָכן אַריבערציען זיך קיין סיגעיט, ניו־יאָרק, בין איך געוואָרן די

www.libtool.com.cn

ערשטע פּרעזידענטין פון די פּרויעז פּיאָנערן. ביזן היינטיקן טאָג, ווען איך שרייב די דאָזיקע זכרונות, ווידמע איך נאָך אַלץ מיין טעטיקייט פאַר מדינת־ישׂראל. איך בין אַקטיוו אין די פאָלגנדיקע אָרגאַניזאַציעס: הסתדרות קאַמפּעין, נאַציאָנאַל פאָנד, פּיאָנערן פּרויעז, פאַרבאַנד, א. אַ. אויף ווי ווייט מעגלעך גיב איך אָפּ צייט פאַר קולטור־אַרבעט — דער עיקר דורך דער שול־צענטראַלע פון פאַרבאַנד און אויך דורך דעם בית עם אין ברייטאָן.

מיין שרייבערישער באַרוף איז צו מיר געקומען מיט גאָר אַ סך יאָרן צוריק. איך האָב דערמאָנט פריער ווי איך האָב נאָך קינדווייז, נאָכן טויט פון מיין פאָטער, פאַרפאַסט לידער, צו וועלכע איך האָב אַליין צוגעפּאַסט מעלאָדיעס. אָבער מיין ערשטע געדרוקטע „זאַך" איז נישט געווען קיין ליד, נאָר אַ דערציילונג. דאָס איז געווען מיט אַ פערציק יאָר צוריק, ווען דער ניו־יאָרקער וואָכנזשורנאַל „אַמעריקאַנער" האָט אָפּגעדרוקט מיינס אַ דערציילונג „פון אמתדיקן לעבן" און האָט מיר דערפאַר געגעבן אַ פּרעמיע און אויך אַן עצה, אַז איך זאָל שרייבן ווייטער — שוין נישט דווקא אין דער לייענער־רובריק פון „אמתדיקע פּאַסירונגען", נאָר אויף ריין־ליטעראַרישע טעמעס. פאַר מיין ערשטער דערציילונג האָב איך אַפילו געקראָגן אַ טשעק.

אָבער געצויגן האָט מיך נישט צו פּראָזע נאָר צו לידער. עטלעכע יאָר נאָך מיין פּראָזע־דעביוט האָב איך אָפּגעדרוקט אין דער „יידישער וועלט" פון פילאַדעלפיע מיין ערשט ליד „חלומען חלומות". סאָלאָמאָן גאָלוב האָט שפּעטער דערצו געשאַפן מוזיק. דאָס ליד איז געוואָרן פּאָפּו־לער, ס׳איז אַ סך מאָל געזונגען געוואָרן און ווערט נאָך געזונגען ביזן היינטיקן טאָג. ערשט ווען איך האָב געהאַט אָנגעזאַמלט אַ גאַנץ העפטל מיט אָנגעשריבענע לידער, האָב איך געוואַגט צו קומען מיט זיי קיין ניו־יאָרק און צו ווייזן זיי צו א. ליעסינען, דעם רעדאַקטאָר פון „צוקונפט". ליעסין האָט אַ טייל פון די לידער געליבט, אָבער געדרוקט אין דער „צוקונפט" האָב איך ערשט מיט אַ צאָל יאָרן שפּעטער. זינט דאַן האָבן מיינע לידער זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אין פאַרשיידענע זשורנאַלן ווי אין „די פעדער", „פרייע אַרבעטער שטימע", אין קינדער־זשורנאַלן און אין יידישע צייטונגען אין ישׂראל. אייניקע פון מיינע לידער זיינען אי־בערזעצט געוואָרן אין עברית.

מיין ערשטע זאַמלונג לידער איז אַרויס אין יאָר 1935 אין פילאַדעל־פיע. דאָס בוך הייסט „לעבן מיינס" און האָט צו מיין גרויסער איבעראַשונג און פרייד געהאַט אַ שפּאָרע צאָל אָפּרופן מיט רעצענזיעס אין דער יידישער פּרעסע.

www.libtool.com.cn



מיין בילד גענומען אין 1935, אין פילאַדעלפיע, ביים אָוונט געווידמעט מיין בוך
„לעבן מיינס״

www.libtool.com.cn

# פרילינגס חלום

## (פון בוך „לעבן מיינס")

דו זאָגסט דער אָסיען קומט שוין באַלד,
איך קאָן עס דיר נישט גלויבן.
צו מיר עס ווינקט דער בוים אין וואַלד
און רופט צו נייעם לעבן.

דו זאָגסט, ס׳איז טרויעריק דיר היינט,
מיט לעבן מאַכסט נישט שלום.
ביי מיר אין האַרץ, מיין ליבער פריינט,
כ׳וועב אַ פרילינגס־חלום.

דו זאָגסט, ס׳איז טרויעריק די גאַס,
ס׳וועלקן שוין די בלומען.
ניין, דו מאַכסט פון מיר גאָר שפּאַס —
מיין פרילינג האַלט אין קומען.

אין יאָר 1939 זיינען אַרויס אין אַ באַזונדערער אויסגאַבע מיינע „צען לידער מיט מוזיק". דאָס איז געווען אַן אָפּקלויב פון מיינע פּאָפּו־לערסטע לידער, וואָס זיינען געזונגען געוואָרן ביי פיל געלעגנהייטן און אויך אויף קאָנצערטן. אַ צווייטע זאַמלונג לידער מיט נאָטן, דאָס מאָל קינדער־לידער און אין אַ גרעסערן בוך־פאָרמאַט, איז דערשינען אין יאָר 1947 אין ניו־יאָרק אונטערן נאָמען „איך זינג". די מוזיק פאַר די לידער זיינען פאַרפאַסט געוואָרן פון אַזעלכע באַקאַנטע קאָמפּאָזיטאָרן ווי מיכאל געלבאַרט, שלום סעקונדאַ, לעאָ ליאָוו, וולאַדימיר חפץ, העניך לעפקאָ־וויטש, שמואל בוגאַטש, פנחס יאַסינאָווסקי און סאַלאָמאָן גאָלוב. שפּעטער האָבן אויך צו מייע לידער געשאַפן מוזיק: הענעך קאָן, אייב עלשטיין, מרדכי זעאירא, חזן אברהם אַלטער און אַנדערע. אַ צאָל יידישע מוזי־קאַלישע אַרטיסטן האָבן אַריינגענומען מיינע לידער אין זייער רעפּער־טואַר און אויך אין זייערע פּלאַטן. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט דיאַנאַ בלומענפעלד נאָכן קריג געמאַכט אַ באַזונדערע פּלאַטע פון מיינע זעקס לידער; אַנדערע זינגער, ווי סידאָר בעלאַרסקי, טעאָדאָר ביקעל, בינה לאַנדאַו, ראָזלין קופּער, האָבן אַריינגענומען אין זייערע פּלאַטן איינצלנע פון מיינע לידער.

www.libtool.com.cn

# מאַמע־לשון

**(אַ קינדער־ליד פון בוך „איך זינג", מוזיק פֿון מיכאל געלבארט)**

מאַמע־לשון, יידיש־לשון,
ביסט מיר אַזוי טייער;
זינגט זשע, קינדער, זינגט מיט חשק,
האַרציקער, געטרייער!

נייע צייטן, נייע לידער,
פרעמדע קוואַלן רוישן;
נאָר דאָס יידיש, שטענדיק טייער,
אונדזער יידיש לשון.

זינגט זשע אַלע, זינגט זשע העכער,
יידיש אַ מחיה!
זינגט זשע קינדער, גאָר אַ וואונדער,
אַ יידיש ליד אַ נייע.

יידיש לשון, ליבער לשון,
ביסט מיר אַזוי טייער;
זינגט דאָס לידל, ליבע קינדער,
זינגט מיט ברען, מיט פייער.

מיינס אַ שפּעטערדיק ביכל לידער „איך און דו", אַ זאַמלונג ליבע־לידער, איז געווען גרויס ווי אַ טל ומטרל און האָט נישט געהאַט מער ווי 32 קליינע זייטלעך און מען האָט עס געקאָנט, ווי איינער פון די קריטיקער האָט טאַקע געשריבן, אַריינגעמען עס אין קעשענע אַריין. דאָס ביכל איז אַרויס אין יאָר 1951 אין פאַרלאַג „עליזה" (וואָס האָט גיכער געדאַרפט הייסן „אַליינעניו"). און אָפּגעזען פון דעם, וואָס דאָס ביכעלע איז געווען אַזוי קליין, האָט עס אָבער געהאַט אַ סך אָפּרופן.

## פ אַ ר װ אָ ס ?

**(פון דער זאַמלונג „איך און דו")**

כ׳בין היינט פאַרביי דיין ווייס־געקאַלכט שטיבל;
געזען דאָס גערטנדל, דאָס ביימל, וואָס כ׳האָב פאַרזייט.
פאַרוואָס זיינען מיר צעשיידט?
ס׳יונגע קאַרשן־ביימל ביי דיין פענצטער
האָט אויסגעשטרעקט די צווייגעלעך — פאַרליבטע הענט.

קאַרשן רייפע האָבן זיך געריטלט, מיך דערקענט.
די שמאָלע סטעזשקע צו דיין שטוב
איז געלעגן עלנט און פאַרקלערט.
פאַרוואָס איז גליק אונדז נישט באַשערט?
אַ געל בלעטל האָט זיך אָפּגעריסן פון בוים,
צוגעפאַלן צו מיין ברוסט.
האָט דאָס בלעטל פון אונדזער סוד געוואוסט?

מיין לעצט בוך „אין סיגעיט בייס ים” איז טאַקע אַרויס אין סיגעיט, דאָרט, וואו איך האָב געוואוינט די לעצטע יאָרן מיט איזידאָרן און וואו איך וואוין ביז היינט צו טאָג. דאָס בוך איז אַרויס אין יאָר 1957, ווידער־אַמאָל אין דעם גאַנץ פערזענלעכן פאַרלאַג „עליזה”. איך האָב דאָס בוך געווידמעט דעם אָנדענק פון מיין מוטער ברכה בת ציון אהרנזאָן־ווייצמאַן, וועלכע איז אַוועק אין דער אייביקייט י”ב סיון, תשי”ז, בעת דאָס בוך האָט זיך געדרוקט.

## ביי מיין פענצטער

### (פון דעם בוך „אין סיגעיט ביים ים”)

ביי מיין פענצטער שטייט אַ בוים
אָנגעטאָן אין שווייגן,
אויף אַ בלעטל — לעצטער טרוים —
ס'ציטערן די צווייגן.

קומט דער ווינטער אָן אַהער
אַ בייזער און אַ כעסן,
פוצט דער בוים זיך פלוצעם אוים —
פוצט זיך אוים אין ווייסן.

קומט דער פרילינג נאָר צו גיין,
נעמען צווייגן גרינען,
הייבט דער בוים שוין ווייטער אָן
אַ נייעם חלום שפינען.

ביי מיין פענצטער שטייט אַ בוים,
שפּרייט אוים זיינע צווייגן,
קומט דער האַרבסט נאָר צוגיין —
שטייט דער בוים אין שווייגן.



www.libtool.com.cn

מיין בילד ווי ס׳דערשיינט אין מיין בוך „אין סיגייט ביים ים״

www.libtool.com.cn

יידישע קריטיקער האָבן זיך זייער פֿיין אָפּגערופֿן וועגן מיינע לידער. איך פֿאַרמאָג אַ גרויסן אַרכיוו מיט גאָר פֿריינדלעכע בריוו פֿון אַ סך יידישע שרייבער, וועלכע האָבן מיר צוגעגעבן מוט. דאָס וואָס איך האָב באַקומען אַ ביסל אָנערקענונג פֿון יידישע שרייבער און רעדאַקטאָרן, האָט מיר אויך געבראַכט געזעלשאַפֿטלעכע אָנערקענונג. די פֿרויען־פּיאָנערן האָבן מיך אָנגאַזשירט צו באַזוכן פֿאַרשיידענע שטעט אויפֿצוטרעטן אויף פֿאַרזאַמלונגען און פֿאָרצולייענען מיינע לידער. אין יענער צייט האָט מיר דער יידישער שרייבער משה שטאַרקמאַן אַ נאָמען געגעבן „די יידישע טרובאַדורין" און דער נאָמען איז מיר לאַנג געבליבן. אברהם רייזען, וואָס האָט מיך געהערט דעקלאַמירן מיינע לידער, האָט מיר געשריבן זייער וואַרעמע בריוו, אַז „איירע לידער, וועלכע איר האָט דעקלאַמירט האָבן מיך דערקוויקט". „איר זענט אַן עכטע דיכטערין, אייער ליד דו־דו־דו, ווען מען זינגט עס, איז עס דאָס שענסטע פֿון יידישן געזאַנג־רעפּערטואַר. עס איז אַ ליד פֿון עקסטאַז."

הערמאַן גאָלד האָט מיר געשריבן: „איך שפּיגל מיך אין אייער שיין ביכל. מיט אַזאַ צאַצקע, אַז איר גיט אַ פּאָר אַרויס, זענט איר דאָך דער אמתדיקער שליח פֿון יידישן ליד. טאָ פּאָרט אַרויס און זאָל אייער ליד קלינגען פֿון האָדסאָן ביז וואַנקוּווער".

דר. א. מוקדוני האָט געשריבן אין „מאָרגן זשורנאַל" אַז — „עליזה גרינבלאַטס לידער זיינען זיס־מעלאַנכאָלישע. איך זאָג עס נישט לגנאי, ווייל וואָס עס איז עכט איז שיין און די זיסע מעלאַנכאָלישקייט איז עכט ביי עליזה גרינבלאַט. זי פֿאַרמאָגט אַ ים מיט צאַרטקייט און ווייכקייט... עס איז דאָ האַרציקייט אין אירע לידער, פּשוטע האַרציקייט, איינפֿאַכע האַרציקייט פֿון אַ האַרציקן מענטשן".

י. זילבערבערג, דער ראַפֿינירטער ליטעראַטור־קריטיקער, האָט אין „קולטור און דערציאונג" געגעבן אַ לענגערע אָפּהאַנדלונג פֿון די צוויי ביכער „איך זינג" און „איך און דו". ער שרייבט: „עס איז שווער צו געפֿינען די השפּעה פֿון פֿרעמדע דיכטער אין עליזה גרינבלאַטס שאַפֿונגען, הגם דאָ און דאָרטן זעט מען ביי איר דעם איינפֿלוס פֿון מאַני־לייבן, מאָריס ראָזענפֿעלדן אָדער אברהם רייזענען, אָבער בדרך כלל זינגט די דיכטערין אויף איר אייגענער לירע. אויב שוין רעדן וועגן דרויסנדיקע איינפֿלוסן איז עס די צאינה וראינה, וואָס די דיכטערין האָט מסתמא איינגעזאַפּט פֿון איר פֿריסטער קינדהייט אָן. ׳דו, דו׳, ׳איך דאַנק דיר גאָט׳, ׳מיינע פּערל׳ פֿאַרמאָגן אַזאַ אמתע פּשטות, וואָס האָט באַריר־פּונקטן מיט עכטער פּאָעטישקייט. עס שטראָמט פֿון זיי אַזוי פֿיל צאַרטקייט,

www.libtool.com.cn



אַ פאָטאָגראַפיע גענומען פון מאַרטין גאָלדמאַן זיצנדיק ביי מיינע מחותנים
אין פילאַדעלפיע אין גאָרטן

www.libtool.com.cn

געפּילפּולקייט און נשמהדיקייט. עליזה גרינבלאַט האָט אויך געשריבן אַ סך קינדער־לידער, זי האָט אַפילו אַליין פאַרפאַסט די מוזיק צו אַ סך פון אירע קינדער לידער. די דיכטערין איז אין איר שרייבן קינדיש־שיין, נאַאיוו־אומשולדיק און באמת באַשיידן. ניט אין אירע קינדער לידער אָדער, בעסער געזאָגט, אין אירע לידער, עפּעס, וואָס איז שלעכט און מיאוס, ווער שמועסט פון גרויזאַמקייט. ניט בלויז איז דאָס נישט איר זשאַנער פון שרייבן, נאָר דאָס איז קעגן דער שרייבערינס גאַנצן וועלט־באַנעם. אין דעם ביכל לידער „איך און דו" אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז די דיכטערין אין איר גייסטיקער וואַכקייט. אירע 'ליבע־לידער' זייַנען צאַרט און איידל און עס רוט אויף זיי אַ יוגנטלעכע פרישקייט. זיי פאַרמאָגן אין זיך עפּעס פון דעם היינעשן ליבע־רייץ, אָבער אָן זיין סאַרקאַזם".

„עליזה גרינבלאַט — שרייבט ש. טענענבוים — פאַרפאַסט אַליין די מעלאָדיעס צו אירע לידער. זי געהערט נאָך צו יענער ראַסע פון דיכטער, פאַר וועמען דאָס ליד אַליין איז נישט גענוג. די אוראַלטע דיכטער האָבן פאַרפאַסט זייערע לידער און האָבן זיי אַליין געזונגען. און עליזה גרינבלאַט געהערט נאָך צו יענער צייט, ווען וואָרט און געזאַנג גייען האַנט אין האַנט געשלאָסן".

יעקב גלאַטשטיין האָט אין אַ גרעסערן עסיי אין „יידישן קעמפער" („וועגן אויסגעטראַכטע און אמתע ליבע־לידער") געשריבן: „עליזה גרינבלאַט האָט שוין ביז איצט אַרויסגעגעבן דריי ביכלעך לידער. זי איז אַ טרובאַדורין, ווייל זי פאָרט אַרום מיט אירע לידער און זי זינגט זיי בציבור, אָפט מיט איר אייגענער צוגעטראַכטער מוזיק. אויף וויפל מיר איז באַקאַנט האָבן מיר נישט נאָך אַזאַ טרובאַדורין פון אירע אייגענע לידער. דער לעצטער פון דעם מין איז געווען שמולעוויטש, וואָס האָט אַליין געהאָלפן פּאָפּולער מאַכן זיין „טליתל" און זיין „בריוועלע דער מאַמען". מען דערציילט מיר, אַז אַ סך פון עליזה גרינבלאַטס לידער ווערן געשמאַק געזונגען איבער גאַנץ אַמעריקע. אויב אירע לידער זאָלן זיין טעמאַטישער אויסוואַל וואָלט מען געקאָנט זאָגן, אַז זיי הייבן אָן אַ קאַפּיטל פון אַ גאַנץ ריינעם און ציכטיקן סאָנג־מאַטעריאַל אין יידיש... אַ טרובאַדורין איז איינגעפאַלן דער גליקלעכער געדאַנק, אַז ליבע איז אויך אַ גאַנץ גוטע טעמע. אפשר מעג דער געדאַנק אויך איינפאַלן על־טערע פּאָעטן, כדי אַריינצוגעבן אַ ביסל ליבשאַפט אין דער „צער און צאָרנ־דיקער" יידישער פּאָעזיע?"

וואָס שייך ש. ניגער האָט ער אָט וואָס אָנגעמערקט: „ווען מ'וואָלט

www.libtool.com.cn

ביי אונדז אַרויסגעגעבן אַ פּריז פאַר קינדער־לידער וואָלט איך פאָרגע־שלאָגן עליזה גרינבלאַטס בוך איך זינג״.

***

איך לעב איצט אין מיין פיין מעבלירטער וואוינונג אין סיגעיט. די ווענט פונעם צימער זיינען באַהאַנגען מיט בילדער און מיט דערמאָנונגען פון די אַלע יאָרן פון דער פאַרגאַנגענהייט — מיט בילדער פון איזידאָרן, פון דער מאַמען, פון קרובים, פון פריינד און אויך פון מיינע קינדער, איידעמס, שנורן און אייניקלעך, וועלכע לעבן צעשפּרייט איבער אַמעריקע. אונטן געפינען זיך די שטילע געסלעך פון דעם שמאָלן און אָפּגעגרענעצטן סיגעיטער האַלב־אינזל, אין וועלכן עס דרינגט נישט אַריין דער געטומל פון דער אַכט־מיליאָניקער שטאָט. דאָס האַלב־אינדזל איז פון דריי זייטן אַרומגענומען מיטן ים און פון דער פערטער זייט, לענגאויס דעם אָפענעם גאָקעאַן, ציט זיך דער באָרדוואָק ווייט אַריבער דעם פאַנטאַסטישן לונאַ־פּאַרק פון קאָני־איילענד און ביז צו די ווייטקייטן פון בראַיטאָן.

דאָ, אויף די ברעטער פונעם באָרדוואָק, וואָס זיינען שטיל און ליידיק אין די קאַלטע חדשים פון ווינטער און וואָס ווערן אָנגעפילט מיט אַ היל־כיקן געטומל אין די ליכטיקע טעג פון זומער, דאָ האָבן אַמאָל געשפּרייזט אַזוי פיל פון דער יידישער מחנה שרייבער, אין די ווייטע און יונגע יאָרן, ווען סיגעיט איז געווען דאָס ראָמאַנטישע זאַמל־אָרט פון יידישע קינסט־לער. נאָך היינט, ווען איר שפּרייז אין די פרימאָרגנס אָדער אין די אָוונטן איבערן באָרדוואָק, פיל איך זייער אָנוועזנקייט און הער זייערע טריט. די לאַנגע יאָרן האָבן נישט אַוועקגעווישט דעם עכאָ פון זייערע שטימעס, דעם קלאַנג פון זייער לאַכן און זייער שטילן געפליסטער.

איך בין אַרומגערינגלט מיט אַ סך האַרציקע חברים און פריינד; מיינע איבערגעגעבענע טייערע קינדער און אייניקלעך גיבן מיר אָפּ גרויס כבוד און ליבשאַפט, קומען צו מיר, נעמען מיך צו זייערע היימען און אַוודאי צו אַלע זייערע שמחות. ווי פריער דערמאָנט, איך בין אַקטיוו אין פאַרשיידענע יידיש־נאַציאָנאַלע און קולטור־אָרגאַניזאַציעס. יעדער נייער טאָג באַנייט מיין לעבנס־פרייד. איך שרייב און דרוק לידער אין פאַר־שיידענע זשורנאַלן, גיב מיין באַשיידענעם ביישטייער צו באַרייכערן אונ־דזער פרומיק לעבן.

איך בעט ביי גאָט — ווען מיין שעה וועט קומען
זאָל איך זיין ביים זינען,
וועל איך מיט אַ שמייכל פאַרענדיקן מיין לעבן,
צואוואַרפן דער וועלט אַ קוש,
דאַנקען גאָט פאַר דער פרייד וואָס ער האָט מיר געגעבן.

www.libtool.com.cn



אַ פּאָרטרעט פון עליזה גרינבלאַט, געצייכנט פון ענריקאָ גליצענשטיין